STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09211

A MEYDL FUN MINSK

Alexander Pomerantz

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. פּאָמעראַנץ

א מיידל פון מינסק

א בריוו צו די לייענער

„אַ מיידל פון מינסק" איז מיין באַשיידענער צושטייער צום גרויסן יום־טוב פון 25 יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד. אין אַ געוויסן זין גפין איך זיך איצט אין אַ „פאַרלעגנהייט מחמת עשירות". וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָב איך גרייט צום דרוק מאַטעריאַל פאַר 500 זייטן. אָבער „מ אַ ט ע ר י אַ ל" איז איין זאַך און „מ אַ ט ע ר י ע ל" איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש. מאַטעריעל איז מיר געווען שווער אַרויסצוגעבן אַפילו די ערשטע 100 זייטן.

די קומענדיגע זאַמלונגען זיינען: 1. „קאַווקאַז" (הויפּטזאַכלעך רייזע־באַשרייבונגען); 2. „אַזוי פיל ליד אין יעדן מענטשן־קויל"; 3. „אינזשע־נערן פון נשמות" (קריטישע עסייען און אָפּהאַנדלונגען וועגן דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור); 4. „אַ רייזע אין דער צוקונפט" (עטיודן אָדער פאַרצייכענונגען און עסייען). די 5 ביכער וועלן פאַקטיש מיט זיך פאָר־שטעלן איין גאַנצן און גרויסן בוך, וואו עס וועלן געשילדערט ווערן די פאַר־שיידענע זייטן פון דעם עקאָנאָמישן און קולטור־לעבן פון די אידן אין סאָוועט־פאַרבאַנד בפרט און פון סאָוועטישן לעבן און קאַמף בכלל.

כיהאָב זיך אין זיי באַמיט דורכצופירן די אָנווייזונג פון אָטאָ שמידט (זע „דער סוד פון סטאַלינגראַד"), אַז אַלץ און אַפילו די סאָוועטישע העל־דישקייט „קאָן מען און דאַרף מען שילדערן פּראָסט־פּשוט פון קאָנקרעטע פאַלן און מאַטעריאַלן" און פון קאָנקרעטע לעבעדיגע מענטשן. כיהאָב אַריינ־געגעבן אין דעם בוך עטלעכע אַקטועלע אַרטיקלען, וואָס זיינען געווען גע־דרוקט אין דער „מאָרגן־פרייהייט", ווייל איך האָב געוואָלט קאָנקרעט און דירעקט זאָגן אויך מיין וואָרט צו הילף דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דעם קאַמף פון אַמעריקע און די פעלקער פון דער גאָרער וועלט געגן די נאַצישע, פאַשיס־טישע און יאַפּאַנישע קאַניבאַלן.

דאָס בוך ווידמע איך מיין פרוי פרעניס, וואָס האָט געטיילט מיט מיר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ סך פון דעם באַשריבענעם. ביי דער געלעגנהייט וויל אי דאַויך אויסדריקן מיין דאַנק די רעדאַקציע־קאָלעגן פון דער „מאָרגן־פרייהייט" און די אַנדערע פריינט, וואָס האָבן מיך דערמוטיגט צו פאַר־עפנטלעכן דעם מאַטעריאַל אין בוך־פאָרם. אַ באַזונדערן דאַנק די קינסטלער גראָפּער און זוני מאָוד פאַר זייערע צייכענונגען.

און צום סוף אַ וויכטיגער פּראָזאַאישער ענין. איך דרוק ניט די ביכער צוליב פּראָפיטן, חס ושלום. נעם איך זיך די דרייסטקייט רופן די לייענער, פריינט, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, פון אַלע אָרגאַניזאַציעס און לייען־קרייזן אין ניו יאָרק און איבערין לאַנד צו העלפן פאַרשפּרייטן דאָס בוך צווישן זייערע פריינט און אָרגאַניזאַציעס און מיר באַזונדערס העלפן אַרויס־צוגעבן די ווייטערדיגע מאַטעריאַלן וועגן קאַווקאַז א. אַז. וו. דער איינצל־פאַרקויף פרייז איז 35 סענט, פאַר אָרגאַניזאַציעס און אַ גרעסערער צאָל עקזעמפּליאַרן — 25 סענט. יעדערן פון די פריינט בעט איך דעריבער מיר אַריינשיקן אין פאָראויס כאָטש פאַר נאָך איין ביכל, אָדער צוויי אָדער דריי (אויך אין סטעמפּס) אָדער איין דאָלאַר — פיר קוואָדערס — פאַר די קומענ־דיגע זאַמלונגען (פאַר גרעסערע ביישטייערונגען וועל איך געוויס דאַנקבאַר זיין) אויפן אַדרעס:

A. Pomerantz, 314 Garfield Pl., Brooklyn, N. Y.

אָדער אויפן אַדרעס פון דער „מאָרגן־פרייהייט". איר קאָנט מאַכן אייערע באַשטעלונגען פאַר אַ „מיידל פון מינסק" ניט נאָר דירעקט ביי מיר, נאָר אויך ביי די נאַציאָנאַלע און שטאָטישע אָפיסעס פון דעם איקאָר, איקוף, און ביי די בוך־געשעפטן פון אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן און „מאָרגן־פרייהייט".

א. פּאָמעראַנץ.

אַ מיידל פון מינסק

געווידמעט די אידישע און ניט־אידישע פרויען פון דער גאָרער וועלט, וועלכע קעמפן צוזאמען מיט די מענער געגן דער ברוינער, געלער און שוואַרצער פעסט.

מען ווייזט איצט אין אַמעריקע דעם סאָוועטישן פילם „אַ מיידל פון לענינגראד". אין דער אמת'ן — אַ גאַנצע גרופּע מיידלעך פון לענינגראד, געוויינלעכע, דורכשניטלעכע, איינפאַכע סאָוועטישע מיידלעך, וועלכע ווערן

יודעס גראַזאָווסקי

פאַרוואַנדלט אין העלדן, ווען די אומשטענדן שאַפן פאַר זיי די געלעגנהייט זיך אַרויסצואווייזן אין זייער גאַנצן פיזישן און גייסטיגן פּראַכט און רייץ. אין דער פאַרצייכענונג וועל איך פּרובירן דערציילן וועגן דער העלדישקייט פון „אַ מיידל פון מינסק", וואָס האָט געהייסן יודעס.

דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשה. איך באַנוץ זיך אַפילו מיט דאָקומענטן, ווי בוכשטעבלעכע, ניט־צוגעפּראַוועטע, אויסצוגן פון אירע בריוו — רוי־מאַטעריאַלן פאַר אַ גרויסן ראָמאַן אָדער דראַמע און פילם. יודעס

האָט זיי כמעט אַלע געשריבן ביי דער אַרבעט, מערסטנס מיט אַ בלייסטיפט, און זיכער ניט גע'חלום'ט, אַז מען וועט ווען עס איז זיי אָפּדרוקן.

זיי באַווייזן אָבער די אַלטעגלעכע העלדישקייט, אָפּטימיזם, ברען און דערהויבענע שעפערישקייט פון אַן איינפאַך סאָוועטיש אידיש מיידל נאָך לאַנג פאַר דער איצטיגער מלחמה. און איר קענט זיך און וועט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן, אַז זי אַרבעט איצט, אין דער צייט פון דער איצטיגער פּאַטריאָטישער פאָלקס־מלחמה, ווי דאָס „מיידל פון לענינגראַד".

— באַקענט זיך מיט יודעס'ן!

דאָס האָט מיר געזאָגט אַ יונגער אידישער דיכטער אויף אַ ליטעראַרישן אָוונט אין מינסק. ס'איז געווען הארבסט 1932, עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

האָב איך זיך באַקענט מיט יודעס'ן. און ס'איז כדאי, אַז אויך די לייענער זאָלן זיך מיט איר נאָענטער באַקענען.

זי איז נאָך דעמאָלט קיין פולע 21 יאָר ניט אַלט געווען, אַ מיידל פון מיטעלן וואוקס, אָבער שלאַנק, ענערגיש, רירעוודיג, מיט אַן אָוואַלן פּנים, העלע, קופּער־רויטלעכע האָר, גרויסע מאַנדל־ברוינע אויגן, אַ געשניצט, עטוואָס פאַרריסן נעזל, שמאָלע, פאַר'עקשנ'טע ליפּן און אַ שאַרפן קין. איר שטימע האָט געקלונגען זייער אַנגענעם און גערעדט האָט זי אַ גוטן ליטעראַרישן אידיש, כמעט אָן פּרעמד־ווערטער.

— מסתמא אַ יונגע אידישע פּאָעטעסע אָדער שריפטשטעלערין, — האָב איך געטראַכט. באַלד אויך דערפילט, אַז דער יונגער אידישער דיכטער איז צו איר ניט גלייכגילטיג, אַז זיי האָבן זיך ליב. זייער נייגעריג בין איך געוואָרן, ווען אויף מיין פראַגע וועגן איר באַשעפטיגונג, האָט זי קורץ געענטפערט: „פּראָראַב".

נו, דאָס איז געווען פאַר מיר אַ נייעס. כ'האָב גוט געקענט רוסיש, האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין אַ ניי־צוזאַמענגעזעצט וואָרט. אָבער ביז דעמאָלט איז מיר ניט אויסגעקומען צו הערן דעם אויסדרוק. אויפן מאָמענט האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז דאָס מוז זיין אַ באַצייכענונג פון אַ טוער אויף אַ באַשטימטן קולטור־געביט, אַז זי איז מעגלעך אַ סטודענטקע פון אַ געוויסן קורס, ווי לאָמיר זאָגן, „דיאַמאַט", וואָס איז געווען אַ פאַרקירצונג פון די ווערטער „דיאַלעקטישער מאַטעריאַליזם".

ווי איבערראַשט בין איך אָבער געוואָרן, ווען זי האָט מיר געפּרואווט דערקלערן, אַז „פּראָראַב" איז אַ פאַרקירצונג פון די רוסישע ווערטער „פּראָאיזוואָדיטעל ראַבאָט" (דורכפירער פון אַרבעט, עקזעקוטיוו־באַאַמטער, פאָרמאַן), אַ מין בוי־אינזשינער, אָדער ווי זי האָט ענדלעך פּשוט געזאָגט: — איך בוי געביידעס!

אַ מיידל, אַ אידיש מיידל דערצו, זאָל בויען געביידעס, זאָל זיין אַ פאָרמאַן, אַ בוי־אינזשינער — דאָס האָט מיך שטאַרק פאַראינטערעסירט. האָב איך אַביסל שפּעטער אויסגעפונען, אַז זי האָט מיט אַ פּאָר יאָר פריער גראַדואירט פון אַ בוי־טעכניקום, באַלד נאָכדעם געאַרבעט אַלס „פּראָראַב", אונטער דער אָנפירונג פון העכערע אינזשינערן, ביי גרויסע בויאונגען, ווי די מינסקער עלעקטראָ־סטאַנציע און אַנדערע פאַבריקן און וויכטיגע רעגירונגס־געביידעס. פאַר איך אויסגעצייכנטער אַרבעט איז זי איצט דערהויבן געוואָרן צו זיין „פּראָראַב" פון דער בוי־אַרבעט אויף דער נייער ריזיגער פאַבריק־קוכניע. אין די אָוונטן לערנט זי נאָך אויף ספּעציעלע קורסן אין

דעם מינסקער בוי־אינסטיטוט זיך מער צו פארפולקאמען אלס בוי־אינ־זשינער.

יודעס האט מיר ביי דער ערשטער באגעגעניש צוגעזאגט ווייזן די פא־בריקע־קוכניע, וואס זי האלט איצט אין בויען. און אט בין איך אמאל צו־זאמען מיט איר געליבטן אידישן דיכטער געקומען צום בוי־פלאץ, וואס האט זיך געפונען נאענט פון דער הויפט־גאס סאוועטסקאיא (זאכארעווסקאיא). דער ריזיגער שטח פון דער בויאונג איז געווען פארוועבט מיט הילצערנע רישטאוואניעס. בערג מיט ציגל, ליים, וואפנע, צעמענט און בוי־מכשירים. געזען אפילו מאדערנע הויב־מאשינען (דעריקס), וואס ווערן גענוצט אין אמעריקע. מ'האט שוין דעמאלט גאנץ היפש אריינגעארבעט אין דער גע־ביידע. עטלעכע פארטיגע שטאקן. סע איז שוין אפילו געווען אויפגעבויט א גרויסע שטיק פון דעם לאנגן ציגלנעם פאבריק־קוימען, וועלכער האט אויסגעקוקט ווי א געפלעקטער זשיראפן־האלז. עס האבן דערביי געארבעט א פאר הונדערט ארבעטער—מוליארעס, ציגל־טרעגער, סטאליארעס, וואפנע־מישער, שלאסערס, „וואדאפראוואדטשיקס" (וואסער־לייטונג ארבעטער, פלאמבערס בלע"ז), א. אז. וו.

ס'איז אנגעקומען דער ווארמעס־איבעררייס און יודעס האט געהאט א גאנצע פרייע שעה. פון אנהויב האב איך זי ניט דערקענט, ווען יודעס איז צו אונז צוגעלאפן זיך באגריסן. זי איז געווען אנגעטאן אין די ספעציעלע ארבעט־קליידער, געטראגן א היטל מיט א דאשעק, טאקע ווי א פארמאן. זי דערציילט מיר באלד אין שנעלע, אויסגעהאקטע זאצן, וועלכע האבן זיך גע־לייגט ווי א ציגל אויף א ציגל, אז דאס איז די ערשטע קיך־פאבריק אין גאנץ ווייס־רוסלאנד, אז די מינסקער פאבריק וועט ארויסגעבן טעגלעך 40 טויזנט מיטאגן חוץ אנדערע מאלצייטן, אז א גרויסער רעסטאראן וועט אויך זיין אין דער געביידע, און אז די פאבריק־קוכניע איז איינגעשלאסן אין דעם פינף יאר פלאן, ווי איינע פון די וויכטיגסטע נייע בויאונגען.

און באלד האט זיך צווישן אונז אנגעהויבן דער פאלגנדיגער דיאלאג: איך האב געפרעגט און זי האט געענטפערט:

— ווי קומט דאס, וואס איר האט אויסגעקליבן פאר זיך אזא מאדנע, ניט קיין געוויינלעכע פרויען־קאריערע?

— איך ווייס ניט פארוואס דאס איז מאדנע. ביי אונז אין (סאוועטן) פארבאנד מאכט מען ניט קיין אונטערשייד. פרויען געפינען זיך אין אלע פראפעסיעס, אין אלע אינדוסטריען. יעדע פרוי, ווי יעדער מאן, קאן זיך אויסקלייבן די קאריערע, וואס איז זיי נאענטער צום הארצן.

— אבער פארוואס גראד בוי־ארבעט?

— דאס איז א לאנגע געשיכטע. דעם אמת זאגנדיג האב איך באשלא־סען צו טאן די ארבעט נאך אין דער אידישער מיטל־שול. מ'האט שוין א סך געשריבן און גערעדט וועגן דעם פינף יאר פלאן. מען האט אונז אמאל גענומען זען אן אויסשטעלונג. אויף א וואנט האב איך דארטן געזען א מאפע פון דעם סאוועטן־פארבאנד מיט עלעקטרישע לעמפלעך פון פאר־שיידענע קאלירן, וועלכע האבן באלויכטן אלע פונקטן, וואו מען וועט אויפשטעלן די נייע געביידען פון דעם ערשטן פינף יאר פלאן. דאס האט מיך גוואלדיג באגייסטערט. ס'האט זיך מיר שטארק געוואלט, אז ווען איך וועל אויסוואקסן זאל איך אליין צולייגן א האנט צו דער בויאונג און פארווירקלעכונג פון דעם שיינעם, וואונדערלעכן גרויסן פלאן. און דע־מאלט איז מיר איינגעפאלן א געדאנק: פארוואס מוז איך עפעס ווערן א

לערער צי א דאָקטאָר, ווי מיינע עלטערן האָבן געוואָלט איך זאָל ווערן? פאַרוואָס, וואָלט איך אויסגעדריקט מיינע דעמאָלטדיגע געדאַנקען, זאָל איך עפּעס העלפן בויען דעם פּלאַן נאָר פיגוראַטיוו, אומדירעקט. פאַרוואָס זאָל איך ניט ווערן אַן אוממיטלבאַרער, בוכשטעבלעכער בויער, טאַקע לייגן אמת'ע ציגל, מיט די אייגענע הענט ממש, ניט קיין בילדלעכע, אויפן פּאַפּיר און אין געדאַנק; פאַרוואָס טאַקע ניט בויען קיין אמת'ע בנינים און מויערען פאַר די פאַבריקן, עלעקטרישע סטאַנציעס, זאַוואָדן־גיגאַנטן, א. אַז. וו. האָב איך פאַרענדיגט א בוי־טעכניקום און — אָט בוי איך די פאַבריקע־קוכניע!

— פאַלט אויף אייך ניט שווער אזא אַרבעט?

שווער? יאָ און ניין! פיזיש אפשר שווער. שווערער פון אנדערע מלאכות. מען אַרבעט אינדרויסן. ווינטער איז זייער קאַלט. א סך קאָפּדרייעניש. עס פעלן אַרבעטער, עס פעלן פאַרשיידענע מאַטעריאַלן. אָבער אויך גרינג. ווי גרינג עס אַרבעט זיך, ווען איר ווייסט, אַז דאָס איז די ערשטע פאַבריק־קוכניע אין מינסק, א פונקט, וואָס איז מיט עלעקטריש ליכט פאַרצייכנט אויף דער מאַפּע פון דעם פינף יאָר פּלאַן. אָט קוק איך אויפן קוימען פון דער פאַבריק. מיט יעדן טאָג וואַקסט ער העכער, העכער, אַרויף, אַרויף צום הימל — וואָס פאַר א ליבער „קראַסאַוועץ" ער וועט דאָס זיין. און איך פיל — איך וואַקס מיט אים — דאָס האָב איך דאָך אים געבויט מיט אַזוי פיל זאָרג און מי. ס'איז מיין קאָמפּאָזיציע, מיין שאַפונג, מיין ליד צום פינף יאָר פּלאַן.

— און זיי ניט אייפערזיכטיג אויף מיין וואַקסנדיגן קראַסאַוועץ: כ'האָב אייך ביידע אַזוי שטאַרק ליב, — האָט זי זיך אָפּגערופן צום יונגן דיכטער און בשעה מעשה זיך פאַררויטלט און געגעבן אַזא שעמעוודיגן קוק אויף מיר איבער איר פּלוצים'דיגן לירישן אויסגום.

מער האָב איך שוין גאָרניט געפרעגט. ס'איז פאַר מיר געוועזן אַזוי ניי און אומגעריכט איר לעצטער שטימונגפולער, בילדלעכער ענטפער. זי האָט גערעדט מיט אַזוי פיל פאַרליבטקייט און איבערצייגונגס־קראַפט און גלייכצייטיג אַזוי פשוט, נאַטירלעך און אויפריכטיג. און מאָדנע: פאַרוואָס האָב איך ניט באַנומען אַזעלכע וואונדערלעכע אמת'ן? פאַרוואָס האָב איך אַליין ניט באַנומען די שיינקייט פון א קוימען, דאָס געזאַנג פון פאַבריקע־קוכניעס, דעם צויבער פון א מאַפּע פון 5 יאָר פּלאַן, די סאָוועטישע פּאָעזיע, סאָוועטישע ליבע?

סאָוועטישע ליבע

דער יונגער אידישער דיכטער האָט מיר אַמאָל געוויזן דאָס באַרימט פאָטאָגראַפיש קאַרטל, ווי לענין זיצט אין זיין אַרבעט־צימער. אויף דער וויסער זייט פונם קאַרטל איז געוועזן אָנגעשריבן:

„דאָס בילד פון אונזער גרויסן פירער זאָל דיר דערמאָנען אָן אונזער גרויסער ליבע.

י ו ד ע ס.

אַפּריל 25, ס'צווייטע יאָר פון 2טן 5 יאָר פּלאַן".

ווי וואונדערלעך ביי יודעס'ן האָט זיך דאָ אָרגאַניש געקניפּט און געבונדן איר פּערזענלעכע ליבע מיט איר ליבע פאַרן גרויסן פירער, איר אינ־

דיווידועל לעבן מיט'ן סאָציאַלן לעבן, איר יחיד'ישע ליריק מיט דער עפּיק פון כלל — וואָס פאַרא האַרמאָנישע איינהייט צווישן דעם איינצלנעם און דער געזעלשאַפט!

ווי גענױאַל־קורץ דאָס אידישע יונגע אַרבעטער־מיידל האָט דאָס אויס־געדריקט אין דעם אויבנגעבראַכטן זאַץ!

און ווי גליקלעך איז דער סאָוועטישער מענטש, וואָס ציילט זיינע באַ־וואוסטזיניגע יאָרן און טעג זינט דעם אָנהויב פון די 5 יאָר פּלענער! דאָס איז דאָך ווירקלעך אַ נייער קאַלענדאַר פון אַ נייער עפּאָכע אין דער מענטש־לעכער געשיכטע, אַ נייע צייט־רעכענונג פון דער נייער פּרוי, פון דעם נייעם איד, פון דעם נייעם מענטש מיט נייע געפילן, מיט סאָוועטישער ליבע.

:: :: ::

איך בין דערנאָך אָפּגעפאָרן פון מינסק, זיך באַזעצט מיט מיין פּרוי אין קיעוו. שפּעטער איז יודעס'עס געליבטער אויך אַהין געקומען. מיר האָבן זיך געפונען אין איין לערן־אַנשטאַלט. יודעס האָט געשריבן בריוו צו אונז און מיר האָבן געענטפערט.

אין אַ בריוו צו מיר און מיין פּרוי פון 27טן אויגוסט (1934) שרייבט זי:

„מיינע ליבע!

„ס'איז אַ הייסע צייט, שניט־צייט אין פאַרבאַנד און מיר גיבן היינט־מאָרגן אָפּ די „פּאָסטראָיקע" (די נייע געביידע. עס איז געווען אַ וואַלד־שול פאַר קינדער — א. פּ.). אַלע זיינען מיד און געשפּאַנט. די קאָמיסיע „פּאָ פּריאָמקע" (די רעגירונגס־קאָמיסיע, וואָס נעמט איבער די פאַרטיגע געביידע — א. פּ.) פון דעם בוי־טרעסט איז זייער אַן ערנסטע"...

ווידער איז דאָ האַרמאָניש פאַראייניגט אין איין שורה דאָס אַלגעמיינע — די הייסע שניט־צייט פון גאַנצן סאָוועטן־לאַנד מיט איר פּערזענלעכער הייסער צייט פון אָפּגעבן די געביידע, וואָס זי האָט געבויט.

און ווייטער אינעם זעלבן בריוו שרייבט זי וועגן איר גרייטן זיך אָפּצו־פאָרן קיין ביראָ־בידזשאַן:

„... אויב אין אַן אַנדער אָרט זיינען דאָ מער בויער, וועל איך דאָך אין ביראָ־בידזשאַן נאָך שטאַרקער צוניץ קומען ווי ערגעץ אַנדערש. איך וואַרף דאַן דעם לערנען דאָ. כ'וועל, אויב מעגלעך, פון דאָרט אויסשרייבן אַ הינ־טעראַוויגין אינסטיטוט און פאָרזעצן מיין לערנען. ...דערווייל איז פאַראַן אַרבעט אַריבער און אַריבערן קאָפּ. כ'גרייט און גיב אָפּ „זאַטשאָטן" (עקזאַמענס פון באַשטימטע געגנשטאַנדן — א. פּ.), ניט געקוקט אויף דעם וואָס כ'וויים, אַז כ'וואַרף דעם לערנען און פאָר קיין ביראָ־בידזשאַן. דאָך איז מיר ליב, נאָך מער ווי פריער, אָפּצוגעבן און גרייטן, צו עפּעס איילן זיך און אויף עפּעס וואַרטן"...

די אַלגעמיינע געזעלשאַפטלעכע נויטן פון לאַנד ווערן דאָ ביי איר גע־שטעלט פריער און וויכטיגער איידער איר פּערזענלעכע אינדיווידועלע קאַר־יערע. און ס'ווילט זיך אויך אונטערשטרייכן אַזאַ פּרעכטיגע שורה, ווי „דאָך איז מיר ליב... אָפּצוגעבן און גרייטן, צו עפּעס איילן זיך און אויף עפּעס וואַרטן". דאָ האָט איר אויך דעם שטריך פון „קאָנצענטרירטן אָפּטימיזם" פון דעם סאָוועטישן, סאָציאַליסטישן לעבנס־שטייגער.

דער ענין ביראָ־בידזשאַן פאַרנעמט אַ היפּשן אָרט אין אירע בריוו. אין אַ צווייטן בריוו שרייבט זי:

„... יאָ, איך פאָר קיין ביראָ־בידזשאַן. דאָס איז ניט קיין „אינמיצקע־

דערינען" געדאַנק. כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט געמאַכט קיין ערנסטע שריט אײדער איך טראַכט זיי ניט אַדורך ווי ס'באַדאַרף צו זיין. זינט איך געדענק זיך פאַר אַ שטיקל מענטשן (אַ יאָר 9) האָב איך צוויי מאָל געפרעגט ביי אַנדערע אַן עצה. איינמאָל ביי אונזערס אַ פריינט, וואָס האָט געלעבט אויף דער וועלט אַמאָל מער ווי איך, און דאָס צווייטע מאָל ביי מיין טאַטן, וואָס איז מיר בלי ספק נאָר גוטס אויסן געווען. און ניט געקוקט דערויף האָבן מיר בײדע מאָל זייערע עצות נאָר עגמת־נפש און אומאַנגענעמלעכקייטן פאַרשאַפט. אָבער דאָס מאָל וועל איך טאָן ווי איך האָב באַשטימט, ניט געקוקט אפילו אויף דעם, וואָס די היימיגע קאָסט עס געזונט. כ'האָב גערעדט מיט חברים געקומען פון דאָרטן (גראָד בערגעלסאָנ'ען ניט געהערט). כ'וויס, אַז ס'איז זייער שווער, נאָר כ'וועל פאָרן און וועל אַרבעטן און מיין ווילן וועט מיר העלפן. אַז דער לערנען — איז מילא, וועל איך ווערן אינזשענער ניט אין 3 יאָר ארום איז אין 5־6 יאָר אַרום, כ'וועל ערשט דאַן אַלט זיין 27־28 יאָר".

דיזעלביגע סובאָרדינירונג, אונטערוואַרפונג פון אירע יחיד'ישע אינטערעסן צו די אינטערעסן פונם כלל. און דער באָלשעוויסטישער שטריך — ניט מורא האָבן פאַר קיין שום שוועריגקייטן. איר זעט דאָ אויך אַ מוסטער פון דער כאַראַקטער־פעסטקייט, זעלבסטשטענדיגקייט פון דער סאָוועטישער יוגנט. ענלעכע געדאַנקען און געפילן ווערן פון איר אויסגעדריקט אין פאָלגענדיגן בריוו אויסצוג:

„... דערווייל האָב איך מיט אַ פאָר טעג צוריק פאַנאַנדערגעאַרבעט אַ דעטאַלן פּראָיעקט פון ווינטערדיגער אַרבעט (פאַרסירן די אַרבעט ניט געקוקט אויף ווינטער און אויף דעם, וואָס אייניגע מאַטעריאַלן פעלן). און נעכטן איז דער פּראָיעקט איינשטימיג אָנגענומען געוואָרן. מ'האָט מיך דערביי אַזוי פאַרליבט, אַז כ'האָב מורא ס'זאָל מיט מיר ניט פּאַסירן, ווי איך האָב אַמאָל געלייענט ביי אַ געוויסן שרייבער, אַז „פאַראַן אַזעלכע ים־פויגלען, וואָס זיינען אָפט אַזוי פאַרטיפט אין באַוואונדערן זייערע אייגענע שיינע פעדערן, אַז זיי פאַלן אַראָפּ און ווערן דערטרונקען". נאָר דאָס, זייט זיכער, וועט מיט מיר חס ושלום ניט פּאַסירן. מאַלע וואָס לייט דוכט זיך. ...וואָס איז פאַרא קונץ דאָ צו אַרבעטן. מען דאַרף זיין דאָרט, וואו ס'איז שווער, דאָרט וואו מען דאַרף גאָר אַ סך, אַ סך אַרבעטן בכדי צו מאַכן ס'זאָל דאָרטן זיין כאָטש אַזוי ווי ביי אונז. און דאַן קען מען זאָגן, אַז דער וואָס טוט דאָרט ביי אַלע שוועריגקייטן אַ סך אויף, יענער איז טאַקע ווערט צו געניסן פון אַלדאָס גוטס וואָס ביי אונז אין לאַנד איז דאָ. און אויב איך וועל עס קענען דערווייזן, וועל איך ערשט דאַן ווערט זיין מען זאָל מיך לויבן. איצט אָבער ניט"...

וואָס פאַרא אויפריכטיגע באַשיידנקייט עס ווייעט פון די שורות, וואָס פאַרא עכט־סאָציאַליסטישער צוגאַנג עס איז אויסגעדריקט אין דעם געדאַנק: „דער וואָס טוט דאָרט ביי אַלע שוועריגקייטן אַ סך אויף, יענער איז טאַקע ווערט צו געניסן פון אַלדאָס גוטס וואָס ביי אונז אין לאַנד איז דאָ"! ווי שטאָלץ זי זאָגט עס „ביי א ו נ ז אין לאַנד"! ס'איז א י ר לאַנד און דערפאַר איז קיין זאַך ניט שווער.

..."מ'האָט מיר די טעג איבערגעגעבן נאָך אַ צווייטע „פּאָסטראָיקע" ניט ווייט פון מיין פריערדיגער, אַ געביידע פאַר לאַבאָראַטאָריעס פאַר אונזער אַקאַדעמיע. אַ וואונדערבאַרער אָרט. אַרום און אַרום סאָסנע־וואַלד און אַ באָטאַנישער גאָרטן... אַרבעט איז פאַראַן גענוג. און כ'זאָל נאָך צוגעבן

די געזעלשאפטלעכע אָנלאָדונגען, בלייבט ווייניג צייט אויף „פאַרפאַלן ווערן צוליב אַ געליבטן", ווי חבר ע. האָט עס אייך דאָרט אָפּגעמאָלט. מ'זאָל נאָך באַזוכן אַלע „סאָבראַניעס", „סאָוועשטשאַניעס" און ווייס איך וואָס, בלייבט שוין פאַרן געליבטן גאָר ווייניג צייט."

פאַרן פּערזענלעכן געליבטן בלייבט טאַקע ווייניג צייט, ווייל כמעט איר גאַנצע מי און ליבע גיט זי אַוועק „פאַר אונזער אַקאַדעמיע", פאַר די „וואונדערבאַרע" לאַבאָראַטאָריעס, סאָסנע-וועלדער, באָטאַנישע גערטנער און אַנדערע „פּאָסטראָיקעס" פון 5 יאָר פּלאַן, פון דעם סאָוועטן-פאַרבאַנד, פאַר דער בויאונג פון סאָציאַליזם. דער עיקר: „מיר זיינען לויט דער באַמיאונג פון ס. נ. ק. (סאָוועט נאַראָדניך קאָמיסאַראָוו — סאָוועט-רעגירונג — א. פ.) אינם צעטל פון די ערשט-ריייאיגע, „אודאַרנע סטראָיקעס" (שלאָגלעריש בויאונגען — א. פ.) ...ווי שטאָלץ זי זאָגט עס: „אונזער אַקאַדעמיע!"

אָדער זי שרייבט: ...„איר זאָלט מיר אומבאַדינגט שיקן די זייטלעך... וועגן אייך. ס'איז דאָך עפּעס מיין שטאָט כ. כ'האָב דאָרט אויף פּרעמיעראָווסקאַ אָנגעוואוינט גאַנצע 6½ יאָר. דאָרט האָב איך נאָך אין ליאַלקעס געשפּילט. דאָרט האָב איך אויף אַלע פענסטער און טירן שרייבן אָנגעהויבן. וויל איך וויסן, וואָס זאָגט מיין שטאָט וועגן אייך"... „מיין שטאָט", ס'איז איר אַקאַדעמיע, איר שטאָט און איר לאַנד. און... „ווי געפעלט אייך אונזער יום-טוב'דיגע מאָסקווע? אַזאַ האָב איך זי נאָך קיינמאָל ניט געזען"... „אונזער יום-טוב'דיגע מאָסקווע". ס'איז איר מאָסקווע אויך.

אָבער גראָד דערפאַר וואָס זי איז אַזאַ גרויסע אייגנטימערין, דער באַלעבאָס פון אַ גאַנצן לאַנד, פילט זי אַלעמאָל נאָך מער די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייטן דערפון און מוז פאַרבויגן איר פּערזענלעכן וואוילזיין, ווען דאָס קאָן שטערן דעם אַלגעמיינעם ...„דערווייל אַרבעט איך „ניע פּאָניזשאַיאַ טעמפּאָוו" (ניט פאַרקלענערנדיג די טעמפּן — א. פ.). כ'בין אַליין דער גאַנצער באַלעבאָס... וועל איך נעמען אורלויב ערשט נאָכדעם ווי כ'וועל אַרויספאָדערן די נויטיגע פאָנדען אין „גאָספּלאַן" אויף אַלע מאַטעריאַלן אויפן גאַנצן יאָר בויען און שליסן דעם גענעראַל-אָפּמאַך אויף קרעדיטן אין באַנק. און ערשט דאַן, אַפילו אויב איך זאָל דאָ מער ניט אַרבעטן, קאָן איך אַוועקגיין רואיג אין אורלויב"...

אָבער בויען דעם פינף יאָר פּלאַן איז ניט קיין קלייניגקייט, איז ניט קיין שפּילכעלע: שוועריגקייטן זיינען פאַראַן ממש אַ שרעק. אָט לייענט און איר וועט שוין אַליין זען:

...„ערשט איצט, אינם „פּראָבאַבסקן" היטל, ווי איר רופט עס, אַדורכגעלייענט אייער בריוו און ענטפער תיכף ומיד... אַרבעט איז געוואָרן נאָך מער. מיר האָבן צוגעזאָגט צו די יום טובים פאַרענדיגן די געביידע פון גאָרקאָם (געביידע פון דער שטאָט-רעגירונג — א. פ.). איז איצט „דושאַוואָן" און פאַרענדיגן מוז מען. לויף איך אַרום גאַנצע טעג ביז שפּעט אין אָוונט אי וועגן מאַטעריאַלן, אי וועגן געלט-ענינים. הכלל, אַרבעט אַריבערן קאָפּ... אָט האָב איך היינט קוים גע'פּועל'ט ביי מיין גלאַוו-אינזש. (הויפּט-אינזשענער — א. פ.) צו פאַרבייטן דוויסאָכאָווע באַלקעס אויף פּשוט'ע באַן-רעלסן. כ'האָב עס שוין לאַנג אויסגערעכנט און באַשטימט פאַרבייטן — האָט ער אַלץ ניט מסכים געווען. ערשט היינט גע'פּועל'ט. נאָך מיינע דערגרייכונגען ווילט איר הערן? געקראָגן (בסוד סודות) שטיוול און שיך

און וואַטנע קאָסטיומען און שוין פאַנאַנדערגעטיילט די גרעסטע טייל פון מיינע אַרבעטער.

„אַ טעפּער מניע וסיאַ ניע פּאַטשאַם!"

איצט וועלן זיי טאָן אַלץ וואָס מען דאַרף נאָר — פאַרגעלייגט אַרבעטן ביז יום טוב אין „וויכאַדניע" (פרייע טעג — א. פּ.) יעסט קאַפּיטאַן — ראַבאַטאַט בעז וויכאַדניק. אַלע ביז איינעם שוין יענעם „וויכאַדנאַי" געאַרבעט... כ׳האָב דעם בריוו געשריבן אינם וואַרמעס־איבעררייס. כ׳בין אָבער דערנאָך געבליבן אַרבעטן ביז היינט בייטאָג. מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט אַן אַרבעט, וועלכע האָט זיך ערשט געענדיקט. אַלע אַרבעטער זיינען זיך ערשט צעפּאָרן און איך פאָר אויך באַלד. ס׳איז שוין 3 בייטאָג און כ׳בין נאָך פון נעכטן אינדערפרי אינדערהיים ניט געווען. מיד בין איך — אַ שרעק, און שלאָפן ווילט זיך, נאָר האָב איך אַ סך באַוויזן, גאָר, גאָר אַ סך!"...

וואָס פאַראַ נייע געדאַנקען און געפילן! קיין זאַך, קיין שווערינקייט, שטעלט זי ניט אָפּ — אַבי אַ סך באַוויזן: דאָס איז איר לעבנס־צוועק.

אין אַ צווייטן בריוו שרייבט יודעס:

...„ביי מיר דאָ גייט אַלץ פאָראויס. מענטשן באַוואונדערן אפילו ווי גיך מיר וואַקסן. נאָר מיר איז עס נאָך ווייניג. ווען כ׳זאָל האָבן פון אַלץ די ויותר, וואָלטן מיר אַ סך מער אויפגעטאָן. כ׳האָב די טעג קוים מיט מאַטערניש געקראָגן דריי „גרוזאָוויע" (לאַסט — א. פּ.) אויטאָמאָבילן. כ׳פיר גאַנצע נעכט ציגל. שווער איז נאָר צו אַרבעטן פון פרי ביז שפּעט אין אוונט און דערנאָך פון האַלב צוויי ביז 5:30 אינדערפרי. נאָר אויב די אַרבעטער קענען אַזוי אַרבעטן, טאָר איך אפילו ניט קלערן דערפון. אַבי כ׳דאַרף בייטאָג ניט צאָלן פאַר קיין „פּראָסטאַי" (פאַר שטיין לידיג און ניט האָבן קיין ציגל צו לייגן — א. פּ.), און סיי די „קאָמענשטשיקעס" (מוליאַרעס — א. פּ.), סיי דער „פּאָדיאָמניק" (הויב־מאַשין, דעריק — א. פּ.) אַרבעטן מיט דער פולסטער אָנלאָדונג אַ גאַנצן טאָג. כ׳גיי נאָר אַריין ביינאַכט אין צוזאַמענוואוינונג, וועק אויף די אַרבעטער און עס איז נאָך ניט געווען קיין איינער, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט. אמת, פאַר דער אַרבעט צאָלט מען טאָפּלט, נאָר ס׳איז ווערט, ווייל איך וועל כאָטש וויסן, אַז אַלץ איז געטאָן געוואָרן בכדי ס׳זאָל זיין צום יום טוב אַלץ פאַרטיג"...

אין שפּאָרעוודיגע שורות איז דאָ געגעבן געוואָרן אַ בילד פון די שווערינקייטן און פון דעם אימפּעט, ווי מען האָט געבויט די פינף יאָר פּלענער „כ׳פיר גאַנצע נעכט ציגל". דאָס האָט מיר דערמאָנט אָן די פאָלגנדיגע שורות פון איציק פעפער׳ס אַ ליד:

איך זאָג עס נאָכאַמאָל און ווידער:
ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט!

אין לאַנד מיינעם איז זיין אַ ציגל
נאָך שטאַרקער ווי ביי זיי—אַ וואַנט!

ס׳איז ליב די היץ און ליב די קעלט —
ס׳איז גוט צו לעבן אויף דער וועלט!

אײנע פֿון מיליאָנען

ניט געקוקט אויף אַלע שווערינקייטן איז די אַרבעט, אַפּילו די שווער־סטע אַרבעט, פֿאַר איר ניט קיין אָפּקומעניש, ניט קיין קללה, נאָר ווי אין גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד „אַ זאַך פֿון רום און ערע", אַ ברכה, אַ גרויסער פֿאַרגעניגן, אַ גרויסע באַפֿרידיגונג. אַמשענסטן האָט יודעס דאָס אַליין אויסגעדריקט אין אירע פֿאָלגנדיגע ווערטער:

...„כ'בין נאָך מיין קומען פֿון מאָסקווע, (זיך צו זען מיט ראַשקעס'ן וועגן דער רייזע קיין ביראָ־בידזשאַן — א. פּ.) אַרויף אויף אַ פּאָסטראַיקע און דערזען ווי אַלע אַרבעטן, דאָ גראָבט מען, דאָ לייגט מען ציגל און מען וואַקסט צום הימל צו—און איך שפּאַציר מיר אַרום אינם העלן מאַנטל — האָט מיך אַזאַ צי געטאָן צו זיי, צו אַלעמען. כ'האָב זיך פֿאַרבענקט נאָך אַרבעט, נאָך מידקייט, די אָנגענעמע מידקייט פֿון אַרבעטן און אויפֿטאָן. האָב איך אָנגעטאָן מיין „ספּעצאָווקע" (ספּעציעלע אַרבעט־קליידער — א. פּ.) מיט'ן היטל און בין אַוועק אַרבעטן. און אָט אַר בעט איך שוין צוויי וואָכן. נאָר עס איז ביי מיר באַשטימט, און כ'האָב עס געמאָלדן די היימיגע, אַז אויב איך באַקום אַפֿילו איצט אַ דעפּעש איך זאָל אַרויספֿאָרן, פֿאָר איך קיין ביראָ־בידזשאַן"...

„מען לייגט ציגל און מען וואַקסט צום הימל"... — וועלכער פּאָעט וואָלט דאָס שענער און בעסער געזאָגט. „אַלע אַרבעטן"... און אַזאַ געזונטער נייער געפֿיל: „בענקשאַפֿט נאָך אַרבעט, נאָך מידקייט, די אָנגענעמע מיד־קייט פֿון א ר ב ע ט ן א ו ן א ו י פֿ ט אָ ן". אַרבעט גראַמט זיך ביי איר מיט אויפֿטאָן. אַרבעטן און אויפֿטאָן זיינען סינאָנימען.

„...אויפֿ'ן „פּאָסטראַיקע" איז שטאַרק פֿראָסטיג. כ'גיי אַרום אויף דער אַרבעט, שטייט אויפֿן פֿראָסטיגן הימל אַ פֿולע לבנה. ס'איז נאָך שטאָק־פֿינצטער. ווען כ'קום אַהיים עלף אין אָוונט פֿון לערנען שטייט ווידער אַ פֿולע לבנה אויפֿן פֿראָסטיגן הימל. אַלץ איז אין אַלגעמיין ווי געווען. איך אַרבעט און לערן זיך"...

די לבנה איז געוואָרן אַ טייל פֿון איר לעבנס־שטייגער, אַ מין געליבטער און לעבנס־באַגלייטער צי וועכטער. צום אַרבעטן און אויפֿטאָן איז דאָ צו־געקומען אַ נייער גראַם: „כ'אַרבעט און לערן זיך" — אַרבעטן און לערנען.

„... נאָר ווי ס'זאָל ניט זיין באַדאַרף מען זיך ניט אָפּעסן ס'האַרץ. מען דאַרף עס אויפֿהיטן נאָך אויף פֿיל יאָרן לעבן און אַרבעט, גרויסע, וויכטיגע אַרבעט, באַדאַרף מען דעריבער שאַנעווען ס'האַרץ אייערס"...

„לעבן און אַרבעט". דאָ איז שוין לעבן אַ גראַם צו אַרבעט, אַ סינאָ־נים צו גרויסער, וויכטיגער אַרבעט. און ווייטער אין זעלביגן גייסט:

„... געדענקסט, כ'האָב דיר אַמאָל געשריבן אַן ענטפֿער אויף דיינער אַ פֿריינדינ'ס „דיאַלעקטיק", אַז איך פֿאַרשטיי ניט קיין מענטשן, וואָס ווילן און טוען ניט"...

ווילן און טאָט — כאַראַקטער־שטריכן פֿון דעם נייעם אַקטיוון, אַגרע־סיוון סאָוועטישן סאָציאַליסטישן מענטשן: ווילן און טאָט, לעבן און אַר־בעט, אַרבעטן און אויפֿטאָן — נייע גראַמען פֿון אַ נייער געזעלשאַפֿט.

אָבער דאָס איז אַ פֿולשטענדיגער היפּוך, ווידערשפּרוך און געגנזאַץ צו ווערן אַ שקלאַף צו דער אַרבעט אָדער מאַשין, ווערן אַליין אַ מעכאַניזם, אַ ראָבאָט. איר האָט שוין געזען, אַז יודעס קאָן ווערן אַזוי באַגייסטערט

פון ארבעט, אפילו „בענקען נאָך ארבעט", פילן און „אָנגענעמע מידקייט פון ארבעט", גראַמען ציגל מיט הימל... אָבער זי האָט אָפט אויסגעדריקט אירע שטימונגען נאָך לירישער. צום ביישפּיל:

„...עס גייט דאָ היינט ביי אונז אין מינסק אַן ערשטער שניי. האָב איך זיך דערמאָנט פאַרגאַנגענע צייטן פון יאָרן, ווען ס'זינגען (ריכטיגער שרייבן) לידער ניט נאָר פּאָעטן, נאָר ווען ס'זינגט אין דיר די יונגנט דיינע אַליין... ס'איז אָבער, דוכט זיך מיר גאַנץ אָפט, שוין אַזוי לאַנג געווען...

עס גייט אַ שניי, אַן ערשטער שניי,
אין האַרצן ווייט אַזאַ זאַווײ...

„אַפּילו דאַן האָט שוין געווייט אַ זאַווײ און איצט (אויף דער עלטער) געווים. ס'טרעפן אָבער צייטן, אַז כ'זע זיך ארום, אַז 22 יאָר איז גאָר ניט אַזוי פיל און כ'טו נאַרישקייטן, ווי אַ קליין קינד. אָט האָב איך אינמיטן דערינען גענומען און אָוועקגעפאָרן אויף די יום־טוב טעג אין מאָסקווע, גלאַט אַזוי, אַבי מיד ווערן און פטר'ן געלט (זאָגן אונזערע). נאָר מיך ארט דאָס ניט. זאָל זיין מיד, אַבי ניט „זויער". כ'האָב זיך אַזוי פיינט אַ „זויערע"...

דאָ האָט איר אַפּילו אַ היפּש ביסל מינאָר־שטימונג, מידקייט. אָבער „זאָל זיין מיד, אַבי ניט „זויער". לירִיק אָבער ניט פּעסימיזם. ווייל אָט האָט זי נאָכאַמאָל געשריבן וועגן שניי, אָבער שוין גאָר אַנדערש:

„...ס'איז דאָ אַ טיפער שניי, אַ טיפער, טיפער שניי. און איך גיי ארום אויף ווינטערדיגע גאַסן מיט פרילינג טיף אין האַרצן".

דאָס זיינען דאָך שורות, וואָס קאָנען אריינגיין אין די שענסטע לידער. מען דאַרף קאָנען גיין אויף ווינטערדיגע גאַסן און דאָך זאָל אין האַרצן זיין פרילינג. איז דאָס ניט קיין דערהויבענער, קאָנצענטרירטער סאָוועטישער אָפּטימיזם, וועגן וועלכן עס האָט אַזוי שיין גערעדט דער העלד פון דער „טשעליוסקין"־עפּאָפּייע, פּראָפעסאָר אָטאָ שמידט? איז דאָס ניט קיין סימ־באָל פון דער בויאונג פון די פינף־יאָר פּלענער, פון די שווערינקייטן ביים בויען דעם סאָציאַליזם, פון די שווערינקייטן פון וואוקס? — ווייל אָט שרייבט יודעס דאָס פאָלגנדיגע אויך וועגן האַרבסט:

„...איצט איז גאָר אַן אַנדער האַרבסט ביי אונז — אַ שיינער, אַ זוני־גער... אין אַזוינע טעג טוט מען אויף אַזויפיל, אַז אַ מענטש קומט ניט אויפן „פּאָסטראָיקע" איין טאָג, דערפילט מען עס גלייך, און דעריבער איז נאָך אַ טאָג שווערער האַרעוואַניע אָפּט אַזוי גרינג אויפ'ן האַרצן"...

ס'איז שווער און דאָך גרינג, ווי יודעס האָט מיר געענטפערט ביי דער פאַבריקע־קוכניע אין מינסק. ס'איז פרילינג טיף אין האַרצן אַפּילו אין סאָ־וועטישן ווינטער, ווי איצט, צום ביישפּיל, ווען מען יאָגט צוריק די נאַצישע קאַניבאַלן איבער די פאַרווייטע, פאַרשנייטע סאָוועטישע פעלדער און וועגן. ס'איז אַלעמאָל געווען „גרינג אויפן האַרצן" אַפּילו „נאָך אַ טאָג שווערער האַרעוואַניע" אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָט וואָס יודעס לאָזט אונז דאָ צו הערן און צו זען און צו פילן און דערפילן.

אָבער זאָל מען קיין טעות ניט מאַכן, אַז יודעס איז בלויז פאַרטאָן מיט לייב און לעבן אין שווערער האַרעוואַניע, — אירע גייסטיגע, אינטע־לעקטועלע אינטערעסן און אַפּעטיטן זיינען גאָר, גאָר שטאַרק אַנטוויקלט:

„...כ'האָב זיך לעצטנס איינגעשאַפט אַ גאַנץ ווערטפולע טעכנישע ביבליאָטעק. כ'לייען זי גאַנץ אָפט צו ביסלעך. מער אָבער, ווי דער אמת געזאָגט, האָב איך דורכגעלייענט לעצטנס בעלעטריסטישע ביכער און גאָר ניט ווייניג ... אויב דו וועסט האָבן חשק לייען אויך איבער פון דער זעל־

בער סעריע ביכער, ווי היינריך היינע, וואָס איך האָב דיר געשיקט, דאָס בוך פון נאַטאַליאַ ווענקסטערן וועגן זשאָרזש זאַנד, זייער אַן אָריגינעל בוך. ... כ׳וואָלט דיר נאָך וועלן אָנשרייבן פון אונזערע מינסקער ליטעראַרישע נייעסן, נאָר מיר וועלן דאָס אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. ...

יאָ, מער וועל איך וועגן יודעס׳ן ניט שרייבן, מיר וועלן דאָס אויך אָפּלייגן אויף אַן אַנדערש מאָל. אָבער די פאַרצייכענונג וועלן מיר שליסן מיט׳ן פאָלגנדיגן שלום־אַקאָרד:

„... איך בין אַזוי צופרידן געווען, ווען כ׳האָב דערזען, אַז איר שרייבט אויף אַן אונזעריגן סאָוועטישן פּאַפּיר־בלאַנק. אונזער פּאַפּיר איז טאַקע דערווייל היפּש ערגער פון די אַמעריקאַנער פּאַפּיר. מיר איז אָבער באמת געווען אַ סך פריידיגער צו לייענען דעם בריוו, ווען אויבן אויפן פּאַפּיר איז אָפּגעדרוקט: „קיעוו, או. ס. ס. ר., אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור“, א. אז. וו. איך האָב געפילט ווי אימיצער וואָלט מיר אַקאָמפּאַנירט די גאַנצע צייט פונם לייענען אייער בריוו מיט דער מוזיק פון „אינטערנאַציאָנאַל“. ...

אָט ווי עס ווערט דאָ אַוועקגעשטעלט אַזוי אָריגינעל־וואונדערלעך די פראַגע: ערגערע „סאָוועטישע“ פּאַפּיר, אָבער מיט׳ן „אינטערנאַציאָנאַל“.

און יודעס, ווי איינע פון די מיליאָנען אַנדערע יודעסעס אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָט אויסגעקליבן ערגערע פּאַפּיר, ווייניגער באַקוועמלעכקייטן, אַ סך אַרבעט. אבי בויען, קרעפטיגן דאָס לאַנד.
ווי „דאָס מיידל פון לענינגראַד“.

יאַנ. 1942.

דאָרע כאַיקינע

די מיזינקע פון דער אידישער ליטעראַטור

„אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אויפן פראָנט זיינען פאַראַן אַרום דרייסיג באַוואוסטע אידישע שרייבער, אָנהויבנדיג פון דוד בערגעל־סאָן ביז דער איינגסטער דאָרע כייקינע״, — האָט איציק פעפער, ביים צוריקקומען אויף אורלויב פון דעם פראָנט, געזאָגט דעם קאָרעספּאָנדענט פון דער „איטאַ״ אין קויבישעוו.

ווען כ׳האָב געלייענט די קעיבל, האָבן אין קאָפּ אָנגעהויבן דורכלויפן בילדער פון דוד בערגעלסאָן, פון איציק פעפער, און פון די אַנדערע שריי־בער, וועלכע כ׳האָב אַזוי גוט געקענט און געליבט. צום ערשטן מאָל זינט דער מלחמה, איז דערמאָנט געוואָרן דאָרע כייקינע, די מיזינקע פון דער סאָוועטישער אידישער דיכטונג.

און אויך דאָרע כייקינע האָב איך געהאַט דעם פאַרגעניגן צו קענען. מיר האָבן אַ צייט געאַרבעט אונטער איין דאַך אין קיעווער וויסנשאַפט־לעך־פאָרשערישן אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור (זי האָט דעמאָלט גע־אַרבעט אין דער ביבליאָגראַפישער צענטראַלע).

דאָרע איז געווען אַ שיין מיידל. זי איז געווען אַ שוואַרץ־חנ׳עוו־דיגע, ווי אַ סך אידישע מיידלעך אויפן דרום, אין אוקראַינע: טאָקע געהאַט פעך־שוואַרצע האָר מיט גרויסע שוואַרצע (און אפשר גאָר טונקל־ברוינע) אויגן און געדיכטע שוואַרצע אַראָפּגעלאָזטע וויעס.

דאָרע איז געווען אַ יונג מיידל.

זי איז דעמאָלט אַלט (אָדער יונג) געווען אַ יאָר 18—19. דאָך פלעגט זי רעדן זייער פּאַוואָליע, ווי זי וואָלט געוואויגן יעדעס וואָרט. זי פלעגט אויך גיין מיושב׳דיג־פּאַמעלעך, ווי זי וואָלט געמאָסטן יעדן טריט. זי פלעגט שמייכלען קאַרג און איינגעהאַלטן. ס׳האָט געווייט פון איר מיט שטילקייט, צאַרטקייט, פאַרטראַכטקייט און באַזאַכטקייט. אַזאַ איז זי פאַר־בליבן אין מיין זכרון.

דאָרע האָט געהאַט אַ פיין־קלינגענדיגע סאָפּראַנאָ־שטימע און אַ וואונ־דערלעכע דיקציע. כ׳האָב שטאַרק ליב געהאַט זי הערן פאָרלייענען אירע לידער. זי געהערט אַ סך מאָל אין אוידיטאָריע פון אינסטיטוט, אין דער קיעווער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק, אין אידישן קלוב, אויף דער ראַדיאָ און ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

מיר געדענקט זיך דער שטאַרקער איינדרוק פון אירער אַ סעריע אַנטי־נאַצישע לידער. אירע לידער האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער פרישקייט, אויפריכטיגקייט, האַרציגקייט, פּרוויאַישער צאַרטקייט און מאַמעדי־גער וואַרעמקייט. מיט אַ צוויי יאָר צוריק, דוכט זיך, איז אַרויס פון דרוק איר ערשטלינג־בוך מיט לידער. צום באַדויערן האָב איך עס ניט געזען.

ביי מיר האָב איך אָפּגעזוכט קוים צוויי לידער אירע, טיילווייז אויטאָ־ביאָגראַפישע: „אַ בריוו״ (געדרוקט אין „רעוואָלוציאָנערער דעקלאַמאַ־

טאָר", אַרויסגעגעבן פון'ם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן אין 1933, ניו יאָרק) און „אין וואַרטן" („פּאַרמעסט", דעצ. 1935, קיעוו־כאַרקאָוו).

דער ‏גריוו איז פון אַ חבר'טע אין כאַרקאָוו, וואָס אַרבעט אויפן „סערפּ און האַמער" טראַקטאָר־זאַוואָד. מיר געפינען דאָרטן די פאָלגנ־דיקע שורות אין פערזן:

מיין לאַנד איז פּופּצן אַלט, און אונז איז שוין צו אַכצן,
ווען מיר וועלן פאַרגיין, וועט לאַנד נאָך אַלץ זיין יונג.
...חבריטע מיין טייערע, כ'בין דיך אַזוי מקנא,
וואָס דיינע הענט צעבויגן האָרטן שטאָל!
וועבן ליין איז טויזנט מאָל דאָך גרינגער,
ווי בויגן שטאָל, צו שטיין ביי אַ מאַרטען *).
מיין קליינע האַנט, מיט קליינע מיינע פינגער
איך וויל זאָל אויפהויבן
דעם סאַמע שווערסטן שטיין!

...אין אַ מינוט אַ פרייער כילאַז אַראָפּ די וויעס,—
צעבליטע ערד צעשפּרייט זיך אונטער פּיס.
פון ווייטן סיקומט אַ יונגער טראַקטאָר,
אויף טראַקטאָר זיצט אַ יונגער טראַקטאָריסט.

אויף ברוינעם לייב — אַ לייוונטענע העמדל,
די העמד כיהאָב אויסגעוועבט אין זונענדיגן טאָג,
עס ווערט מיין פרייד אַ פלאַטערדיגע פענדל
און אין אָקטאָבער־טאָג, ווי אַ פאָן,
איך וועל עס אויפהענגען אויף דאָג.

אָקטאָבער, האַרבסט, אין קיעוו און אין כאַרקאָוו
נאָר ערד צעשיט זיך היינט אין פרילינגדיגן צוויט.
אויב מיר וועלן פאַרגיין — וועט ניט פאַרגיין זיין טראַקטאָר,
און מיינע העמדלעך, און אפשר אויך מיין ליד...

יאָ, דאָרע, ס'איז אַ גוט ליד און וועט לאַנג לעבן. מיר האָבן ניט נאָר אַלעמאָל געפילט, נאָר איצט אויך געזען, אַז דיינע שורות „מיין קליינע האַנט, מיט קליינע מיינע פינגער, איך וויל זאָל אויפהויבן דעם סאַמע שווערסטן שטיין!" זיינען ניט געווען מליצה, רעטאָריק. ווי די טויזנטער אַנדערע פרויען און מיידלעך פון לענינגראַד און פון מינסק, פון כאַרקאָוו און קיעוו, ביסטו אַוועק אויפהויבן דעם סאַמע שווערסטן שטיין — אויפן שלאַכט־פעלד, אויפן פראָנט. זאָל דעריבער זיין געבענטשט דיין קליינע האַנט און דיינע קליינע פינגער, וואָס הויבן איצט דעם סאַמע שווערסטן שטיין אויפן סאַמע שווערסטן פראָנט קעגן דעם סאַמע שווערסטן און ערגסטן דם־שונא פון דער גאַנצער מענטשהייט.

כ'ווייס ניט פיל פון דאָרע'ס ביאָגראַפיע. זי איז מסתמא 28 יאָר אַלט. איך ווייס, אַז זי האָט טאַקע אַ צייט געאַרבעט אין קיעוו אַלס אַ

*) אויוון, וואָס שמעלצט מעטאַל.

וועבערן אָדער שטריקערן. אין 1935 הייראַט זי מיטן יונגן דערציילער י. פאַליקמאַן, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט געוואוינט אין ביראָ־בידזשאַן. און אין אַ ליד געווידמעט איר מאַן זאָגט זי:

אַ ווייכער, אַ וואַרעמער אָוונט.
אַ שטילער, אַ טייערער מאַרט.
דו ביזט ביז ווייטאָג מיר נאָוונט,
איך בין ביז טרערן היינט צאַרט.

באַמערקט די אַליטעראַציעס: ווייכע, וואַרימע, שטילע, צאַרטע בוכשטאַבן — אַלעפן, וואָוון, יודן, איענס, טעסן, נונען. ווייטאָגדיק־נאָענט שטאָטישע שטייגער לייגן זיך צאַרט מיינע טריט". ערנסטקייט, צאַרטקייט, צאַרטע ערנסט: אירע טריט ל י י ג ן זיך צאַרט אפילו אויף און רירנדיק־צאַרט. און אביסל ווייטער אינם ליד: „אויף האַרטע, אויף די האַרטע שטאָטישע שטיינער. מאַמעדיק־וואַרעם, פרוואַיש־צאַרט זיינען די נאָכפאָלגנדיקע פערזן:

איך פיל זיך שוין היינט, ווי אַ מאַמע,
ס'איז מערער, ווי זיין נאָר אַ ווייב.
איך האָב עס היינט ערשט פאַרשטאַנען,
ווען אַ קינד כ'האָב דערפילט אין מיין לייב.

ניין ניט קיין קינד, נאָר אַ ציטער פון אַ לעבן,
וואָס הויבט זיך ערשט אָן,
פיל איך זיך היינט, ווי אַ היטער,
ווי מע וואָלט מיר פאַרטרויען אַ פאָן.

איך האָב קיינמאָל פאַר זיך ניט געציטערט,
און כ'בין טייער ביי זיך ניט געווען,
נאָר איך דאַרף איצט מיין קינד דאָך פאַרהיטן,
אַז קיין שלעכטס זאָל מיט אים ניט געשען.

פיל איך זיך שוין, ווי אַ מאַמע, —

זי פילט זיך ווי אַ מאַמע אפילו צו „אַ ציטער פון אַ לעבן". און ניט אומזיסט איז דאָרע אַוועק צום פראָנט, וואו עס ראַנגלען זיך מיליאָנען לעבנס, מיליאָנען רויטאַרמייער, אירע נאָענטסטע און ליבסטע, וואו מען דאַרף פאַרהיטן מיליאָנען מענטשן־קינדער, אַז קיין שלעכטס זאָל מיט זיי ניט געשען. איצט פילט זי זיך, ווי אַ מאַמע — צו מיליאָנען, צו איר פאָלק און לאַנד, צום גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד, און העלפט געבוירן אַ גאַנצע נייע וועלט.

סנאַיפּערס

ניט לאַנג צוריק איז אין לענינגראַד אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ קאָנפערענץ פון רויט־אַרמייאישע סנאַיפערס. גענעראַל־לייטענאַנט כאָזין האָט אין אַ רעדע ביי דער קאָנפערענץ דערקלערט: „די סאָוועטישע טרופּן פירן איצט אָן אָפענסיווע אָפּעראַציעס, אין וועלכע די סנאַיפּערס שפּילן אַ גרויסע ראָל. נעכטן זיינען דרייצן אויסגעצייכנטע ציל־שיסער אַריין אין שלאַכט געגן אַן אָפּטיילונג פון 150 דייטשן. דער שונא האָט פאַרלאָרן 50 סאָלדאַטן און די איבעריגע זיינען אנטלאָפן. דאָס האָבן דערגרייכט 13 גוטע סנאַיפּערס".

(פון די צייטונגען.)

סנאַיפּערס!

אַן ענגליש וואָרט אַזאַ. עס רעדט זיך ניט אַרויס, נאָר שיסט זיך אַרויס פון מויל, ווי אַ פייל פון אַ בויגן.

„סנאַיפּער" איז געוואָרן אַ מיליטערישער טערמין, און ניט נאָר אין דער ענגלישער שפּראַך; אין געוויסע אַרמייען ווערן די סנאַיפּערס אויסגעטיילט אין באַזונדערע פאָרמאַציעס און פירן דורך ספּעציעלע אויפגאַבן. אין דער איצטיגער מלחמה, צום ביישפּיל, האָט מען אַ סך געשריבן וועגן די פינישע סנאַיפּערס. און אין דעם פילם „אַ מיידל פון לענינגראַד" זעט מען אַפילו, ווי אַ פינישער סנאַיפּער האָט, זיצנדיג אויף אַ בוים, געשאָסן און געטויט דאָס מיידל פון סאָוועטישן רויטן קרייץ.

אין דער איצטיגער סאָוועטיש־דייטשער מלחמה ווערט פיל דערציילט וועגן סנאַיפּערס. אָבער ערשט פון די נייעסן וועגן ספּעציעלע קאָנפערענצן פון רויטאַרמייאישע סנאַיפּערס און זייער אויסגעצייכנטער אַרבעט אויפן פראָנט, ווערט קלאָרער זייער וויכטיגע ראָל. אָט־די נייעס האָט מיך דערמאָנט מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אַ טשיקאַווען סאָוועטישן סנאַיפּער, ריכטיגער — סנאַיפּערקע.

דאָס איז געווען אין מינסק אין 1932. מיין אָרטיגע סאָוועטישע שוועסטער האָט מיך אַמאָל גענומען אין אַ הויז פון אירע באַקאַנטע. צווישן די געסט איז אויך געווען רחל האַלפּערין, אַ יונג, שיין מיידל פון אַ יאָר 20. נו, יונגע, שיינע אידישע מיידלעך זיינען ניט געווען קיין נייעס אויך אין מינסק. און דעם אמת געזאָגט זיינען דאָרטן אין שטוב געווען נאָך שענערע פון רחל'ען. זי האָט מיך אָבער שטאַרק פאַראינטערעסירט, ווען עמיצער פון די געסט האָט אינמיטן אַ היציגן שמועס אויסגערופן:

— לאָמיר דאָס פרעגן ביי אונזער טשעמפּיאָן־סנאַיפּערקע !

פון אָנהויב האָב איך געמיינט, אז כ'מאַך א טעות. האָב איך איבער־געפרעגט ביי מיין שוועסטער. זאָגט זי מיר:

— יאָ, זי איז די טשעמפּיאָן־סנאַיפּערקע ! — און שטרייכט אונטער דעם ד י. פרעג איך ווידער:

— מיינסטו, אז זי רעדט שלעכטס וועגן מענטשן הינטער זייער פּלייצע ?

ענטפערט זי ווידער: ניין, איך מיין עס ערנסט. זי איז אַן אמת'ע סנאַיפּערקע.

האָב איך זיך ניט געפּוילט און געבעטן רחל'ען מיר אַלץ דערציילן פון „א" (אַלעף) ביז „ת" (טאָף). און אָט וועל איך פּרואוון דאָס איבערגעבן אין אירע אייגענע ווערטער:

— מיט צוויי יאָר צוריק האָב איך געאַרבעט אויף דער מינסקער ניי־פאַבריק „אָקטיאַבר", צוזאמען מיט אייער שוועסטער. זיך אָנגעשלאָסן אין דעם שיסער־קרייזל פון „אָסאָוויאַכים" (די סאָוועטישע סיוויליען דעפענס אָרגאַניזאַציע). און צו מיין אייגענער איבערראַשונג געוואָרן אין געציילטע וואָכן די בעסטע פון קרייז.

— האָט יעדער אַרבעטער געמוזט זיין א מיטגליד פון דעם שיסער־קרייזל ? — רייס איך זי איבער.

— ניין. דאָס איז געווען א פרייוויליגע זאַך. עטלעכע מאָל אין וואָך האָט מען דאָרטן נאָך די אַרבעט־שעה'ן זיך געלערנט שיסן. עס זיינען אין דער פאַבריק געווען פאַרשיידענע ספּאָרט־ און בילדונג־קרייזן. מ'האָט גע־קענט אויך זיין גלייכצייטיג פאַרטראָטן אין עטלעכע קרייזן. מיך האָט אָבער מאָדנע געצויגן צום שיסער־קרייזל, — ענטפערט זי מיר און זעצט פאָר:

— אין א פּאָר חדשים אַרום איז פאָרגעקומען א פאַרמעסט צווישן די שיסער־קרייזלעך אין די ניי־פאַבריקן פון ווייס־רוסלאַנד. דעם ערשטן מאָל דעמאָלט געוואונען א פּריז, און טאַקע דעם ערשטן, מאָלט אייך. דערנאָך איז עס געגאַנגען זייער שנעל. די ניי־פאַבריק האָט מיך געשיקט צו א פאַר־מעסט פון די שיסער־קרייזן פון „אָסאָוויאַכים" אין מינסק. ווידער אַרויס־געקומען דער זיגער, — לאַכט זי גוטמוטיג.

— א קורצע צייט שפּעטער פאַרטראָטן מינסק אויף א קאָנטעסט פון די בעסטע סנאַיפּערס פון אַלע שטעט פון ווייס־רוסלאַנד. דאָרטן דערקלערט געוואָרן אַלס טשעמפּיאָן־סנאַיפּער פון „אָסאָוויאַכים" פון ווייס־רוסלאַנד. דערנאָך איז געקומען נאָך א גרעסערער זיג, איינער פון די גרעסטע. זיך באַטייליגט אין א פאַרמעסט צווישן די בעסטע סנאַיפּערס פון „אָסאָוויאַ־כים" און פון דער רויטער אַרמיי אין ווייס־רוסלאַנד. דאָ האָב איך, א יונגע מיידל, געשלאָגן די סנאַיפּערס פון דער רויטער אַרמיי. און צום ערשטן מאָל טאַקע געקראָגן א טיטול: טשעמפּיאָן־סנאַיפּער פון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק, — דערפון האָט זיך ביי מיר טאַקע שיעור ניט דער קאָפּ פאַרדרייט. זאָגט זי אין א טאָן פון זעלבסט־קריטיק און דערציילט ווייטער:

— אָבער מיין גרעסטער טריאומף איז געקומען אין א פּאָר חדשים אַרום. אַרויסגעטראָטן אין מאָסקווע אויף אַן אַלפאַרבאַנדישן פאַרמעסט צווישן די בעסטע סנאַיפּערס פון יעדער סאָוועטישער רעפּובליק. כ'האָב אמת ניט געוואונען דעם העכסטן טיטול: טשעמפּיאָן־סנאַיפּער פון סאָוועט־ען־פאַרבאַנד. אָבער געוואונען דעם דריטן פּריז פון דעם אַלפאַרבאַנדישן פאַרמעסט, וואָס איז אויך ניט קיין קלייניגקייט, וואָס גייט אויך ניט צו־פוס. מ'האָט אין דער פּרעסע א סך געשריבן וועגן מיר, ווייל כ'בין געווען די ערש־

טע פרוי צו קריגן אַ פּריז אויף דעם אַלפאַרבאַנדישן פאַרמעסט. דאָס איז אויך ניט געווען בלויז אַ פּערזענלעכער זיג, נאָר אַלס טשעמפּיאָן־סנאַיפּער און פאַרשטייער פון ווייס־רוסלאַנד איז דאָס געווען אַ גרויסער טריאומף פאַר אונזער ווייס־רוסישער רעפּובליק. און נאָכן קומען פון מאָסקווע, — דערציילט זי מיר מיט פינקלענדיגע אויגן און אירע בלייכע באַקן פאַררויטלען זיך בשעת מעשה, — האָט מען מיך אויפגענומען ווי אַ נאַציאָנאַלן העלד.

— וואָס איך טו איצט? נאָכן צוריקקומען פון אַלפאַרבאַנדישן פאַרמעסט האָט דער „אָסאָוויאַכים" באַשלאָסן מיך אוועקצונעמען פון דער „פּראָדוקציע" (פון דער אַרבעט אויף דער ניי־פאַבריק) און באַשטימט אַלס נאַציאָנאַלן אינסטרוקטאָר פון די שיסער־קרייזן אין ווייס־רוסלאַנד.

— מיינע עלטערן? — מיין טאַטע איז פאַר דער רעוואָלוציע געווען אַ מלמד. מיין מאַמע האָט געאַרבעט ביי שניידעריי. און פוןביידנס פּרנסות האָט אין שטוב געפייפט דער דלות. די מאַמע איז יונג אַוועקגעשטאָרבן און דער טאַטע אַרבעט איצט אין אַ רימער־אַרטעל (קאָאָפּעראַטיוו).

די אַנדערע איינצלהייטן געדענק איך שוין ניט. כ'האָב אָבער קיינמאָל ניט געקענט פאַרגעסן די איידעלע אידישע מינסקער מיידל, וואָס איז געווען טשעמפּיאָן־סנאַיפּער פון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק און דער דריטער טשעמפּיאָן־סנאַיפּער פון גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

קלינגט דאָס ניט ווי אַ לעגענדע? אין עפּעס מער ווי אַ יאָר צייט איז די 20־יאָריגע רחל האַלפּערין, די טאָכטער פון אַ מלמד, געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער העלד אין ווייס־רוסלאַנד, און איינע פון די חשוב'סטע, אָנגעזעענסטע מענטשן אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

טשעמפּיאָן־סנאַיפּער — איז דאָס ניט קיין מערקווירדיגע קאַריערע פאַר אַ יונג אידיש געטאָ־מיידל?

און ניט אומזיסט גיבן איצט די רחלס און זייערע תּלמידים די נאַצים אַזויפיל פּולווער צו שמעקן... און נעמען נקמה פון די היטלעריסטישע קאַניבאַלן.

זאָיאַ פּיאָדאָראָווא

די סאָוועטישע שוירלי טעמפּל און דאָס מיידל פון לענינגראַד

שוירלי טעמפּל איז די באַליבטסטע, פּאָפּולערסטע און מעגלעך פייאיגסטע קינדער־אַקטריסע אין די פילמס פון די פאַראייניגטע שטאַטן. שוירלי'ן האָט מען ליב איבער דער גאַנצער וועלט. און ווי קאָן מען עס ניט ליב האָבן די בלוי־אויגיגע, גאָלד־געלאָקטע, מיט „דימפּלס" (חן־גריבלעך אין די באַקן) שמייכלענדיגע שוירלי טעמפּל.

אָבער די צייט גייט און שוירלי וואַקסט. און מיט עטלעכע חדשים צוריק איז זי, מיט מזל, געוואָרן 14 יאָר אַלט, אָדער יונג. אַלע „גאַזעטן" האָבן, פאַרשטייט זיך, געשריבן וועגן דעם. אָט איז אַ ביישפּיל ווי אַזוי די „אַסאָשיעיטעד פּרעס", די גרעסטע נייעס־אַגענטור אין דער וועלט, האָט געשריבן וועגן דעם געבורטסטאָג־יובילייַ פון שוירלי טעמפּל (דאָס איז געדרוקט געוואָרן אין הונדערטער צייטונגען פון לאַנד):

„האָליוואוד, אַפּריל 23 (אַסאָשיעיטעד פּרעס). — שוירלי טעמפּל האָט היינט באַקומען איר ערשטן דימענט און זיך געפילט זייער אויסגעוואַקסן. ס'איז איר 14טער געבורטסטאָג. איר פאָטער, דזשאָרדזש טעמפּל, האָט איר געגעבן דעם קליינעם בריליאַנט, איר געבורטשטיין, אין אַ רינג.

„מרס. טעמפּל (די מאַמע) האָט איר געגעבן אַ 17טן יאָרהונדערט שמעטערלינג־שפּילקע אין אקוואַמארין (ים־קאָליר), אַ דריטע דימענזיע קאַמערע, פּאַרפיום און אַ צאָל „ראָיאַל דולטאָן" כינעזישע פיגורקעס, פון וואָס שוירלי מאַכט אַ קאָלעקציע. שוירלי פאַרברענגט דעם טאָג אויף אַ שטילן אופן, אַזוי שטיל ווי אַ 14־יאָריגע קאָן מיט איר ערשטן דימענט, בלישטשענדיג אויפן פינגער"...

האָב איך ניט קיין טענות צו שוירלי'ן. איך בין אירער אַ פאַרערער און באַגריס זי צו איר געבורטסטאָג, כאָטש דער פוסטער אינהאַלט פון אַ סך פילמס, אין וועלכע זי פלעגט אַרויסטרעטן, איז מיר ניט געפעלן. מעגלעך, אַז שוירלי איז אין דער אמת'ן אַ סך אינטערעסאַנטער און אינטעליגענטער, ווי דאָס וואָס מען שרייבט אין די „גאַזעטן" וועגן איר.

די אויבנגעבראַכטע באַשרייבונג פון דער „אַסאָשיעיטעד פּרעס" איז דאַטירט 23טער אַפּריל 1942, דאָס הייסט, פינף חדשים נאָך פּוירל האַרבאָר. און עס איז מסתמא ניט קיין צופאַל, וואָס דאָרט ווערט אפילו מיט קיין איין וואָרט ניט דערמאָנט די מלחמה מיטן שוידערלעכן שונא, וואָס שוירלי טעמפּל'ס לאַנד פירט איצט.

אָבער דאָ וויל איך דערציילן אונזערע לייענער וועגן דער סאָוועטישער שוירלי טעמפּל. ווען איך האָב אויסגעפונען וועגן איר קורץ פאַר מיין אָפּפאָרן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז זי שוין געווען אַ מיידל פון 12 יאָר. זי האָט געהייסן גוליאַ קאָראָליאָוואַ. זי איז געוואָרן באַרימט פאַר איר שפּילן אין דעם פילם „די טאָכטער פון אַ פּאַרטיזאַן".

אין אַלגעמיין איז זי געווים אַ קינד און מיידל, ווי אַלע קינדער און מיידלעך. ווען זי האָט דורכגעלאָזן עטלעכע לעקציעס און אין איר שולע האָט מען זי פֿאַר דעם שטאַרק אויסגערעדט, האָט זי דריי טעג געוויינט און זיך געשוואָרן, אַז זי וועט אַ גאַנץ לעבן בעסער לערנען ביאָלאָגיע, איידער האָבן מער צו טאָן מיט די פֿילמס, אויב צוליב דעם דאַרף זי האָבן אַזעלכע אומאָנגענעמלעכקייטן. דער פֿילם „די טאָכטער פֿון אַ פּאַרטיזאַן" איז געוויזן געוואָרן איבערן גאַנצן סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג, און גוליאַ קאַראַליאָוואַ, די שילערין פֿון דער אָדעסער 23טער שולע, האָט אָנגעהויבן קריגן אַ סך בריוו פֿון אומבאַקאַנטע מענטשן, פֿון פֿאַרערער, — „פֿען"־בריוו, ווי מ'רופֿט זיי אין אַמעריקע.

נו, אַלע גרויסע קינסטלער, און ובֿאַזונדערס האָליוואָוד־„סטאַרס" קריגן „פֿען"־בריוו. שוירלי טעמפּל איז זיכער ניט קיין אויסנאַם. געוויינטלעך דערקלערן זיך די בריוו־שרייבער אין ליבע צו זייערע „סטאַרס", פֿרעגן ביי זיי עצות וועגן שיינקייט, וועגן ליבע־ענינים אָדער בעטן געלט פֿאַר עפּעס אַ וויכטיגן צוועק א. אַז. וו. און וואָס פֿאַר אַ בריוו קריגן די סאָוועטישע פֿילם־סטאַרס? און וואָס פֿאַר אַ „פֿען"־בריוו האָט געקראָגן די סאָוועטישע שוירלי טעמפּל — גוליאַ קאַראַליאָוואַ?

עס שרייבט איר אַ יונגער קאָמסאָמאָליעץ (מיטגליד פֿון קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד) פֿון דער שטאָט סומאַ: „טייערע גוליאַ! דו האָסט זיך זייער אַקוראַט געשפּראָוועט מיט דיין ראָליע. ווען דו זאָלסט ניט פֿרעגן ביי אונז אין שטאָט, וועלן דאָס אַלע צוגעבן. אויב דו וועסט זיך גוט לערנען און אַרבעטן, וועסטו געווים ווערן אַן אמת'ע שוישפּילערין. עס פֿרייט מיך זייער פֿאַר דיר. און איצט וועל איך זיך ווענדן מיט אַ ביטע צו דיר, ווי צו אַ חבר, ווי צו אַ סאָציאַליסטישן באַקאַנטן. איך וויל אָנקומען אין אָדעסער מעדיצינישן אינסטיטוט. שיק מיר צו זיין אַדרעס און געפֿין אויס, כ'בעט דיך, ווען מ'הויבט דאָרטן אָן אויפֿנעמען מעלדונגען. מיט קאָמסאָמאָל־גרוס. דיין סאָציאַליסטישער פֿריינט, נ י ק אַ".

די פּיאָנערקע זינאַ סאָראָקאַ שרייבט אַזוי: „גוליאַ, מיר דאַכט זיך, אַז דער הויפּט־געדאַנק פֿונם בילד איז וועגן קלאַסן־קאַמף אויפֿן דאָרף געגן די קולאַקעס. אויב כ'בין ניט גערעכט, בעט איך דיך צו פֿאַרריכטן און מיר אָנווייזן דעם פֿעלער. איצט, גוליאַ, עטלעכע ווערטער וועגן זיך. כ'לערן זיך אין 6טן קלאַס פֿון דער 2טער שול. טו אַ חוץ דעם פּיאָנערן־אַרבעט אין אַן אָטריאַד. מיין טאַטע האָט זיך איינגעשלאָסן אין דעם קאָנקורס וועגן דער בעסטער דערציאונג פֿון קינדער און האָט איינגעאָרדנט אַ צימער פֿאַר מיינע היים־אַרבעטן. שרייב מיר ווי דו לערנסט זיך און אַרבעטסט און אין וועלכן קלאַס דו ביסט. איך טראַכט אָפֿט וועגן דיר. זיי מיר געזונט. אפֿשר וועלן מיר זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען...".

און אָט איז אַ בריוו אַזש פֿון וויטן מזרח. עס שרייבט אַ רויט־אַרמייער פֿון דער וויט־מזרח'דיגער אַרמיי: „טייערע, געערטע גוליאַ! איר פֿאַרנעמט זיך איצט מיט באַקעמפֿן די קולאַקעס. דעם פֿילם־בילד, וואו איר שפּילט, האָב איך געקוקט מיט דער שרעקלעכסטער אינערלעכער אויפֿרודערונג. מיין ברודער איז דער'הרג'עט געוואָרן פֿון די קולאַקעס. איך האָב דאָס אַלץ ווידער איבערגעלעבט. אפֿשר וואָלט איר זיך אַראָפּגעכאַפּט אַהער און געזען, ווי מיר, רויט־אַרמייער, לעבן דאָ? איינגיכן ענדיגט זיך מיין טערמין, און כ'וועל זיך אומקערן אין אייגענעם קאָלכאָז ניט וויט פֿון וואָראָניעזש. אויב איר וועט ניט באַוויזן קומען אַהער, טאָ קומט אומבאַדינגט צופֿאָרן אין אונזער קאָלכאָז. איר וועט דערזען, וואָס

פּאַראַ וואונדערלעך לעבן איז ביי אונז געוואָרן. כ'וועל אייך אַלץ ווייזן. די ווירטשאַפט איז ביי אונז זייער אין אָרדענונג, די גערעטעניש גאָר אַ הויכע און דערוויילע אויף ווידערזען, טייערע, געערטע גוליאַ. לערנט זיך גוט. אייער גוטער פריינט".

גוליאַ איז דעמאָלט געווען בלויז 12 יאָר אַלט. געוויס האָט זי נאָך אַ סך זאַכן ניט פאַרשטאַנען, אַריינגערעכנט די באַדייטונג פון די „פּען"־בריוו, דעם גליק צו האָבן אַזעלכע פריינט. וואונדערלעך איז דער איבער־רוף פון די אומבאַקאַנטע און דאָך אַזעלכע נאָענטע און אייגענע, ווי עס איז אייגן די לופט וואָס איר אָטעמט. די בריוו רעדן פאַר זיך אַליין. זיי דערציילן אונז וועגן די נייע סאָציאַליסטישע באַציאונגען צווישן מענטשן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, די נייע שטרעבונגען און האָפענונגען, דער ענגער בונד צווישן סאָוועטישן פילם־קינסטלער און זיין לאַנד, ווי מיר זעען עס פון דער ראָליע, פון די ביישטראָגן און קרבנות פון די סאָוועטישע פילם־קינסטלער, ווי אַלע אַנדערע קינסטלער, אין איצטיקן קריג.

אַנומעלטן בין איך געווען גוואַלדיג גערירט ביים לייענען דעם אַר־טיקל פון דער יונגער זאָיאַ פיאָדאָראָוואַ, די הויפּט־שפּילערין אין די פילמען „מיידל פון לענינגראַד", „מוזיקאַלישע געשיכטע" און אַנדערע, וועגן איר איצטיגער אַרבעט אויפ'ן מלחמה־פראָנט.

„כ'בין אַן אַקטריסע. אין אַמעריקע וואָלט מען מיך גערופן אַ „סטאַר". פאַראַיאָרן אין האַרבסט — שרייבט זאָיאַ — בין איך צום ערשטן מאָל אַרויסגעטראָטן אין אַ נייער ראָליע, וואָס כ'וועל שפּילן ביז מיר וועלן האָבן געוואונען די מלחמה — די ראָליע פון אַ פאַרווייַלער אויפן פראָנט. צו מיין פּרעמיערע האָט מען געדאַרפט גיין זייער פאָרזיכטיג, ווייל מיר האָבן געדאַרפט דורכגיין פעלדער אונטערן פייער פון שונא. אָפט זיינען מיר אַריינגעקראָכן טיף אין בלאָטע און ערשטע שנייען; אָפט זיינען מיר געלאָפן פון בוים צו בוים בשעת די קוילן האָבן צעשפּריצט די בלאָטע אַרום אונז; מיר זיינען געקראָכן אויף אַלע פיר איבער קוסטעס, גראָזן, איבער־גריבער און בערגלעך, און ענדלעך דערגרייכט דעם טעאַטער־אַריינ־גאַנג. דאָס זיינען געווען שמאָלע טרעפּ צו אַן אונטערערדישן פּונקט פון אַ טרענטש־מאָרטאַר אָפּטיילונג, וואו די רויט־אַרמייער האָבן ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן זייערע פּאָסטנס...".

אין דעם אַרטיקל דערציילט אויך זאָיאַ, וואָס האָט געשפּילט אין „מיידל פון לענינגראַד" די ראָליע פון נ אַ ט אַ ש אַ , אַז נאָך איין קראַנקען־שוועסטער פון דעם פילם, די סאַמע אינגסטע, „טשיזשיק" מיט די צעפּלעך, איז ניט נאָר געווען אַן אַקטריסע לויט איר פּראָפעסיע; זי איז אויך געווען אַ סטודענטקע פון מעדיצין און איצט איז זי אויך אין ווירקלעכן לעבן, אויף דער פראָנט־ליניע, אַ קראַנקען־שוועסטער, ווי זי איז דאָס געווען אין דעם פילם.

זאָיאַ פיאָדאָראָוואַ שרייבט נאָך: „אַ סך מאָל האָב איך אויך גע־שפּילט פאַר פּאַרטיזאַנען־טיילן, און כ'וועל אַלעמאָל געדענקען מיט פאַרגע־ניגן מיינע פריינטלעכע באַגעגענישן מיט זיי, מיט די מענער און פרויען, וועלכע האָבן מיך גערופן זיך אָנשליסן, האַלב אין שפּאַס, האַלב ערנסט."

און פּונקט ווי „טשיזשיק", ווי די „מיידלעך פון לענינגראַד", איז זייער מעגלעך, אַז אויך די אָדעסער גוליאַ קאָראָליאָוואַ, די „טאָכטער פון אַ פּאַרטיזאַן", די סאָוועטישע שוירלי טעמפּל, שפּילט איצט אויך אין ווירקלעכן לעבן, הינטער די פראָנט־ליניעס פון דעם שונא, די זעלבע ראָליע פון אַ פּאַרטיזאַנקע, ווי זי איז דאָס געווען אין דעם פילם.

אליאשא שענקא און מישאַ קראַפּיווין

„סיוועט שונא קיינמאָל ניט באַזיגן אַ דור,
וואָס געבראַכט האָט אַזוינע אויף וועלטן."

די אויבערשטע צוויי שורות זיינען פון חיים שוואַרצ'ס פּאָעמע אין דער „מאָרגן־פרייהייט" (יאַנואַר 25, 1942) וועגן דעם 12־יאָריגן אינגל אַליאָשאַ שענקאָ, וועלכער איז פאַרברענט געוואָרן פון די נאַצים, ווען ער האָט ניט אויסגעזאָגט, וואו עס געפינען זיך די פּאַרטיזאַנען פון קאָלווירט „קיראָוו".

איך בין זיכער, אַז אַזעלכע אַליאָשאַ שענקאָס זיינען פאַראַן אָן אַ שיעור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אפשר זיינען דאָס אַלע סאָוועטישע קינ־דער, ווי גוזמא'דיג דאָס זאָל ניט קלינגען. מיר וועלן זיכער נאָך גאָר אַ סך הערן פון זייערע איצטיגע העלדישקייטן אין קאַמף מיט די ברוינע בעסטיעס.

אָט האָב איך געפונען אַ פאַרוואַלגערט שטיקל פון אַ נומער פון דער מאָסקווער צייטונג „פּראַוודאַ". כ'האָב בשום אופן ניט געקענט דערגיין די דאַטע פון דעם נומער. ס'איז פון אַרום אַכט יאָר צוריק, בין איך זיך משער. און דאָרטן האָב איך געפונען אַ געשיכטע וועגן סאָוועטישע קינ־דער, וואָס דערקלערט אונז גאָר אַ סך וועגן די אַליאָשאַ שענקאָס און די סאָוועטישע קינדער בכלל. די געשיכטע איז אַזאַ:

אין דעם אָפּרו־צימער פון דער מיטלשול פון דעם „באָל־בערינג" זאַוואָד אויפן נאָמען פון ל. מ. קאַגאַנאָוויטש איז זייער טומלדיג. וואָסי? עס זיינען געקומען געסט פון אויסלאַנד: פראַנצויזישע טוריסטן.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דעם איבעררייס. די קינדער האָבן אַרומגערינגלט די געסט און זיי פאַרוואָרפן מיט פראַגן: ווער זיי זיינען? פון וואַנען געקומען? צוליב וואָס געקומען?

האָבן יענע געענטפערט און דערנאָך געבעטן די מיטלשול־קינדער צו ענטפערן אויף די פראַגן פון די געסט. און אָט וועל איך איבערגעבן איייניגע פון די טשיקאַווע פראַגן און ענטפערס:

ערשטע פראַגע: — איז פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דער רויטער אַרמיי און אַנדערע אַרמייען?

עס ענטפערט מישאַ קראַפּיווין. ער איז 12 יאָר אַלט. זיין פאָטער אַרבעט אין דעם אויטאָמאַט־צעך פון זאַוואָד.

— די רויטע אַרמיי פאַלט אויף קיינעם ניט אָן. זי פאַרטיידיגט אַלע אַרבעטער, פּויערים און די גרענעצן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. בין גרייט אפילו היינט צו גיין אין דער רויטער אַרמיי.

— צי דען געפעלט דיר דאָס קאַזאַרמע־לעבן? — פרעגט איינער פון די געסט. — איך בין אַליין געווען אַ סאָלדאַט און מיר איז דאָס לעבן דאָרט גאָר ניט געווען צום האַרצן.

מישאַ ענטפערט רואיג און מיט טאַקט:

— איך ווייס ניט גענוי דאָס לעבן אין אייערע קאַזאַרמעס. ביי אונז, בין איך זיכער, וואָלט איך יאָ וואָלגעפעלן.

אַדאַ באַראַנאָווא איז שוין אַ גרויסע מויד, 14 יאָר אַלט. זי איז די טאָכטער פון אַ טעאַטער־רעזשיסאָר.

— איך וויל זיין אַ קאָמאַנדיר פון דער רויטער אַרמיי — האָט זי געענטפערט.

— כדי צו פאַרגרעסערן די טעריטאָריע פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד?

— האָט אַ טוריסט זי געפרעגט.

— ניין, כדי קיינעם ניט דערלויבן זי צו פאַרקלענערן.

דער צען־יאָריגער ראָביק דאַווידאָוויטש וואוינט ביי אַן אָנקל — אַן אינזשינער. ראָביק וויל זיין אַן אַרטילעריסט, ווייל „וואָס מער אַרטילעריע, אַלץ שטאַרקער איז אַן אַרמיי, און די רויטע אַרמיי דאַרף זיין שטאַרקער פון אַלע אַנדערע אַרמייען".

— פאַרוואָס? — פרעגט מען אים.

— ווייל זי איז אײנע, און די אַנדערע זיינען אַ סך.

סאַשע מיראָנאָוו איז אַכט יאָר אַלט, זיין פאָטער — אַן אינזשענער. סאַשע וויל זיין אַ פּליער.

— אויבן — זאָגט ער — וועסטו באַלד דערזען, צי מען גייט אויף אונז אָנפאַלן.

צווייטע פראַגע: — וואָס טראַכטן די סאָוועטישע אַרבעטער פון די פאַשיסטן?

ווילי קאָטיק איז 10 יאָר אַלט. זיין פאָטער אַרבעט אויפן קאַגאַנאָ־וויטש־זאַוואָד.

— די פאַשיסטן זיינען ווילדע ברואים — האָט געענטפערט ווילי.

— פאַרוואָס טראַכטסטו אַזוי?

— זיי פאַרברענען ביכער. (ער האָט נאָך דעמאָלט זיך ניט פאָרגע־שטעלט, אַז זייער ווילדקייט קאָן דערגיין ביז פאַרברענען אפילו אַזעלכע קינדער ווי ער און ווי אַליאָשאַ שענקאָ).

ליובאַ שטשוקינאַ וואוינט מיט דער מוטער — אַן אַרבעטערין אויפן זאַוואָד. ליובאַ איז 11 יאָר אַלט. זי האַסט די פאַשיסטן.

— זיי ווילן, אַז די פרויען זאָלן בלויז האָבן קינדער און באַדינען די מענער, און איך וויל גאָר ווערן אַן אינזשענער — זאָגט זי.

דריטע פראַגע: — צי פאַרדינט גענוג אַ סאָוועטישער אַרבעטער, ער זאָל קאָנען זיינע קינדער שיקן אין הויכשולן — דאָס דאַרף דאָך קאָסטן אַ סך געלט?

עס ענטפערט גאַליע נאָווגאָראָדצעוואַ. גאַליע׳ס פאָטער — אַ שמיד, אַרבעט אויפן קאַגאַנאָוויטש־זאַוואָד, פאַרדינט 400 רובל.

— מיר זיינען דריי אין דער משפּחה — זאָגט זי — און אַלע לער־נען זיך. איך און נאָך אַ אינגערע פון מיר — אין אַ רעגירונגס־שול, און די עלטסטע שוועסטער (20 יאָר אַלט) לערנט זיך אין דעמגעאָגראַפישן אינסטיטוט.

גאַליע וויל זיין אַ דאָקטאָר.

— דו, אַ שמיד׳ס אַ טאָכטער, און דיך ווילט זיך דווקא האָבן אַ דאָק־טאָר־דיפּלאָמע?

די קינדער קוקן זיך איבער, ווי ניט־פאַרשטייענדיג די פראַגע. עס הערט זיך אַן אויסרוף: „און פאַרוואָס עפּעס ניט?"

— צי דען וועט דיין טאַטע קאָנען צאָלן פאַר צוויי קינדער אין א הויכשול?

— צאָלן? — וואונדערט זיך גאַליע. — די רעגירונג צאָלט נאָך צו מיין שוועסטער 99 רובל א חודש פאַר דעם, וואָס זי לערנט זיך. און אויך איך וועל קריגן א סטיפּענדיע, אויב איך וועל זיך גוט לערנען.

פּערטע פראַגע: אין וועלכע הינזיכטן איז די סאָוועטישע ארבעטער בעסער איידער די ארבעטער פון אנדערע לענדער?

— אין אויסלאַנד זיינען פאַראַן א סך ארבעטלאָזע — דערהערט זיך די שטימע פון דעם 8־יאָריגן סאַשע מיראָנאָוו — און ביי אונז זיינען ניטאָ קיין ארבעטלאָזע.

— פון וואַנען ווייסטו, אז ס'זיינען ניטאָ קיין ארבעטלאָזע?

סאַשא האָט זיך פאַררויטלט. און די 10־יאָריגע טאַניא קאַליאַגינאַ ענטפערט פאַר אים.

— מיין פאָטער — זאָגט זי — ארבעט אויפן זאַוואָד, מיין מוטער ארבעט, און ווער עס וויל נאָר קאָן קריגן ארבעט.

אין דעם שמועס מישט זיך אריין נאָך א יאַטל:

— ניט ווייט פון דאַנען אויף א טויער הענגט א מעלדונג: „עס פאָדערן זיך שטוקאַטורשטשיקעס, סטאָליאַרעס, מוליאַרעס". טאָ נעמט די מעלדונג צו זיך אהיים און זאָלן זי זען די וואָס גלויבן ניט.

דער שמועס האָט זיך נאָך פאַרצויגן זייער לאַנג. נאָר מיר וועלן בלויז צוגעבן די פאָלגנדיגע פאַקטן, אז ווילי קאַטיס וויל זיין א פיזיקער און דערפינדער, „ווייל פיזיקע איז דער יסוד פון אלע וויסנשאַפטן, און דורך דערפינדונגען קאָן מען פאַרשנעלערן די אויפבויאונג פון סאָציאַליזם און פאַרבעסערן דאָס לעבן". ראַביק דאַווידאָוויטש וויל זיין אן אינזשענער, וואָס בויט לאָקאָמאָטיוון, „ווייל מיטן טראַנספּאָרט איז נאָך ביי אונז נישט גוט, כאָטש ער וועט ווערן בעסער — ניט אומזיסט האָט מען באַשטימט חבר קאַגאַנאָוויטש'ן פאַרן פאָלקס־קאָמיסאַר איבער די אייזנבאַנען." מישא קראַפּיווין וויל זיין אן עלעקטריקער, „ווייל די צייט פון דאַמף איז שוין אוועק און לענין האָט געזאָגט, אז אָן עלעקטריע קאָן מען ניט אויפבויען דעם סאָציאַליזם." גאַליע נאָוואָגראָדצעוואַ טרוימט וועגן אריינטרעטן אין מעדיצינישן אינסטיטוט, „ווייל מיר נויטיגן זיך אין דאָקטוירים — מען דאַרף אָפּהיטן דאָס געזונט פון די ארבעטער און קאָלכאָזניקעס, וועלכע בויען סאָציאַליזם".

:: :: ::

פון די אלע דערקלערונגען האָט ארויסגעשיינט דער מערקווירדיגער שטריך, וואָס קיינער פון די קינדער האָט ניט געוואָלט זיין סתם א דאָקטאָר, אינזשענער, עלעקטריקער, פליער — יעדערער האָט ביים אויסקלייבן זיין פּראָפעסיע געטראַכט וועגן דעם נוצן דערפון פאַרן גאַנצן לאַנד. א שטריך פון דעם נייעם מענטשן פון א נייער קאָלעקטיוויסטישער אָרדענונג. אָט די סאַשעס, מישעס, ראַביקס און גאַליעס, ליובעס און אדעס האָבן זיכער פאַרווירקלעכט זייערע וואונטשן. א צאָל פון זיי זיינען איצט אין דער רויטער ארמיי, וועגן וועלכער זיי האָבן גערעדט מיט אזויפיל ליבע. פון אזעלכע קינדער איז עס צוזאַמענגעשטעלט די רויטע ארמיי, און דעריבער פירן זיי אזא מסירת־נפש'דיגן, העלדישן קאַמף.

„אידישער מאַשין־בוי טעכניקום, אָדעס"

אָדעס!
לוסטיג־פריילעך קלינגען אפילו די אותיות פון אָט־דעם נאָמען.
לעבן ווי גאָט אין אָדעס — איז געוואָרן אַ פאָלקס־ווערטל.
נאָך לעבעדיגער און פריילעכער איז געווען די סאָוועטישע אָדעס.
מיר איז אויסגעקומען צו זיין דריי מאָל אין דער סאָוועטישער אָדעס, אין פאַרשיידענע יאָרן. האָב דאָרטן געזען אַ סך וואונדערלעכע זאכן — באַזוכט פאַבריקן, קולטור־אַנשטאַלטן, קלובן, דעם מענדעלע־מוזיי, פּראָפעסאָר סטאָלאַרסקי'ס מוזיק־שול, דעם „יעווראַבמאָל" (וואו עטלעכע טויזנט אידישע קינדער האָבן זיך געלערנט פאַרשיידענע מלאכות), דעם אידישן פעדאַגאָגישן אינסטיטוט, דעם אידישן אַגראָנאָמישן טעכניקום, די ניי־פאַבריק, די היטל־פאַבריק, שולן, אוניווערזיטעטן, א. אַז. וו.

אָבער דעם גרעסטן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער אָדעסער אידישער מאַשין־בוי טעכניקום. איך האָב אים באַזוכט אין דעם יאָר 1932 צוזאַמען מיטן אַמעריקאַנער דיכטער און לערער פון די שולן פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער־אָרדן, אייזיק פּלאַטנער, וועלכער איז שפּעטער פאַרבליבן וואוינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַז אָדעס איז געווען איינע פון די שענסטע רוסישע שטעט און האַפנס איז אַלעמען באַקאַנט. אָדעס איז אָנגערופן געוואָרן דער שענסטער פּערל פון דעם שוואַרצן ים. דאָ וויל איך זיך אָפּשטעלן הויפּטזאַכלעך אויף מיין באַזוך אין אָדעסער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום.

:: :: ::

אין דער באַגלייטונג פון אָדעסער יונגע אידישע שרייבער זיינען מיר אין אַ זוניגן אָקטאָבער־טאָג צוגעפאָרן צום גרויסן הויף פון טעכניקום. דער גרויסער שילד אויפן טויער פון הויפּט־אַריינגאַנג מיטן אידישן אויפשריפט „אָדעסער אידישער מאַשין־בוי טעכניקום" האָט באַלד פאַרשטאַרקט אין אונז דעם פאָרגעפיל, אַז דאָ דאַרפן מיר זיך ריכטן אויף אָנגענעמע סורפּריזן. און מיר האָבן זיך ניט אַנטוישט.

ווי אין אַלע סאָוועטישע טעכניקומס, האָט מען דאָ געלערנט יונגע בחורים און מיידלעך זיך ספּעציאַליזירן אין געוויסע פאַכן, ווי אויך אַלגעמיינע לימודים, און גלייכצייטיג איז דאָס געווען אַ פאַבריק, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פאַרטיגע פּראָדוקציע.

ס'איז אמת, אַז איך האָב שוין געהאַט געזען אַ סך אידן אין אַנדערע טעכניקומס און פאַבריקן, טויזנטער און צענדליגער טויזנטער אידן זיינען באַשעפטיגט אין די סאָוועטישע מעטאַלורגישע זאַוואָדן, און אפילו אין שאַכטעס און קוילן־גרובן. אָבער צום ערשטן מאָל איז מיר אויסגעקומען צו באַזוכן אַ אידישן טעכניקום און אַ מאַשין־בוי פאַבריק, וואו עס האָבן געאַרבעט אויסשליסלעך אידן און וואו אַלץ איז געפירט געוואָרן אין דער אידישער שפּראַך.

אין דעם גרויסן הויף זיינען געווען פארשיידענע געביידעס, פאבריק־צעכן, אנדערע מיט די באקאנטע לאנגע פאבריק־קוימענס, די געוויינטלעכע פּאנאראמע פון אן אינדוסטריעלער אונטערנעמונג. מיר זיינען אוועק צו דער קאנטאר אדער אפיס. דארטן האבן מיר זיך פארגעשטעלט ווער מיר זיינען. מען האט אונז זייער ווארעם און היימיש אויפגענומען ווי פאר־שטייער פון אמעריקאנער „פּראלעטפען", וואס איז די סטודענטן פון אי־דישן טעכניקום געווען באוואוסט. אלע האבן זיך באמיט ארויסווייזן, אז מיר זיינען זייער אנגעלייגטע געסט.

דער לערער פון אידישער ליטעראטור האט זיך אונטערגענומען צו זיין אונזער „גאיד". מיר גייען דורך דעם רעסטאראן, די צוזאמענוואוינונ־גען (דארמיטארים) פאר די ארבעטער־סטודענטן, די קלאס־צימערן פאר די אלגעמיינע לימודים, דעם אודיטאריום, א. אז. וו. אומעטום ליכטיג און ציכטיג. אבער מיך אינטערעסירט ניט ווייניגער די פאבריק גופא. און מיר הויבן אן דעם אינטערעסאנטן שפאציר איבער די צעכן, איבער די פאר־שיידענע אפטיילונגען.

:: :: ::

צוערשט באזוכן מיר דעם מאדעל־צעך. א פאר צענדליג אידישע בחורים און מיידלעך, אין „ספּעצאוועקעס" (ספּעציעלע ארבעט־קליידער, ענלעך אויף אמעריקאנער אוועראלס), שטייען ביי לאנגע ווארשטאטן און טאקן, שניצן, זעגן, הובליען און טעסען אלערליי מאדעלן פון קונציגע ציי־כענונגען. די צייכענונגען זיינען פון באזונדערע טיילן פון טאקער־מאשי־נעס. א צאל פארטיגע מאדעלן זיינען געפארבט אין פארשיידענע קאלירן. מאדעלן פון רעדלעך, טריבעס, וואלצן, סופארטן, שרויבסטאקעס, שרויפן, פאנעוועקעס. די געפארבטע מאדעלן גלאנצן, ווי גרויסע שפילצייג.

און אט זיינען מיר אין דער גיסעריי. ערד־פורעמס אויפן לאנגן צע־מענטענעם דיל. ווענעלעך מיט קוילן־קאקס. מאדערנע שמעלץ־אויוונס, הארנס, כאטש פון א קליינעם פארמאט, צוגעפאסט צו דער פראדוקציע פון דער פאבריק. צענדליגער אידישע זשוואווע בחורים מיט פיין־געשווירענע משופרינעס און — יא — אידישע שווארץ־אויגיגע מיידלעך מיט פארבונ־דענע קאסינקעס... ס'איז אמת, אז אין די ארבעט־קליידער איז זיי געווען שווער צו דערקענען. און דער רויך און סאזשע, פון וואס מען קאן זיך ניט אויסהיטן אין א גיסעריי, האט זיי געמאכט נאך מער שווארץ־חנ'עוו־דיג. ווענן רויך און סאזשע ווייס איך אביסל פון אייגענער דערפארונג: מיין טאטע איז געווען א מעשנגיסער... און אפשר דערפאר זיינען מיר די יאטן און יאטיכעס פון דעם צעך געווען נאך נאענטער און ליבער.

פון דארטן קומען מיר אריין אין דעם צוגרייטונג־צעך. דא געוועל־טיגן שוין די ווארשטאטן און שרויבסטאקעס. די אויסגעגאסענע טיילן ווערן געפיילט, זיי ווערן געהובלט, געטאקט, פאלירט, געדרילט און גע־שליפט אויף ספּעציעלע מאשינעס. עס הודזשען די לעדערנע פאסן פון די טראנסמיסיעס, וואס זיינען פארשפּרייט ווי געשטריקטע נעצן איבערן גרויסן קארפּוס פון דער פאבריק. עס רוישן די עלעקטרישע מאטארן. די ארבעט איז אין פולן שוואונג און ברען.

נאכדעם גייט דער צונויפשטעל (אסעמבלי)־צעך. רייען מיט גלאנ־ציגע שטאלענע געשטעלן פון טאקער־מאשינעס. דאס זיינען דערוויל בלויז די סקעלעטן, די ביינער. מען דארף זיי באדעקן מיטן פלייש, מיט די קאמ־פליצירטע מעכאניזמען — רעדער, וואלצן, טריבעס, סופארטן — און אריינבלאזן אין זיי דעם רוח החיים, דעם אטעם פון לעבן. גרופּעס (טימס)

פון יונגוואַרג ביי יעדן געשטעל. יונגע מעכאַניקער פון אַ יונג־געוואַקסענעם פאָלק אין אַ יונגן סאָוועטישן לאַנד.

און ענדלעך דער צימער מיט די פאַרטיגע שאַפונגען: עטלעכע צענדליג טאָקער־מאַשינעם — ניט מער. אָבער זייער באַדייטונג איז געווען גאָר אַ סך מער ווי די יונג אידישע בויער אַליין האָבן דערפון געוואוסט. דער טעכנקום האָט אין יענער צייט אַרויסגעגעבן אַ פּאָר הונדערט טאָקער־מאַשינעם אַ יאָר. אָבער פון חודש צו חודש איז זיין פּראָדוקציע געשטיגן, האָבן אונז דערציילט מיט שטאָלץ סיי די סטודענטן, סיי די לערער און אינזשענערן.

טאָקער־מאַשינעם זיינען אין אַלגעמיין גרויסע יחסנים. זיי זיינען דער פונדאַמענט פון יעדער אינדוסטריע. ווייל ערשט מיט זייער הילף קאָן מען באַשאַפן די נויטיגע געצייג און די נויטיגע מאַשינעם פאַר די טויזנט און איינע פאַרשיידענע אינדוסטריען. אָבער דאָס איז ניט אַלץ. די אידישע בחורים און מיידלעך האָבן זיך באַרימט, אַז זייערע טאָקער־מאַשינעם ווערן הויפּטזאַכלעך געשיקט צו די נייע אינדוסטריעלע גיגאַנטן, וועלכע מען האָט אָנגעהויבן בויען אין מאַגניטאָגאָרסק, סווערדלאָווסק, טשעליאַבינסק, קוזניעצק, קאָמסאָמאָלסק, א. אז. וו.

און נאָך האָבן זיי דערציילט — פון אומעטום קומען אָן די בעסטע אָפּרופן וועגן זייערע מאַשינעם. זיי האָבן אַ סך מער באַשטעלונגען וויפיל זיי קאָנען אַרויסגעבן. זייערע טאָקער־מאַשינעם ווערן אומעטום געלויבט. די מאַרקע (לעיבל, שטעמפּל פון אַ פירמע) פון דעם טעכניקום איז געוואָרן באַרימט איבערן גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

— אָט די מאַרקע! — האָבן זיי מיט ניט־באַהאַלטענעם שטאָלץ אָנגעוויזן אויף אַ קיילעכיגער מעשענער פּלאַטע, וואָס איז געווען צוגעפּעסטיגט צו יעדן מאַשין־געשטעל. האָב איך איבערגעלייענט אויף דער פּלאַטע די אידישע ווערטער: „אידישער מאַשין־בוי טעכניקום, אָדעס, או. ס. ס. ר.", און אונטער דעם אויף אוקראַאיניש: „יעווריעיסקי מאַשינאָ־סטראָאיטעלני טעכניקום, אָדעסאַ, או. ס. ס. ר.".

:: :: ::

„אידישער מאַשין־בוי טעכניקום, אָדעס, או. ס. ס. ר.".

אָט־די ווערטער האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין געדאַנק, זיינען אָפּט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן, סיי שפּעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיי דאָ אין לאַנד נאָכן אומקערן זיך קיין אַמעריקע.

איך האָב געטראַכט וועגן דעם איינדרוק, וואָס די אידישע ווערטער האָבן געמאַכט אויף די רוסישע אַרבעטער אין מאַגניטאָגאָרסק, סווערדלאָווסק, טשעליאַבינסק, קוזנעצק, קאָמסאָמאָלסק, וועלכע האָבן טאָג־איין טאָג־אויס געאַרבעט אויף די גלענצנדיגע טאָקער־מאַשינעם פון אָדעסער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום.

אַ דאַנק אָט־די ווערטער האָב איך בעסער באַנומען די לענינישע, סטאַלינישע, סאָוועטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק. איך האָב געוואוסט, אַז אידן האָבן גלייכע רעכט, אַז אַנטיסעמיטיזם ווערט באַשטראָפט פון געזעץ. אָבער געזעצן אַליין זיינען אויך ניט גענוג. נאָך בעסער איז צו באַזייטיגן די אורזאַכן פונם אַנטיסעמיטיזם, נאָך וויכטיגער איז אויסצוראָטן די וואָרצלען פון דעם אַנטיסעמיטיזם. און דאָס האָט געטאָן די סאָוועטמאַכט. די סאָוועטישע אידן געניסן ניט נאָר פּאָליטישע גלייכהייט, נאָר אויך עקאָנאָמישע גלייכהייט. אָט־דאָס האָט באַוויזן דער אָדעסער אידישער מאַשין־בוי טעכניקום, ווי דער אָדעסער אידישער אַגראָנאָמישער טעכ־

ניקום, ווי דער „יעווראבמאל” (פאַרקירצט פון די רוסישע ווערטער: „יעווריעיסקאַיאַ ראַבאָטשאַיאַ מאָלאָדיאָזש” : אידישע אַרבעטנדיגע יוגנט), און אַזוי ווייטער.

די טאָקער־מאַשינעס פון אָדעסער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום האָבן צעשטערט די איינגעבירגערטע אַבערגלויבנס און פאָרשטעלונגען וועגן אידן אַלס שעילאָקס און אייביגע וואַנדרער, ווי הענדלער, טענדלער, מעקלער און שווינדלער. די אידישע ווערטער אויף די טאָקער־מאַשינעס אין מאַגניטאָגאָרסק, סווערדלאָווסק, קאָמסאָמאָלסק האָבן מער געווירקט אויף די רוסישע אַרבעטער איידער טויזנטער אַרטיקלען, לעקציעס און ביכער געגן אַנטיסעמיטיזם. און דעריבער האָט דער אָדעסער אידישער מאַשין־בוי טעכניקום געמאַכט אויף מיר אַזאַ שטאַרקן איינדרוק.

מיט רעכט שטאָלצירן מיר מיט די העלדישע אידישע קעמפער אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און אַלע אַנדערע אַנטי־פאַשיסטישע אַרמייען. נט ווייניגער קענען מיך שטאָלצירן מיט די אויסגעצייכנטע טאָקער־מאַשינעס פון אָדעסער אידישן מאַשין־בוי טעכניקום, וועלכע האָבן געהאָלפן פּראָדוצירן אַזעלכע שלאָג־פּייאיגע סאָוועטישע טאַנקען, עראָפּלאַנען און אַנדערע וואָפן געגן די נאַצישע באַרבאַרן.

צוויי עקזאַמענס

צוערשט עטלעכע יובילײ־ווערטער. דער 20טער יובילײ פון דער „פרייהייט־מאָרגן פרייהייט” איז אַ וויכטיגע קיילעכדיגע דאַטע אויך אין מיין אייגענעם לעבן. שוין אין דעם דריטן נומער פון דער „פרייהייט” איז געווען אָפּגעדרוקט מיינס אַ ליד פון דעם פאַבריק־לעבן, וואָס איז מיר דעמאָלט געווען גוט באַקאַנט פון אייגענער דערפאַרונג. דאָס איז פאַקטיש געווען מיין ליטעראַרישער דעביוט.

דער גרויסער יום־טוב פון דער „פרייהייט” איז אויף אַזאַ אופן אויך מיין אייגענער יובילײ פון 20 יאָר ליטעראַרישע טעטיגקייט. דאָס איז אַ העלפט פון מיין גאַנצן עלטער, פון מיין יאָרן־פּעקל, און מער ווי אַ העלפט אָדער דריי פערטל פון מיין באַוואוסטזיניג לעבן. ביי אַזאַ דערהויבענער, ראָמאַנטישער געלעגנהייט וועל איך זיך דערלויבן צו פייערן דעם „פרייהייט”־יום־טוב ווי מיין אייגענעם יובילײ מיט די פאָלגנדיגע ליריש־פּערזענלעכע שורות וועגן צוויי עקזאַמענס.

:: :: ::

גאָראָד אָסטראָגאָזשסק, וואָראָניעזשסקאַיאַ גובערניאַ, 1916.

אַ סך פון אייך האָבן זיכער קיינמאָל אפילו ניט געהערט פון אָט־דער טיף־רוסישער שטאָט. איך אַליין וואָלט זיכער אויך פון איר ניט געוואוסט, ווען ניט די וועלט־מלחמה נומער איינס. אַ לאַנדסמאַן בין איך גאָר פון גראָדנע. אָבער צוליב דער מלחמה בין איך אין 1916 מגולגל געוואָרן אין דער ווייטער שטאָט מיט דעם עכט־רוסיש קלינגענדיגן נאָמען „אָסטראָגאָזשסק”. אַ אידן קומט־אָן שווער דעם נאָמען אפילו אַרויסרעדן. אַהין האָט מיך פאַרשלעפּט מיין אייגענער פאָטער. ניט צוליב שלעכטסקייט, חס ושלום. ער האָט פּשוט קיין ברירה ניט געהאַט. און דאָרטן

האָב איך טאַקע דורכגעמאַכט איינעם פון די צוויי עקזאַמענס, וועגן וועלכע איך וויל אייך דאָ דערציילן.

די מעשה האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן נאָך אין גראָדנע. מיין פאָטער איז אין 1914 מאָביליזירט געוואָרן פאַר דער מלחמה. מיין מוטער מיט זיבן קלענערע און גאָר קליינע קינדערלעך — איך בין געווען דער עלטס־טער — זיינען געבליבן אונטער דייטשער אָקופּאַציע. דורך אַן אומגליק־לעכן צופאַל בין איך איינער אַליין געבליבן שטעקן אין רוסלאַנד מיטן פאָטער, ווען זיין מיליטער־טייל איז פון גראָדנע עוואַקואירט געוואָרן פריער קיין וויטעבסק, נאָכדעם קיין מינסק, וואָראָנעזש, אַסטראַגאַזשסק.

אין דעם לעצטן פּונקט האָבן זיך געפונען זייער ווייניג אידן. בלויז אַ צאָל געוועזענע „ניקאָלאַיעווסקע" סאָלדאַטן און זייערע קינדער. מיין פאָטער האָט געמוזט אַ גאַנצן טאָג אַרבעטן אין זיין מיליטער־טייל און האָט שטאַרק געליטן, וואָס ער קאָן אויף מיר ניט אַכטונג געבן. קיין גיכער סוף צו דער מלחמה האָט זיך ניט געזען. איך בין שוין געווען אַ בחור'ל פון אַ יאָר 14. האָט דער טאַטע פּשוט מורא געהאַט, אַז איך זאָל חלילה ניט אַראָפּגיין פון גראַדן וועג. ער האָט דעריבער איינגעווילינגט, אַז איך זאָל ווערן אַ שילער אין דער אָרטיגער קאַזיאָנער (מלוכה'שער) גימנאַזיע (רוסישע מיטל־שול). אַ ספּעציעלער לערער האָט מיך עטלעכע חדשים צוגעגרייט פאַר דעם עקזאַמען. מיין פאָטער איז געווען זיכער, אַז צוליב זיין מלחמה־דינסט און מיין עלנטער לאַגע וועט ער ניט האָבן קיין שוועריגקייטן מיך אַריינצוגעבן אין דער גימנאַזיע.

זאָגט מען אָבער: אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט. אין דער קאַנצעלאַריע (אָפיס) פון דער גימנאַזיע האָט מען אים געזאָגט, אַז מען קען מיך ניט אַריינעמען, ווייל די פּראָצענט־נאָרמע פאַר אידן איז שוין פאַרפולט.

— סטייטש, איך פאַרגים דאָך בלוט פאַר מיין פאָטערלאַנד גלייך מיט אַלעמען? טאָ פאַרוואָס זאָלן זיין אויסנאַם־געזעצן פאַר מיינע קינ־דער? און וואָס איז שולדיג מיין קינד, אויב די מלחמה האָט אים אָהער פאַרוואָרפן? גענוג, אַז עס איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. צוליב דער מיליטער־דינסט קאָן איך אויף אים ניט אויפּפּאַסן. און אים לאָזן אויף הפקר, קאָן ער דאָך נאָך ווערן, רחמנא לצלן, אַ פאַרדאַרבענער מענטש.

— געזעץ איז געזעץ אויך אין מלחמה־צייט, — איז געקומען דער קאַלטער, שטרענגער ענטפער אויף די אַלע פראַגן און געבעטן.

מיין פאָטער האָט מיט גוטן און מיט בייזן געפּרואווט איינ'טענה'ען מיט די דירעקטאָרן פון דער גימנאַזיע. ער האָט זיי דערציילט וועגן דעם ביטערן גורל פון דער מוטער און די אַנדערע קינדערלעך, פון וועלכע מיר זיינען אָפּגעשניטן געוואָרן. מיין מוטער איז פון האַרצווייטאָג און הונגער געשטאָרבן אין דער פרעמד, און די ברידערלעך און שוועסטערלעך זיינען צעזייט און צעשפּרייט געוואָרן, ווי קיילעכדיגע יתומים. אַזוי טאָג נאָך טאָג, וואָכן־לאַנג, פלעגט ער קומען זיך אויס'טענה'ן און אַוועקגיין מיט גאָרניט. ענדלעך האָט געהאָלפן די שתדלנות פונם קאָמאַנדיר פונם טאַטנס מיליטערישן אָפּטייל. מען האָט צוגעשטימט מיך צולאָזן צום עק־זאַמען אַריינצוטרעטן אין דעם פינפטן קלאַס.

דער נייער סעמעסטער (זמן) האָט זיך אָבער שוין געהאַט אָנגעהויבן נאָך מיט וואָכן פריער. איך האָב דעריבער געמוזט דורכמאַכן דעם עק־זאַמען ניט צוזאַמען מיט אַנדערע שילער, נאָר איינינקער אַליין. דער לע־רער פון יעדן געגנשטאַנד האָט מיך באַזונדער עקזאַמינירט. כ'האָב אויס־

געצייכנט געקענט אלץ וואָס מען דאַרף אריינצוטרעטן אין דעם קלאַס. די לערער האָבן זיך פונדעסטוועגן שטאַרק געמיט צו מאַכן פאַר מיר דעם עקזאַמען אַזוי שווער ווי מעגלעך. ס'האָט ניט געהאָלפן. האָב גוט געקענט די נעגנשטאַנדן און זיי האָבן געמוזט מיך דורכלאָזן. דער לערער פון רוסיש, אַן אַלטער און בייזער, האָט אָבער אָפענער פון אַלע אַנדערע אַרויסגעוויזן זיין שרעקלעכן האַס צו אידן. און געטאָן האָט ער דאָס אויפן פאָלגנדיגן אָריגינעל־סאַדיסטישן אופן:

אין מיין עקזאַמען פון רוסיש איז אויך אַריין אַ „פּערעסקאַז". דאָס האָט געמיינט איבערלייענען אַ זייטל צי מער פון אַ בוך און דערנאָך עס איבערדערציילן מיט אייגענע ווערטער. האָט דער לערער פון רוסיש מיר געגעבן איבערלייענען גאָגאָל'ס „נאָטש פּאָד ראָזשעסטוואָם" (די נאַכט פאַר קריסטמעס) און דערנאָך מיר געהייסן איבערדערציילן דאָס געלייענטע.

איז דער אויסוואַל אַליין פון דעם „פּערעסקאַז" שוין געווען אַ פּרוּוו זיך איזדעקעווען איבער מיר. גאָגאָל'ס זאַך איז געווען אַ פּאָעטישע שילדערונג פון דער ווינטער־נאַטור און פון דער פאַרכטיגער שטימונג אין דער קריסטלעכער הייליגע נאַכט. ער מאָלט דאָרטן אָפּ דעם ווינטערדיגן אויסגעשטערנטן הימל, דעם פראָסט און דעם שניי און די רעליגיעזע שטימונגען פון די קריסטן. אַזאַ זאַך איז זייער שווער איבערדערציילן, ווייל ס'איז דאָרטן געווען ווייניג האַנדלונג און פאַבולע, ווייניג ספּור־המעשה. אויך איז דער רעליגיעזער יום־טוב פון קריסטוס'עס געבורט געווען, פאַרשטייט זיך, פרעמד דעם אידן, און באַזונדערס אַ אידישן אינגל פון גראָדנע.

האָב דעריבער „געטרייט מיין בעסט", ווי מען זאָגט. געמאַטערט זיך איבערגעבן וויפיל עס איז נאָר געווען מעגלעך. דער אַלטער און בייזער האָט זיך אָבער צעוואָרטשעט, עס האָט געברענט אין אים די יוכע, ער וויל מיך פאַרט פּאַקן ביי אַ גריין. פרעגט ער איבער פאַרשיידענע זאַכן, הייסט פאַרטייטשן ווערטער, פאַרריכט מיין אויסשפּראַך, טשעפּעט זיך צו די קלענסטע קלייניגקייטן. און מיטאַמאָל איז ער אויפגעשפּרונגען מיט ניט־באַהאַלטענער שמחה:

— דעם „לוקאַווי" האָסטו ניט דערמאָנט!

— לוקאַווי? — חזר איך איבער, שטאַמלענדיג, און אַלע קאָלירן בייטן זיך אויף מיין פּנים. צעשרייט ער זיך שוין נאָך מיט מער רוגזה. ער פילט, אַז ער האָט מיך ענדלעך געפּאַקט:

— יאַ, לוקאַווי, לוקאַווי! האָסטו ניט געלייענט ביי גאָגאָל'ן, אַז די מיידלעך ווערן געקניפּט, געקיצלט און געביסן פון דעם פראָסט, ווי דער „לוקאַווי" וואָלט זיך מיט זיי געטשעפּעט?

האָב איך ניט געוואוסט ווער דאָס איז, צי וואָס דאָס איז. די שרעק האָט ביי מיר איינגאַנצן אָפּגענומען דעם לשון. דער אַלטער און בייזער טריאומפירט, גרייט זיך שוין מיך צו פאַרצוקן, צערייסן אויף שטיקער. ענדלעך נעם איך זיך אָן מיט מיין לעצטן ביסל כח און מוט און זאָג מיט טרערן אין די אויגן:

— אַנטשולדיגט, כ'ווייס ניט דעם טייטש דערפון!

— אודאי ווייסטו ניט. דו ביסט אַ איד. ווען דו וואָלסט געווען אַ קריסט, וואָלסטו שוין יאָ געוואוסט. יעדער קריסט זאָגט אַלע טאָג אין די תפילות: „איזבאַווי נאַס באָך אָט לוקאַוואָוואָ" (זיי אונז מציל גאָט פון דעם „לוקאַווי", אַ מין שד און טייוול). אַ איד וועט קיינמאָל ניט פאַרשטיין די רוסישע נשמה, רוסישע יום־טובים, רוסישע ליטעראַטור, — צעשרייט ער זיך און זעצט פאָר:

— ניט נאָר ווייסן ניט די אידן דעם רוסישן גאָט, נאָר זיי ווייסן אפילו ניט דעם רוסישן טייוול, — זאָגט ער שוין אביסל אַ בּאַרואיגטער, האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס. — און ניט אומזיסט איז פאַראַן אַ פּראָצענט־נאָרמע, — פאַרענדיגט ער שוין מיט דעם אָפענעם אַנטיסעמי־טישן שטאָך.

— דו ביסט אַ איד! איזבאַווי נאַס באָך אָט לוקאַוואַוואָ (זיי אונז מציל גאָט פון דעם טייוול), — האָבן געשעפּטשעט אויטאָמאַטיש מיינע אידישע ליפּן דעם קריסטלעכן געבעט...

קיעוו, סאָוועטן־פאַרבּאַנד, 1932.

נאָך אַ יאָרצענדליג אין אַמעריקע געפין איך זיך ווידער אין אַ רוס־לענדישער שטאָט. ניט קיין געוויינלעכע שטאָט. „די מוטער פון אַלע רוסי־שע שטעט". דער פּערל פון אוקראַינע. זי איז אַמאָל אויך געווען בּארימט אַלס די שטאָט פון דעם בּיילים־פּראָצעס. איך גיי איצט אויף גאַסן, וואו קיין אידישער פוס האָט אַמאָל ניט געטאָרט טרעטן און קיין אידישע נאַז האָט זיך ניט געטאָרט בּאַווייזן. קיעוו איז אָבער איצט נאָר אַן אַנדערע שטאָט. אַן אוקראַאינישע. אַ סאָוועטישע. אַ אידישע.

אַ אידישע — כאָטש צוליב דעם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטי־טוט פאַר אידישער קולטור פון דער אוקראַאינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וואָס האָט אויף מיר געמאַכט אַזאַ גוואַלדיגן איינדרוק. כ'האָב בּיי זיך פעסט אָפּגעמאַכט צו בּלייבן לערנען און אַרבּעטן עטלעכע יאָר אין דעם קיע־ווער וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט, דעם העכסטן אַקאַדעמישן אַנשטאַלט, וואָס אידן האָבן ווען עס איז געהאַט.

און אָט דאַרף איך ווידער גיין צו אַן עקזאַמען.

כ'בּין אינערלעך שטאַרק אויפגערודערט. איך שרעק זיך פאַר אַ דורכ־פאַל. שרעק זיך פאַר די עקזאַמענאַטאָרן, די טיטולירטע פּראָפעסאָרן. מיין אויפרעגונג פאַרשווינדט אָבער זייער שנעל. כ'הויב זיך אָן פילן, ווי בּיי זיך אין דער היים. די פּראָפעסאָרןריידן צו מיר מאַמע־לשון. זייערע פנים'ער שמייכלען צו מיר אַזוי ליבלעך. זיי זיינען גרייט מיר צו העלפן, גרייט צו לערנען, דערציען, גרייט צו אַנטוויקלען, און אַרויסבּרענגען בּיי מיר דאָס בּעסטע, דאָס שענסטע...

זיי ווילן און דאַרפן נאָר וויסן:

ווי גוט איך קען מיין אידישע מוטער־שפּראַך; ווי בּרייט און טיף איז מיין בּאַקאַנטשאַפט מיט דער אידישער ליטעראַטור; צי איך קאָן געגנוג העברייאיש, די העברייאישע ליטעראַטור; צי איך ווייס געגנוג וועלט־גע־שיכטע, וועלט־ליטעראַטור און פילאָזאָפיע; וואָס זיינען די יסודות פון און די אונטערשיידן צווישן דער השכלה, חסידיזם און ראַוויניזם; וואָס זיינען די גרונט־פּרינציפּן פון שפּינאָזע'ס „עטיק"; וואָס זיינען די גרונט־פּרינציפּן פון בּאָושאָווער'ס „עסטעטיק"; וואָס בּאַטייט סטאַלינ'ס „אינזשינערן פון מענטשלעכע נשמות"; און—אַ „פּערעסקאַז": פּרצ'עס „אויב נישט נאָך העכער"...

אַרום דריי יאָר האָב איך געלערנט אין דעם קיעווער אינסטיטוט. די אוקראַאינישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָט אַרויסגעגעבן אין בּוך־פאָרם מיין דיסערטאַציע וועגן אידישער ליטעראַטור. דער פּרעזידיום פון דער אַקאַדע־מיע האָט מיך פּרעמירט מיט אַ רייזע פון צוויי וואָכן איבּער קאַווקאַז און

מים טויזנט רובל. דער אינסטיטוט האָט מיך באַזונדער פּרעמירט און איינגעאָרדנט פאַר מיר אַ באַנקעט. און—כ'טראָג מיט שטאָלץ דעם באַקומענעם סאָוועטישן אַקאַדעמישן טיטל „וויסנשאַפט־קאַנדידאַט“.

לאַלאַ טשאָרנאַיאַ, סטאַר פון „דזשיפּסים“

דריי ציגיינער זיינען זיי געווען...

די נאַציס באַהאַנדלען די ציגיינער ניט בעסער ווי
די אידן, און אויך זיי שטייען אין געפאַר פיזיש אויס־
געראָטן צו ווערן פון די פאַשיסטן.
(פון די צייטונגען).

ציגיינער—
שוין דאָס וואָרט אַליין פאַראינטריגירט, רעגט אייער פאַנטאַזיע, כשוף'ט.
שוואַרץ־אויגיגע, טונקל־הויטיגע קאָרטן־וואָרפערקעס, העלע, גרעלע, צונטער־בונטע קאָלירן פון ברייטע, לאַנגע קליידער, בלוזעס, טיכער, טיכלעך און שאַלן, צעפּ פאַרפלאָכטן מיט פיל־פאַרביגע סטענגעס און לענטעס, מטבעות־פּאַטשערקעס קרענצלעך און שנירלעך פּערל אויף די העלזער און גרויסע לבנה־קיילעכדיגע אוירינגלעך און באַדימענטע רינגען.
— שוואַרץ־אויגיגע, טונקל־הויטיגע פידל־שפּילער, פערד־הענדלער, פּעך־שוואַרצע טשופּרינעס און גאָלדענע אוירינגלעך, שווערע גאָלדענע קייטן און זייגערס אין די באַמאָלענע, פיל־פאַרביגע קאַמזוילן און ברייטע הויזן און גלאַנציגע שטיוול, באַשמירט מיט פרישן טראָן.
— פאַרמורזעטע, שוואַרץ־האָריגע, טונקל־הויטיגע, טונקל־אויגיגע קינדערלעך, אָפּגעריסענע, קרוע־בלוע, מיט גרויסע בייכלעך און נאַקעט און באָרוועס...
ציגיינער —
שוין דער נאָמען אַליין האָט געוועקט ראָמאַנטישע פאָרשטעלונגען.
מיט ציגיינער האָט מען אַסאָציאירט בילדלעך, וועגנער, טעפּיכער, אויס־טערלישע פאַרבן און קלאַנגען, אומעטיגע ראָמאַנסן, וואַנדער־לעבן, נאַטור־לעבן, ציגיינער־בלוט, ציגיינער־מוזיק, ציגיינער־ליבע, פרייהייט, זאָרגלאָזיג־קייט, ליידנשאַפט, טעמפּעראַמענט, קינזשאַלן — — — —
נאָך אַלס קינד האָבן מיך געצויבערט די ציגיינער. מיין גרעסטע הנאה איז געווען אָנקוקן ציגיינער אָדער הערן מעשה'לעך וועגן ציגיינער. געוויינ־לעך פלעגן די מאַמעס שרעקן די קינדער, אַז די ציגיינער וועלן זיי צוכאַפּן, צו'גנב'ענען און אפילו אויפעסן... און ניט אומזיסט האָב איך אין 1917, אין דר. צמח פעלדשטיינ'ס רוסישער גימנאַזיע אין מינסק געקראָגן מיין ערש־טען פינף פאַר אַ קלאַס־אויפזאַץ אויף דער טעמע „דאָס לעבן פון אַלעקאָ אין ציגיינערשן טאַבאָר" לויט פּושקינ'ס באַרימטער פּאָעמע „צהיגאַניע" (ציגיינער).
און אפילו אין די פאַראייניגטע שטאַטן, אין דעם בבל פון פעלקער און ראַסן, אין לאַנד פון מאַסן־פּראָדוקציע און סטאַנדאַריזאַציע, קאָן קיינער, יונג צי אַלט, גלייכגילטיג ניט פאַרבייגיין אַ ציגיינערשע וואוינונג. מען דערקענט זי באַלד לויט די פאַרביגע שאַלן און טעפּיכער אין די פענצטער,

אויף די דילן, א. אז. וו. אין גאַס קאָן קיינער, יונג צי אַלט, גלייכגילטיג ניט פאַרבייגיין א ציגיינער, נאָר מוז זיך אָפּשטעלן אים נאָכקוקן און באַאָבאַכטן.

— ציגיינער

א פאָלק פון נאָמאַדן, וואַגלער, נע־ונד'ניקעס. א פאָלק, וואָס וואַנדערט אויף אַלע וועגן, אומוועגן, שטעגן און שליאַכן פון דעם ערד־קיילעך, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאָרער וועלט און דערמאָנט אָן א צווייט פאָלק פון „אייביגע וואַנדערער”, דעם אידישן פאָלק.

עס זיינען טאַקע פאַראַן גרויסע גורל־ענלעכקייטן פון די ציגיינער און די אידן. אויך די ציגיינער זיינען פון די גרעסטע מאַרטירער־פעלקער לויט די צרות וואָס זיי איז אַלעמאָל אויסגעקומען צו ליידן. און דערפאַר איז זייער גורל מיר באַזונדערס נאָענט.

עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דעם אָפּשטאַם פון די ציגיינער. די פיזישע ענלעכקייט פון די ציגיינער אין פאַרשיידענע לענדער און די ענלעכקייט פון שטייגער און שפּראַך־עלעמענטן ווייזן, אַז זיי זיינען אָדער שטאַמען אָפּ פון איין אַלגעמיינעם פאָלק פון דער אינדאָ־קאַווקאַזער גרופּע.

ס'איז אנערקענט די מיינונג, אַז די ציגיינער האָבן צום ערשטן מאָל אויסגעוואַנדערט פון אינדיע אונטער טאַמערלאַנ'ען אין דעם 13טן יאָרהונדערט. אין מזרח־אייראָפּע האָבן זיי זיך באַוויזן אין 14טן יאָרהונדערט און אין מערב־אייראָפּע—אין 15טן. שוין אין 16טן יאָרהונדערט (פ. רייזלאַנד האָט ניט לאַנג צוריק אויך דערמאָנט די פאַקטן אין דער „מאָרגן־פרייהייט”) האָבן זיך אין פראַנקרייך און דערנאָך אין שפּאַניע אָנגעהויבן שרעקלעכע רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען און שחיטות אויף די ציגיינער, וועלכע מען האָט באַשולדיגט אין אַלע מעגלעכע פאַרברעכנס, איינשליסנדיג אין גנב'ענען און אויפעסן קינדער. (פאַרלויפער פון די בלוט־בלבולים געגן אידן. אַז די ציגיינער גנב'ענען קינדער האָט מען נאָך אין מיינע יאָרן געגלויבט אין אייראָפּע און פאַראַן מענטשן, וואָס גלויבן דאָס נאָך איצט אפילו אין אַמעריקע). אין רומעניע זיינען ציגיינער פאַרקויפט געוואָרן אַלס שקלאַפן נאָך אינמיטן פון 19טן יאָרהונדערט.

ס'איז ניטאָ קיין גענויע סטאַטיסטיק וועגן דער צאָל ציגיינער אויף דער וועלט. זיי ווערן געשאַצט אין א מיליאָן, פון וועלכע אַרום 300 טויזנט וואוינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און בלויז אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם האָבן די ציגיינער צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע באַקומען גלייכע רעכט און גלייכע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זייער קולטור, געוואָרן א פאָלק מיט פעלקער גלייך. און ניט צופעליג איז לעצטנס דערמאָנט געוואָרן אין די קעיבלס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז די ציגיינער שלאָגן זיך העלדיש אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי זייט ביי זייט מיט זייערע אידישע, אוקראַינישע, רוסישע, ליטווישע, פּוילישע, אוזבעקישע, אַרמענישע און אַנדערע חברים.

דער נייער וועג פון די ציגיינער

דער הויכער ניוואָ פון דער סאָוועטישער טעאַטער־קולטור איז באַוואוסט אין דער גאָרער וועלט. מאָסקווע, צום ביישפּיל, איז ניט בלויז די הויפּט־שטאָט פון דער גרויס־רוסישער קונסט: זי איז אָן אַלפאַרבאַנדישע הויפּט־שטאָט. די מאָסקווער איינוואוינער זיינען געוואוינט צו אָפּשאַצן מיט ליבשאַפט די קינסטלערישע און נאַציאָנאַלע פאָרמען פון פאַרשיידענע

פעלקער. נאציאָנאַלע טעאַטערס, וואָס זיינען אַזוי פאַרשידן איינער פון דעם צווייטן, ווי דער אידישער, דער אוקראַאינישער, דער ציגיינערישער, פאַר־נעמען (אָדער האָבן פאַרנומען ביז דער מלחמה) אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם דראַמאַטישן לעבן פון מאָסקווע.

איך האָב באַזוכט דעם מערקווירדיגן ציגיינער טעאַטער אין מאָסקווע און ס'איז פאַראַן אַ סך וועגן אים וואָס צו זאָגן. נאָר אַז מיר געפינען זיך שוין יאָ אין מאָסקווע טאָ לאָמיר פריער דורכגיין דעם טויער פון דער כינע־זישער וואַנט (וואָס איז אין די שפּעטערדיגע יאָרן צענומען געוואָרן) צו ניקאָלסקאַיאַ 10 און אָפּשטאַטן אַ וויזיט אין אָפיס פון דער ציגיינערישער ציַיטונג „ניעבאַ דראַם" (נייער שליאַך).

— וואָס איז געווען די פאַרגאַנגענהייט פון די ציגיינער אין דער צאַ־רישער ראַסיי?

— בעטלער, פערד־הענדלער (און פאַר נויט אַמאָל . . . פערד־גנבים), קאַרטן־וואַרפער, זינגער, טענצער און פידל־שפּילער אין נאַכט־קלובן צו פאַרווײַלן די אַפּיצערן, טשינאָווניקעס און קופּצעס. און אויך זייערע קינ־דער האָבן געבעטלט, געזונגען און געטאַנצט פאַר קאָפּיקעס אין די שטאָטי־שע גאַסן. זייער אָפּט אַריינגעכאַפּט קלעפּ פון פּאָליציי־אישע דובינעס און קאַזאַצקע נאַגאַיקעס. געמוזט כסדר וואַנדערן—היינט דאָ, מאָרגן דאָרט—אַלעמאָל זיין נע־ונד, שטענדיג אין וועג, אויפ'ן „דראַם" (שליאַך).

צוליב זייער צוריקגעשטאַנענקייט, אויסגעוואָרצלקייט, מאַנגל אין דער עלעמענטאַרסטער בילדונג, ביכער, שולן אָדער אפילו אַ געשריבענער און געדרוקטער שפּראַך פעלגן זיי פאַלן אַ קרבן פון פאַרשיידענע פאַראורטיילן און אַבערגלויבנס. אָפּט פלעגן די דעגענערירטע, אַרויפגעאַרבעטע רייכע ציגיינער אַליין אויסנוצן די פינצטערניש, הילפלאָזיגקייט און רעכטלאָזיג־קייט פון די אַנדערע אָרימע ציגיינער פאַר זייערע אייגענע צוועקן, זיי עקס־פּלואַטירן ניט ווייניגער פון די עקספּלואַטאַטאָרס פון די הערשנדיגע און אַנדערע פעלקער. דאָס איז געווען די טעמע פון אַ צאָל שפּילן פון רעפּער־טואַר פון ציגיינערישן טעאַטער, ווי דאָס איז טיילווייז אויך געווען די פּאָ־בולע פון דעם סאָוועטישן פילם וועגן ציגיינער, וואָס מען האָט געוויזן אין אַמעריקע אונטער'ן ענגלישן נאָמען פאַר ציגיינער „דזשיפּסיס".

דריי ציגיינער זיינען זיי געווען

אין דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט די צאַרישע רעגירונג זיך געכאַפּט, אַז אויך די ציגיינער קאָנען זיין פאַר איר ווערטפול. געזען אין זיי פערד און מענער, וואָס קאָנען געניצט ווערן אין דעם קריג. צווישן די וואָס מען האָט גענומען אין דער מלחמה צו פאַרטיידיגן „זייער צאַר", זיינען געווען דריי ציגיינער, די שפּעטערדיגע רעדאַקטאָרן פון דער ציגיינערישער ציַיטונג אין מאָסקווע, טאַראַנאָוו, גערמאַנאָ און פּאַנקאָוו.

טאַראַנאָוו האָט מיט זיין פאַמיליע אַרומגעוואַנדערט ביז'ן עלטער פון 8 יאָר. דורך אַ גליקלעכן צופאַל האָט ער דערנאָך געלערנט דריי יאָר אין אַ רוסישער שולע. און צו עלף יאָר איז ער ווידער געווען אונטערוועגס, אויפ'ן „דראַם". נאָכ'ן ווערן מאָביליזירט צו 19 יאָר, האָט ער געקעמפט אויפ'ן פּוילישן פראָנט.

„דאָרטן בין איך געווען מיט אַרבעטער, אויך מאָביליזירטע. בין גע־גאַנגען צו געהיימע מיטינגען. זיי האָבן צו מיר געזאָגט: דו ביזט אַ ציי־גיינער, דענקסטו, אַז מען דאַרף אַרונטערוואַרפן דעם צאַר? וואָס האָסטו דען צו פאַרלירן?".

האָט זיך טאַראַנאָוו אַנגעשלאָסן אין דער רויטער גוואַרדיע און שפּעטער געוואָרן אַ מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי; ער האָט גראַדואירט פון דעם אוניווערזיטעט פון די מערב־פעלקער (באַקאַנט צווישן די סאָוועטישע אידן אַלס „מאַירעווקע") און דערנאָך געוואָרן אַ פירער פון זיין פאָלק. ער איז דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון „ניעבאָ דראָם".

גערמאַנאָ האָט אַלס קינד דורכגעוואַנדערט עסטרייך־אונגאַרן. אין דער יוגנט איז ער מגולגל געוואָרן אין קיעוו. שפּעטער האָט מען אים אויך גענומען אין דער מלחמה, זיך דערנאָך אַנגעשלאָסן אָן דער רויטער גוואַרדיע און אַ סך שטודירט. מיט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען און פּיעסן אויף רוסיש און אויף זיין ציגיינערישער מוטער־שפּראַך, וועמעס געשריבענעם אַלף־בית ער אַליין האָט געהאָלפן פאַרפאַסן אין 1925, ווי ער האָט שפּעטער געהאָלפן צוזאַמענשטעלן די לערנביכער פאַר די ציגיינערישע שולן און טעכניקומס.

אין פינף יאָר צייט, זינט זיין ציגיינער־לשון איז געוואָרן אַ געשריבענע שפּראַך, האָט גערמאַנאָ אָנגעשריבן און אָפּגעדרוקט אַ „געשיכטע פון די ציגיינער"; אַ ביבליאָגראַפיע פון דער ליטעראַטור וועגן זיי; און עטלעכע ביכער פון ציגיינערישער קינסטלערישער ליטעראַטור. ער איז געווען סעקרעטאַר פון „ניעבאָ דראָם" און אָנגעפירט מיט אַ גרופּע פּראָלעטאַרישע ציגיינער־שרייבער.

פּאַנקאָוו איז שוין געווען אַן אַנדער סאָרט מענטש. אַ קינד פון רייכע ציגיינער־עלטערן, האָט ער פאַרזוכט דעם טעם פון דעם צעלאָזענעם שטאָטישן לעבן. גאָר פרי רעוואָלטירט געגן דער עקספּלואַטאַציע פון די אָרימע ציגיינער, שליסט זיך אָן אָן ראַדיקאַלע סטודענטן־גרופּן, שטודירט אַ סך. ער איז שפּעטער געוואָרן אַ פּאָעט און רעדאַקטאָר פון דער פּעדאַגאָגישער סעקציע.

און אויב איר האָט געדולד וועלן מיר באַזוכן נאָר איינע פון אַ צענדליג שולן אין מאָסקווע, וואו ציגיינערישע קינדער ווערן געלערנט אין זייער אייגן מאַמע־לשון. דודאַראָוואַ, די לערערין, איז אויך אַ ציגיינערישע פּאָעטעסע; זי איז געווען איינע פון די ערשטע אַריינצוברענגען ציגיינערישע גאַסן־קינדער אין די נייע שולן אין 1925.

טויזנטער ציגיינער קעמפן איצט העלדיש אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי געגן די פאַשיסטישע קאַניבאַלן, וואָס זיינען דער גרעסטער שונא אויך פון זייער פאָלק, ווי פון דער גאַנצער מענטשהייט. טויזנטער אַנדערע ציגיינער אַרבעטן אויף די סאָוועטישע פאַבריקן און אין קאָלכאָזן—אויף ערד, וואָס די סאָוועטן־מלוכה האָט זיי געגעבן.

אין מאָסקווע אַליין האָבן אַרום 10,000 ציגיינער געאַרבעט מערסטנס אין דער מעטאַלורגיע און די שווערע אינדוסטריען. עס זיינען אויך פאַראַן צענדליגער אַרטעלן (פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון) פון ציגיינער, פון בלעכער, קופּער־שמידן, זאָטל־מאַכער און ענלעכע. עס דערשיינען ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן אויף דער ציגיינערישער שפּראַך. און עס שפּילט דער ציגיינער־טעאַטער, דער דאַך, די סופּער־סטרוקטור, די קרוינונג פון דעם ציגיינערישן נאַציאָנאַלן און קולטור בנין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דער ציגיינער טעאַטער

דעם ציגיינער טעאַטער איז מיר אויסגעקומען צו זען ניט נאָר אין מאָסקווע, נאָר אויך אין מינסק. ווי אַ סך אַנדערע טעאַטערס, פלעגט דער

ציגיינער טעאַטער גאַסטראָלירן יעדן זומער אין פאַרשידענע שטעט, פון לענינגראַד ביז אָדעס. אין מינסק איז דעמאָלט גראָד געווען א גאַסט פון אַמעריקע, אונזער טעאַטער־ספּעץ נ. בוכוואַלד. בין איך, מעגלעך אין בוכוואַלד'ס זכות, געגאַנגען אויך „הינטער די קוליסן".

— אפשר איז דער ציגיינער טעאַטער איינגאַנצן א „סאָוועטישער בלאָף" און די שפּילער זיינען גאָר קיין ציגיינער ניט?

האָב איך זיך איבערצייגט פון אַזוי נאָענט וואָס נאָענטער קאָן שוין ניט זיין, אַז אַלע צענדליגער שפּילער זיינען הונדערט פּראָצענטיגע ציגיינער, מיט איין איינציגן אויסנאַם טאַקע נאָר צו באַשטעטיגן מסתמא דעם כלל. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם ציגיינער טעאַטער איז אגב געווען איינער מאחינו בני ישראל מ. גאָלדבלאַט, א באַוואוסטער שוישפּילער פון מאָסקווער מלוכה־טעאַטער און שפּעטערדיגער רעזשיסער פון אידישן טעאַטער אין ביר־אָ־בידזשאַן.

דער רעפּערטואַר פון ציגיינער טעאַטער איז באַשטאַנען פון ענלעכע שפּילן, ווי אין דעם פילם „דזשיפּסים". געזאַנג און טענץ האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט. גאָלדבלאַט, געדענק איך, האָט אונז דערציילט וועגן די גרויסע און אייגנאַרטיגע שוועריגקייטן, וואָס ער האָט באַגעגענט ביים אָרגאַניזירן דעם טעאַטער. ס'האָט זיך ארויסגעוויזן, צום ביישפּיל, ביים קלייבן די שפּילער, אַז פּאַקטיש זיינען אַלע ציגיינער, אָן איין אויסנאַם, גע־ווען גלענצנדע סאַמאָראָדנע געבוירענע טענצער און ער האָט ניט געוואוסט וועמען צו פאַרבראַקירן. (א ציגיינער, וואָס קאָן ניט טאַנצן, וואָלט דאָך אַרומגעפירט געוואָרן אין א צירק...). אַלע פון זיי האָבן געהאַט א גוטן חוש פאַר מוזיק, געווען ניט נאָר גוטע טענצער, נאָר אויך גוטע אַקראָבאַטן און זינגער.

די אָפּגעקליבענע זיינען געווען זייער רויע מענטשן בכלל. מ'האָט זיי געמוזט ניט נאָר לערנען טעאַטער־קונסט, נאָר אויך געבן אַן אַלגעמיינע ביל־דונג. און נאָך א גרויסע שוועריגקייט איז געווען. די ציגיינער, וואָס מ'האָט געלערנט און צוגעגרייט צו שפּילן אין טעאַטער האָבן א לאַנגע צייט ניט געקענט און ניט געוואָלט בלייבן שלאָפן אין א שטאָטישן צימער, נאָר פלעגן, אַמאָל אפילו ווינטער, זייער שפּעט, זייער ווייט יעדע נאַכט, גיין שלאָפן צו זייערע עלטערן, זייער טאַבאָר, אין א ביידל. א סך אַזעלכע טשיקאַווע „נאַ־ציאָנאַלע" פּראָבלעמען האָט מען געדאַרפט לייזן ביים גרינדן דעם ציגיינער טעאַטער, געמוזט בייקומען אַן א שיעור שוועריגקייטן.

דריי דורות

מיר איז נאָך אויסגעקומען צו זען אין קיעווער ספּאָרט־סטאַדיאָן די גאַסטראָלן פון דעם לענינגראַדער ציגיינער אַנסאַמבל. ער איז באַשטאַנען פון אַרום זיבעציג פרויען און מענער. זיי זיינען אַרויסגעטראָטן אין א רייכן וואונדערלעכן רעפּערטואַר פון פאָלקס־לידער. א סך לידער זיינען גלייכצייטיג געזונגען און געטאַנצט געוואָרן. מ'האָט אויך גענוצט קאָסטיומען, צו־געפּאַסט מיט די הענט און ענלעכע באַקאַנטע מיטלען פון דער פאָלקס־קונסט.

ס'איז מיר באַזונדערס פאַרבליבן אין זכרון א ליד און טאַנץ אויפגע־פירט פון דריי דורות ציגיינער: מוטער, טאָכטער, אייניקל. די מוטער איז נאָך געווען אונטער'ן צאַריזם א זינגערין אין די סאַמע רייכסטע קאַבאַרעטן פון פּעטערבורג און מאָסקווע.

די מוטער האָט אויסגעזונגען און אויסגעטאַנצט דאָס אמאָליגע שווער און פינצטער לעבן און גורל פון די ציגיינער פאַר דורות און דורות, פאַר הונדערטער יאָרן.

די טאָכטער האָט געזונגען וועגן דעם סאָוועטישן היימלאַנד, וואָס האָט די ציגיינער געגעבן אַלע רעכט, זיי באַפרייט פון הונדערט־יאָריגע געוואוינ־הייטן און פאָראורטיילן, פון זייער וואָגל און נע־ונד לעבן, פון זייער באָדנ־לאָזיגקייט און קולטורלאָזיגקייט און זיי דערהויבן צו דער הויכער נאַציאָ־נאַלער באַוואוסטזיין־שטופע פון האָבן אַן אייגענעם פאָלקס־טעאַטער, אייגענע כאָרן, טאַנץ־אַנסאַמבל שולן, טעכניקומס, צייטונגען, זשורנאַלן, אַרטעלן און קאָלכאָזן.

דאָס אייניקל האָט שוין געזונגען וועגן דער נאָך־ליכטיגערער צוקונפט פון דעם ציגיינער־פאָלק אין דער ברידערלעכער פעלקער־משפחה פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און די באַפרייטע פעלקער פון דער גאָרער וועלט — — —

איציק פעפער און דוד בערגעלסאָן

פון אשר שוואַרצמאַן ביז דאָרע כאַיקינע

די שוואַרצע מוטער־נאַכט
צעריסן ווערט פון וויי:
— דער שונא ביי די טויערן!

פון טיף פון האַרצן
זיך רייסט אַ ווילד געשריי
— דער שונא ביי די טויערן!

אויף גיך צום פערד,
די האַנט שטאַל אָן;
ס׳איז איצט דער שווערד,
די שפּיז—אַ פאָן
— דער שונא ביי די טויערן!

אזוי האָט געזונגען דער ערשטער אידישער סאָוועטישער דיכטער אין דער צייט פון בירגער־קריג.

מיט אָט דעם געזאַנג אויף די ליפּן איז אָשר שוואַרצמאַן פרייוויליג אוועק אין דער רויטער אַרמיי צו פאַרטיידיגן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. און אויפ׳ן 29טן יאָר פון זיין לעבן (אויגוסט, 1919) איז ער געפאַלן אויפ׳ן שלאַכט־פעלד מיט׳ן טיפסטן בטחון אין דעם פולסטן זיג פון אַרבעטער־קלאַס. די אידישע סאָוועטישע ליטעראַטור, ווי דער גאַנצער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געבוירן געוואָרן אין דעם פלאַקער פון בלוטיגע שלאַכטן.

דער ערשטער אידישער סאָוועטישער דיכטער איז געווען אַ העלדישער רויט־אַרמייער. דאָס איז ניט קיין צופאַל.

מיט אָט דעם געזאַנג אויף די ליפּן זיינען איצט, 24 יאָר שפּעטער, פריי־וויליג ווידער אַוועק אין דער רויטער אַרמיי דער אידישער סאָוועטישער דיכ־טער און אָרדן־טרעגער, איציק פעפער, אַ וועטעראַן פון די בירגער־קריג שלאַכטן, און 30 אַנדערע באַוואוסטע אידישע שרייבער, „אָנהויבנדיג פון דוד בערגעלסאָן ביז דער אינגסטער דאָרע כאַיקינע".

די מיזינקע פון דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור,—פון ערשטן ביז׳ן אינגסטן סאָוועטישן שרייבער, — איז איצט אין די רייען פון דער רוי־טער אַרמיי אויפ׳ן פראָנט. דאָס איז אויך ניט קיין צופאַל.

ווי עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס אידישע רויט־אַרמייער לייענען די „מאָרגן־פרייהייט" אין די טראַנשייען, וואָס ביים אומגעקומענעם אידישן העלד יודל בערנשטיין האָט מען געפונען אַ פאַרבלוטיגטע „מאָרגן־פריי־הייט" אין קעשענע.

מיר דערוויסן זיך פון אַ קעיבל פון קויבישעוו צו דער „מאָרגן־פריי־הייט", אַז דער טאַלאַנטפולער דיכטער פון בירא־בידזשאַן אַרל ווערגעלים—

(מיט צוויי יאָר צוריק איז דערשינען זיינס א בוך לידער אונטער'ן נאָמען „היים") — האָט פארענדיגט זיין בריוו פון פראַנס, וואו ער פאַרטיידיגט איצט מיט א ביקס, ווי מיט א פען, זיין היימלאַנד און זיין היים — ביראָ־בידזשאַן, מיט די פאָלגנדיגע ווערטער: „נאָך א הייסער שלאַכט, און נאָכ־דעם ווי כ'האָב אָפּגעפירט א גרופּע פּאַשיסטישע באַנדיטן צו דער הויפּט־קוואַרטיר, האָב איך פאַרפאַסט א ליד און מיט'ן גרעסטן פאַרגעניגן געלייענט די „פרייהייט".

אָט אזוי ווערן איצט באַשאַפן לידער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די באַוואוסטע אידישע שרייבער א. גורשטיין (באַרימטער אידישער

ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן אפ'ן שלאַכט־פעלד), מ. ווינער, ש. גאָדינער, א. קושניראָוו, ש. ראָסין, יאַשע זעלדין, ליר־באָמירסקי, פאַלקאָוויטש, און אַנדערע, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דער העלדישער פאַרטיידיגונג פון מאָסקווע אַלס רויטאַרמייאישע וואָלונטירן, האָבן אַלע פאַרלאַנגט די „מאָרגן־פרייהייט" און זי געלייענט אויפ'ן שלאַכט־פעלד.

אָט־די ליבשאַפט פון די אידישע שרייבער און רויטאַרמייאישע קעמ־פער (ווי דאָס ווייזן אויך זייערע באַגריסונגען), איז די בעסטע מתנה, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" קאָן זיך ווינטשן צו איר יובילֵיי.

ס'איז אויך ניט קיין צופאַל, וואָס די „מאָרגן־פרייהייט" האָט כמעט פון ערשטן טאָג אָן פון איר לעבן אַלעמאָל געהאַט צווישן אירע מיטאַרבעטער די אָנגעזעענסטע סאָוועטישע שרייבער. די „מאָרגן־פרייהייט" האָט אָפּגעדרוקט א סך ווערק, לידער, דערציילונגען, ראָמאַנען — גאַנצע ביכער פון אַזעלכע באַרימטע סאָוועטישע שרייבער, ווי דוד בערגעלסאָן, איציק פעפער, איציק קיפּניס, וועוויאָרקע, מ. ווינער, ש. גאָדינער, מאַרקיש, קוויטקאָ, האָפשטיין, דאָברושין און פון די צענדליגער אַנדערע אידישע און אויך ניט־אידישע שרייבער, ווי מאַקסים גאָרקי, מאַיאַקאָווסקי, איליאַ ערענבורג, שאָלאָכאָוו.

יעדער שטענדיגער לעזער פון דער „מאָרגן־פרייהייט" האָט פּאַקטיש דורכגעלייענט א גאַנצע ביבליאָטעק פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

„די „מאָרגן־פרייהייט" האָט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט נאָכגעפאָלגט און באַלויכטן און אָפּגעשאַצט דעם גאַנג און די אַנטוויקלונג פון דער רייכער און וואונדערלעכער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור. און ניט צופעליג איז דאָס לעצטע ניט־פאַרענדיגטע ווערק פון חבר מ. אָלגין צוליב זיין טויט געווען א קאָנספּעקט פון אַן אַרבעט פאַר'ן אָרדן־אַלמאַנאַך וועגן דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור.

דאָס באַקענען די אידישע מאַסן אין אַמעריקע מיט דער אידישער סאָ־וועטישער ליטעראַטור איז אַליין פאַר זיך אַן אומגעהויער־גרויסער אויפטו פון דער „מאָרגן־פרייהייט". דאָס האָט אויך געהאָלפן אַנטוויקלען די אי־דישע פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור אין אַמעריקע און זיכער געהאַט א גרויסן איינפלוס אפילו אויף דער אַלגעמיינער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

די ווערק פון דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור פאַרנעמען גאָר א היבשן און חשוב'ן אָרט אויף די זייטן פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אין די 20 יאָר פון איר לעבן און ווירקן.

דעם 24טן מאַי, 1942, האָט אשר שוואַרצמאַנ'ס חבר און באַוואוסטער

אידישער סאָוועטישער דיכטער אהרן קושניראָוו, אויך א רויטאַרמייאישער וועטעראַן פון די בירגער־קריג צייטן, דערקלערט אויפ'ן צווייטן אַנטי־פאַשיסטישן ראַדיאָ־מיטינג אין מאָסקווע: „איך קום פון דעם פראָנט, וואו די העלדישע רויטע אַרמיי קערט אוים מיט א פייערדיגן בעזים דאָס פאַשיסטישע שמוץ, וואָס איז אָנגעפאַלן אויף אונזער סאָוועטישער ערד.

„מיט עלף חדשים צוריק האָב איך, א אידישער דיכטער, צוזאַמען מיט א סך אַנדערע אידישע, רוסישע, אוקראַינישע, ווייסרוסישע און גרוזינישע דיכטער און שרייבער, זיך פרייוויליג אָנגעשלאָסן אין דער רויטער אַרמיי צו פאַרטיידיגן אונזער לאַנד. מיר האָבן גענומען ביקסן אין די הענט, אָבער מיר האָבן ניט אויפגעגעבן אונזער אַנדער געווער—די פען. מיר האָבן געקעמפט געגן שונא מיט'ן באַיאָנעט און מיט דער פען".

„די נאַצים האָבן אונז אַרומגערינגלט, אָבער מיר האָבן זיך דורכגעריסן איבער זייערע טויטע קערפערס", האָט קושניראָוו דערציילט, „אַרומגערינגעלט פון שונא, האָבן מיר פאַרגעזעצט דעם קאַמף מיט ביקס און אפילו מיט דער פען—אַרויסגעגעבן א קליינע פראָנט־צייטונג", האָט ער איבערגעגעבן.

מיט ביקס אין האַנט,
מיט וואַרעם בלוט אין האַרצן
פאַרטאַיע איך זיך איצט
און לאָקער נאָך דעם שונא.

אזוי האָט אָשר שוואַרצמאַן אין 1918 געשילדערט אין א ליד זיין קאַמף אויפ'ן שלאַכט־פעלד אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי. און איצט דערציילט אונז א. קושניראָוו אין 1942, אַז אויך ער האָט געקעמפט געגן דעם שונא „מיט ביקס אין האַנט", ווי מיט דער פען. דאָס איז געווים ניט קיין צופאַל.

די פען איז, ווי די ביקס, א געווער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָפט דאָס שאַרפסטע און מעכטיגסטע געווער. די פען און די ביקס גייען ביי א סאָוועטישן שרייבער ניט נאָר האַנט־ביי־האַנט, נאָר געפינען זיך טאַקע אין דערזעלבער האַנט. א סאָוועטישער שרייבער און א העלדישער רויט־אַרמייער זיינען סינאָנימען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דערין איז דער טיפער זין פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור.

ס'איז דעריבער ניט קיין צופאַל, וואָס די אידישע שרייבער, פּאָעטן, נאָוועליסטן, דראַמאַטורגן, ליטעראַטור־פאָרשער, קריטיקער, און היסטאָריקער, וואָס זיינען עוואַקואירט געוואָרן קיין אוזבעקיסטאַן און אַנדערע געגנטן טיף אין לאַנד, זעצן פאָר זייער שעפערישע אַרבעט. דוד בערגעלסאָן, צום ביישפּיל, האָט פאַרענדיגט א פילם־סצענאַריע וועגן די אידישע העלדן אין דער רויטער אַרמיי און אין די פאַרטיזאַנען טיילן, דעם קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, דעם קאַמף פון די אידישע מאַסן געגן די פאַשיסטישע אַריינדרינגער און דער פעלקער־פריינטשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די אידישע שרייבער־סעקציע פירט דורך שעפערישע אָוונטן און שרייבער־קאָנפערענצן, ליטעראַרישע פאַרלעזונגען און לעקציעס אויף פאַבריקן, אין טיילן פון דער רויטער אַרמיי און שפּיטאַלן, ווי פאַר'ן אַלגעמיינעם פּובליקום. עס זיינען אויך געשאַפן געוואָרן שרייבערישע אַגיטאַציע־גרופּעס אַרומצופאָרן איבער די שטעט און דער פּראָווינץ.

ווי עס איז ניט קיין צופאַל — די „זיבעטע סימפאָניע" פון דימיטרי שאָסטאַקאָוויטש, וואָס ער האָט קאָמפּאָנירט אין דער באַלאַגערטער לענינ־

גראַד אונטער דעם קנאַלן פון קאַנאָנען, אין דעם פּלאַקער פון בלוטיגע שלאַכ־טען. זי ווערט באַצייכנט אַלס „דער זיבעטער הימל פון סימפאָניע". און אויב נישט נאָך העכער...

ווי עס איז ניט קיין צופאַל — די פאַרלעזונגען פון שלום עליכם'ס ווערק און די פאַרשטעלונגען פון „בר כוכבא" פאַר די רויט־אַרמייער אויפ'ן פראָנט.

די אידישע ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

סטאַלין האָט זיך אויסגעדריקט:

„פון אַלע ווערטפולסטע אוצרות וואָס די וועלט פאַרמאָגט, איז דער ווערטפולסטער אוצר—דער מענטש".

ער האָט אָנגערופן די שרייבער: אינזשענירן פון מענטשלעכע נשמות".

דאָס דריגנט אַרויס פון דעם גאַנצן זין פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, פון דעם קאָמוניסטישן אידעאַל.

פאַר דער גאַנצער סאָוועטישער ליטעראַטור איז געשטעלט געוואָרן די קאָלאָסאַלע אויפגאַבע צו באַזייטיגן די רעאַקציאָנערע רעשטלעך פון דער פריערדיגער אָרדענונג אין דעם באַוואוסטזיין פונ'ם מענטשן, דערציען דעם נייעם סאָוועטישן מענטשן פון דער קלאַסנלאָזער, סאָציאַליסטישער גע־זעלשאַפט. די ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דערפאַר ניט קיין זאַך פון יחידי סגולה, פון געציילטע און אויסדערוויילטע. זי איז א זאַך פון מיליאָנען, א זאַך פונ'ם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס, פון אַלע האַרעפּאַש־ניקעס.

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך אַנטוויקלט אויף דעם הינטער־גרונט פון א גראַנדיעזער קולטור־רעוואָלוציע, ווען דער מאַרש פון מיליאָנען אויף קולטור איז געווען א פאַקט פון טאָג־טעגלעכער סאָציאַליסטישערווירקלעכקייט. דער מאַסן־לייענער, זיין קולטור־ניוואָ, זיינע קולטור־פאָדע־רונגען, זיינען געוואַקסן פון טאָג צו טאָג. „אונזער ליטעראַטור איז... א שאַרפע שווערד אין די הענט פונ'ם פּראָלעטאַריאַט".

די ליטעראַטור שפּילט א געוואַלדיגע ראָלע אינ'ם סאָוועטישן לעבן. די ליטעראַטור, ווי די פּרעסע, ווערט פאַררעכנט פאַר איינעם פון די וויכטיג־סטע, שאַרפסטע געווערן אין די הענט פונ'ם אַרבעטער־קלאַס. די אויפגאַבע פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור איז ניט בלויז צו אַמוזירן, ניט בלויז אָפּשפּיגלען, אויפקלערן, געבן לעבנס־דערקענטעניש, נאָר דאַרף, דערהויפּט, העלפן איבערמאַכן דעם מענטשן און דאָס לעבן, רעוואָלוציאָניזירן די ווירק־לעכקייט, ענדערן די וועלט, „טשענדזש די וואָרלד", ווי עס הייסט מאַיקל גאָלד'ס קאָלום אין „דעילי וואָרקער". וועגן ליטעראַטור זאָגן מיר דאָס זעל־בע, וואָס מאַרקס זאָגט וועגן די בורזשואַזיע פילאָזאָפן און פילאָזאָפיעס:

„די פילאָזאָפן פּרובירן בלויז אויף א פאַרשיידענעם אופן דערקלערן די וועלט, נאָר די זאַך באַשטייט אין איבערמאַכן זי".

די סאָוועטישע ליטעראַטור האָט געהאָלפן בויען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, דאָס נייע לעבן און וועלט. און דאָס איז, אין א געוויסן זין, אויך דער אונטערשייד צווישן דער בורזשואַזער און פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור איז אַנטשטאַנען, געוואַקסן און זיך געפעסטיגט אַלס אָרגאַנישער באַשטאַנד־טייל פון דער גאַנצער סאָוועטישער

ליטעראַטור. דער היסטאָרישער באַדייט פון דער סאָוועטישער ליטערטור באַשטייט דערין, וואָס זי העלפט בויען און פאַרטיידיגן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג, העלפט אַנטוויקלען פּאַטריאָטישע און מסירת־נפש׳דיגע געפילן פאַר׳ן היימלאַנד, וואָס זי איז איינגעשלאָסן אין די טאָג־טעגלעכע שלאַכטן פאַר דער בויאונג פון לאַנד, פאַר דער באַשיצונג פון לאַנד געגן אינערלעכע און דרויסנדיגע שונאים. און אינ׳ם אַלגעמיינעם כאָר פון דער סאָוועטישער ליטעראַטור קלינגט הויך דאָס וואָרט פון דער אידישער ליטערטור. די אַל־געמיינע אויפגאַבעס, וואָס די פּאַרטיי, די רעגירונג, דאָס לאַנד האָט אַרויס־גערוקט פאַר דער אַלפאַרבאַנדישער ליטעראַטור, האָבן געגאָלטן פאַר אַלע אירע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן, דערין אויך פאַר דער אידישער ליטעראַטור.

ביז דער מלחמה פון 1914 זיינען די הויפּט־צענטערס פון דער אידי־שער ליטערעאַטור אויף דער טעריטאָריע פון געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד געווען וואַרשע און ווילנע, און טיילווייז אָדעס, וואו עס איז געווען א העב־רייאיש־ציוניסטישער ליטעראַטור־צענטער. נאָך דער קערענסקי־רעוואָלוציע קומען אויף נייע צענטערס אין מאָסקווע, פּעטראָגראַד, מינסק, און אַ באַזונ־דערס גרויסער, אינטערעסאַנטער ליטעראַרישער צענטער אין קיעוו. די אַזוי־גערופענע „אייגנס״־גרופּע גיט אַרויס אין קיעוו צוויי גרויסע זאַמל־ביכער: דעם ערשטן באַנד „אייגנס״ אין 1918 און דעם צווייטן אין 1920.

די „אייגנס״ גרופּע איז ניט געווען פון איין גוס. מיר געפינען דאָרטן אַזעלכע עלטערע שרייבער, ווי בערגעלסאָן, נסתר, א. קאַציזנע, י. דאָברושין. און מיר געפינען אויך די נייע גרופּע מיטגייער אָדער מיטלויפער*)—שריי־בער, ווי אָשר שוואַרצמאַן, דוד האָפשטיין, פּרץ מאַרקיש, לייב קוויטקאָ, בינוש שטיימאַן, אהרן קושניראָוו. די עלטערע שרייבער זעצן דאָרטן פאָר זייער אַלטן וועג. זיי דרוקן ליטעראַטור, וואָס האָט זיך ביי זיי אָנגעזאַמלט נאָך פון פאַר דער מלחמה און גאָרניט געהאַט צו טאָן מיט׳ן נייעם לעבן. פּראָגרעסיווער איז געווען די דיכטונג אין „אייגנס״. די נייע מיטלויפער־גרופּע דריקט שוין אויס הומאַניסטיש־פּאַציפיסטישע און רעוואָלוציאָנערע שטימונגען. און אָשר שוואַרצמאַן ווערט שוין פאַררעכנט אַלס דער ערש־טער אידישער סאָוועטישער דיכטער, אַלס איינער פון די ערשטע און באַ־דייטנדיגסטע רעוואָלוציאָנערע שרייבער. אין די שפּעטערדיגע יאָרן זיינען ניט נאָר די נייע יונגע גרופּע, נאָר אויך אַלע עלטערע שריפטשטעלער גע־וואָרן מוסטערהאַפטע סאָוועטישע שרייבער.

אין דער צייט פון בירגער־קריג (1917—1921) איז גלייכצייטיג מיט דער קליינבירגערלעכער ליטעראַטור געווען א שטראָם פון אַרבעטער־שריי־בער. די אידישע קאָמוניסטישע און קאָמיוגיסטישע צייטונגען און זשור־נאַלן, ווי די „קאָמוניסטישע וועלט״, „כוואַליעס״, „עמעס״, „קאַמפּאַן״, „וועקער״, א. א. זיינען פול מיט ווערק, דער עיקר לידער, פון אידישע אַרבע־טער און רויט־אַרמייער. אין זייערע לידער הערשן שוין קאָלעקטיוויסטישע און אינטערנאַציאָנאַליסטישע מאָטיוון. זיי באַזינגען די שלאַכטן מיט׳ן שונא, די העלדישקייט פון די אַרבעטער און רויט־אַרמייער, דעם זאַוואָד און דעם וואַרשטאַט. אין זייער דיכטונג פילט זיך שטאַרק דער איינפלוס פון

*) מיטלויפער האָט מען אָנגערופן אַזעלכע שרייבער, וואָס האָבן אויפגע־נומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע און זיך אָנגעשלאָסן אָן איר, וואָס האָבן אָבער ניט באַנומען מיט אַ גענוגנדיגער קלאָרקייט איר סאָציאַליסטישן כאַ־ראַקטער, און אַרויסגעוויזן פאַרשיידענע וואַקלונגען.

די עלטערע אמעריקאנער רעוואלוציאנערע דיכטער — ווינטשעווסקי, באוו־שאווער און עדעלשטאט, ווי אויך פון דער רוסישער פראלעטארישער דיכ־טונג אין יענעם פעריאד, באזונדערס פונ׳ם „פראלעט־קולט". דאס זיינען אזעלכע ווי גילדין, אבארבאנעל, יודאווין און אנדערע.

אין דעם אויפשטעל־ אדער נעפ־פעריאד נאכ׳ן בירגער־קריג (1922—1927), וואס צייכנט זיך אויס מיט דעם איבערגאנג צו פרידלעכער בוי־אונג און צו דער נייער עקאנאמישער פאליטיק (נעפ), געפינען מיר א באַ־דייטנדיגן וואוקס פון דער אידישער סאוועטישער ליטעראטור, א סך נייע מיטלויפערישע און אפילו פראלעטארישע שרייבער, ווי איציק פעפער, ש. גאדינער, דאניעל, ארלאנד, יודל יאפע, אברהם קאהאן, פערסאוו, איציק קיפניס, נח לוריע, א. א.

אין די ערשטע יארן נאך דער אקטאבער־רעוואלוציע איז דער פירנ־דיגער זשאנר פון דער סאוועטישער אידישער ליטערטור געווען די פאעזיע. שפעטער האט די פראזע, און אין די סאמע לעצטע יארן די דראמאטורגיע, זי אנגעהויבן אניאגן. די אידישע פאעזיע האט זינט דעם אויפשטעל־פע־ריאד קאלאסאל פארברייטערט איר פארנעם, האט אפט אזוי ווי פארביטן אדער אריינגעריסן זיך אינ׳ם געביט פון דער פראזע. זי האט געגעבן א רייע גרויסע פאעמעס — גאנצע ביכער מיט סוזשעטן, העלדען, סיטואציעס. זי שטייט עד היום אויף א זייער הויכן ניוואו לויט איר אידייאישער אנגעזע־טיגטקייט, לויט דער צאל גרויסע מייסטערס און באדייטנדיגע ווערק. די אידישע פאעזיע פארנעמט זייער א חשוב׳ן פלאץ ניט נאר אין דער אידישער ליטעראטור, נאר אין דער סאוועטישער פאעזיע בכלל, וואס איז זייער א גרויסער קאמפלימענט.

אין די יארן פונ׳ם בירגער־קריג און אין די ערשטע יארן פונ׳ם „נעפ" איז די שטארקסטע גרופע פון דער אידישער סאוועטישער ליטעראטור, אין קינסטלערישן הינזיכט, געקומען פון דער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. אבער זינט דער צווייטער העלפט פון דעם אויפשטעל־פעריאד הויבט אן אלץ מער צו פארנעמען דעם אויבן־אן דער נייער יונגער פראלעטארישער פליגל. צו זיי געהערט די אידייאיש־קינסטלערישע אנפירנדיגע ראלע. און אויך די געוועזענע קליינבירגערלעכע אדער אזוי־גערופענע מיטלויפערישע שרייבער ווארפן זיך אריין מיט לייב און לעבן אין דער סאציאליסטישער קולטור־בויאונג, פארבינדן זיך ענגער מיט דער פאליטיק פון דעם ארבעטער־קלאס, מיט דער סאוועטן־מאכט.

די פראלעטארישע שרייבער האבן די ערשטע אנגעהויבן באלויכטן די וויכטיגסטע טעמעס פונ׳ם בירגער־קריג און דער סאציאליסטישער בויאונג, און דערמיט אליין אנגעוויזן א וועג די אנדערע שרייבער. די פראלעטארישע דיכטער זיינען אין דעם אויפשטעל־פעריאד געווארן רייפער אידייאיש און קינסטלעריש. עם פארשווינדן די דעקלאראטיווע, אבסטראקטע, סכעמאטי־שע רעוואלוציאנערע לאזונגען. זיי הויבן אן פארקערפערן אין באדייטנדיגע קינסטלערישע ווערק די רעוואלוציאנערע דערפארונגען פון די סאוועטישע מאסן, אין דער ערשטער ריי פונ׳ם בירגער־קריג. אזעלכע, ווי איציק פעפער, צום ביישפיל, באווייזן אין זייערע פרעכטיגע, פריש־צאפלדיגע לידער ניט נאר די ארבעטער און פויערים, קאמוניסטן, קאמיוגיסטן און רויט־ארמייער, די קעמפער אויף די אקטאבער־פראנטן, נאר שוין די לעבעדיגע קעמפער אויף די ווירטשאפטלעכע פראנטן, די קעמפער אויף רעשטאוואניעס, די בויער און אויפשטעלער פון דער סאציאליסטישער אינדוסטריע און קולטור.

אין דעם אויפשטעל־פּעריאָד קומט פאַר אַן אויפבלי פון דער פּראָזע, וואָס שילדערט דער עיקר די אימפּעריאַליסטישע מלחמה און דעם בירגער־קריג. אין דערזעלבער צייט הויבן זיך שוין אָן באַווייזן די פּראָ־סאָוועטישע ווערק פון דעם גרעסטן מאָדערנעם אידישן קלאַסיקער דוד בערגעלסאָן.

אין משך פון דעם אַזוי־גערופענעם רעקאָנסטרוקציע־פּעריאָד און זינט 1928, מיט דער איינפירונג פון די 5־יאָר פּלענער, האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַדייטנדיגער באַרג־אַרויף פון דער אידישער ליטעראַטור. מיט יעדן יאָר זיינען צוגעקומען נייע, יונגע טאַלאַנטפולע שרייבער־קאַדרען פון די פאַבריקן און קאָלכאָזן. מיט יעדן יאָר זיינען רייפער געוואָרן די ווערק פון די פאַר־העלטניסמעסיג „עלטערע" שרייבער. פאַר דער אידישער, ווי פאַר דער גאַנ־צער סאָוועטישער ליטעראַטור, איז דעמאָלט געווען כאַראַקטעריסטיש דער קער צו דער טעמאַטיק פון אינדוסטריאַליזאַציע און קאָלעקטיוויזאַציע.

די סאָוועטישע אידישע פּראָזע האָט כמעט ווי ניט עקזיסטירט אין'ם פּעריאָד פון בירגער־קריג (1917—1921); זי האָט געבלאָנדזשעט אויף די וועגן פון נאַציאָנאַליזם אין דעם „נעפּ" פּעריאָד (1922—1927); און אירע הערשנדיגע סטילן זיינען דעמאָלט ניט צופעליג געווען דער סימבאָליזם און אימפּרעסיאָניזם. אָבער זינט דעם ערשטן פינף־יאָר פּלאַן איז פאָרגעקומען אַ שאַרפער איבערברוך אין דער פּראָזע, ווי אין דער פּאָעזיע. עס באַווייזן זיך באַדייטנדיגע ווערק מיט אַן אויסגעשפּראָכן־רעאַליסטישער טענדענץ, מיט אַ דראַנג צו דער אַקטועלער טעמאַטיק פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג. עס באַווייזן זיך שרייבער, וואָס זיינען גובר דעם סימבאָליזם און אימפּרעסיאָ־ניזם אין דער אידישער ליטעראַטור.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור האָט שפּעטער באַוויזן שטאַרק אויס־ברייטערן דעם טעמאַטיש־פּראָבלעמאַטישן פאַרנעם פון דער ליטעראַטור, זיך אַ ריס געטאָן פון דער טראַדיציאָנעלער שטעטל־טעמאַטיק צום דאָניעצער קוילן־באַסעין, צום דניעפּראָבוי, צום קערטשער מעטאַלורגישן זאַוואָד, צום קאָלווירטישן פעלד, צום רויטאַרמייאישן לאַגער, צו בירא־בידזשאַן. דאָס זיינען אַזעלכע ווערק, ווי מ. אַלבערטאָנ'ס „שאַכטעס", איציק פעפער'ס „פּלאַסטן", גילדינ'ס, ווי אויך פעפער'ס און אַנדערע וועגן „דניעפּרבוי", אָרלאַנד'ס „אַגלאָמעראַט", נאָטע לוריע'ס צוויי ביכער „דער סטעפּ רופט", פּרץ מאַרקיש'עס „ניט געדייגעט", ע. שעכטמאַנ'ס „פּאַראַקערטע מעזשעס" (דריי ביכער), ע. גאָרדאָנ'ס „ווילדגראָז", נ. זאַכאַרע'ס „ראַדיאָ־ראָמאַן" וועגן דער רויטער אַרמיי, פּ. אַלטמאַנ'ס „פּאָזיציעס" (מיט דער רויטער אַרמיי פאַרנעמען זיך כמעט אַלע, ווער מער, ווער ווייניגער), מ. אַלבערטאָנ'ס „בי־ראָ־בידזשאַן", ד. בערגעלסאָנ'ס „בירא־בידזשאַנער", א. אַז. וו.

די איבערדערציאונג פון די אידישע אָפּגעשטאַנענע אַרבעטער, קוס־טאַרן און קליינבירגער אין פּראָצעס פון רעוואָלוציע און סאָציאַליסטישער בויאונג איז אויך אַ גרונט־פּראָבלעם פון די סאָוועטישע שרייבער. אין אייניגע ווערק ווערט אויך געשטעלט די פּראָבלעם פון דער טעכנישער אינ־טעליגענץ, ווי „אינזשענירן" פון א. קאַהאַן, „פיגורן אויפ'ן ראַנד" פון ש. גאָדינער און אַנדערע.

די סאָוועטישע אידישע ליטעראַטור האָט זיך גענומען מיט אַ סך דער־פאָלג צום גרויסן לייוענט. זי האָט אַרויסגעגעבן גרויסע געמעלן פון פאַר־געשריטענע געשטאַלטן. זי האָט אינטערנאַציאָנאַליזירט דעם טיפּאַזש, אָפּ־געשפּיגלט דאָס אַריינציען פון די אידישע מאַסן אין'ם אַלגעמיינעם מלוכה־

לעבן, אין דער גרויסער אינדוסטריע, אין די קאלווירטן, אין דער בויאונג פון בירא־בידזשאן.

דער סטיל פון דער אידישער סאוועטישער ליטעראטור

די אידישע סאוועטישע ליטעראטור, ווי די פראלעטארישע ליטעראטור אומעטום, איז רעאליסטיש, קאנקרעט, אפטימיסטיש און קאלעקטיוויסטיש, פארבונדן און דורכגעפלאכטן מיט׳ן גאנצן ארום. אירע העלדן זיינען פאר־געשריטענע ארבעטער־מענטשן. איר ציל איז באווירקן, באוועגן, אקטיווי־זירן, מאביליזירן און ארגאניזירן מיליאניגע מאסן. זי איז נאציאנאל לויט איר פארם און אינטערנאציאנאל און סאציאל לויט איר אינהאלט.

אין דער אידישער סאוועטישער ליטעראטור געפינען מיר אן אויפשטייג, א צעבליאונג פון פארשיידענע זשאנרען: היסטארישער ראמאן, דאס מיניאטור־ליד, די באלאדע, די לירישע פאעמע, סוזשעטישע פאעמע, פארצייכענונג, א. אז וו. די סאוועטישע ליטעראטור האט אויסגעלעבט די סימבאליסטישע און אימפרעסיאניסטישע איינפלוסן, ווי זי לעבט אויס דעם פארמאליזם און נאטוראליזם. זי גייט אויפ׳ן וועג פון סאציאליסטישן רעאליזם, דער גרונט־כאראקטער און גרונט־סטיל פון דער גאנצער סאוועטישער ליטעראטור. דעם סאציאליסטישן רעאליזם ווידערשפרעכן אבער לחלוטין ניט די עלעמענטן פון רעוואלוציאנערן ראמאנטיזם.

ס׳איז אויך אויסגעוואקסן די אידישע דראמאטורגיע — „דער נויטיגסטער און וויכטיגסטער מין ליטעראטור”. צווישן די דראמאטורגן געפינט איר אויך א גרויסע צאל באקאנטע פאעטן און פראזאאיקער, ווי פרץ מארקיש, קושניראוו, האלקין, ל. רעזניק, דאברושין, וועוויארקע, דאניעל, בערגעלסאן, זעלדין, און אנד. ס׳איז אויך אויסגעוואקסן אן אומגעווײנלעך־רייכע אידישע קינדער־ליטעראטור, ווי די ליטעראטור־וויסנשאפט, די ליטעראטור־קריטיק, די אידישע שפראך־וויסנשאפט. און אלץ אויף א מאסשטאב, וואס מען קען אפילו ניט חלומ׳ען אין קיין אנדער לאנד.

מען דארף נאך דערמאנען, אז צוזאמען מיט די בעסטע שרייבער פון סאוועטן־פארבאנד זיינען מיט עטלעכע יאר צוריק באלוינט געווארן אויך די פאלגנדיגע אידישע סאוועטישע שרייבער מיט לענין־ארדנס און אנדערע ערן־ארדנס: פרץ מארקיש, לייב קוויטקא, שמואל האלקין, דוד האפשטיין און איציק פעפער.

מען וואלט נאך געדארפט דערמאנען און אפשר אונטערשטרייכן, אז די אידישע סאוועטישע ליטעראטור פארגעסט קיינמאל ניט די פארגאנגענהייט. און ניט נאר וועגן בירגער־קריג פעריאד אדער דער לעצטער וועלט־מלחמה, ווען עס זיינען געווידמעט אזעלכע סאלידע ווערק, ווי ש. ברעגמאנ׳ס דריי ביכער „דורך קריג און רעוואלוציע”, דאניעל׳ס „יולים”, ראבינ׳ס „שוועסטערקינדער”, ל. קוויטקא׳ס „ליאם און פעטריק”, נאר אויך דוד בערגעלסאנ׳ס ביידע ביכער „ביים דניעפער”, „האלקינ׳ס „בר כוכבא”, דאניעל׳ס „שלמה מימון”, ווערק וועגן די אידישע קלאסיקער, א. אז. וו.

איבערהויפט אין משך פון צווייטן פינף־יאר און אנהויב דריטן זיינען דערשינען א סך ווערק אויף אידישע געשיכטלעכע טעמעס, וועגן ירושה און דער פארגאנגענהייט. אין די לעצטע יארן, ווען די מלחמה־וואלקנס אויפ׳ן

וועלט־האַריזאָנט זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער, האָבן די אידישע סאָוועטי־שע שרייבער זיך א סך אָפּגעגעבן מיט די טעמעס און פּראָבלעמען פון היים־לאַנד, פּאַטריאָטיזם, לאַנד־שוץ, דעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, וואָס איז פול מיט קרבנות, מסירת־נפש, העלדן־טאַטן. און וועגן דעם וואָס זיי טוען זינט די פאַשיסטישע פלאָג איז באַפאַלן די סאָוועטישע ערד, האָב איך שוין געשריבן פריער.

אין די ראַמען פון דער מאַקסימום־גרויס, וואָס די ארבעט מעג זיין, האָב איך געקענט בלויז אָנוואַרפן א סכעמע, אָנצייכענען קאָנספּעקט־מעסיג די גרונט־שטריכן און כאַראַקטעריסטישע מאָמענטן פון דעם גאַנג פון דער סאָ־וועטישער ליטעראַטור. מיר האָבן צו טאָן מיט א פאַר הונדערט שרייבער און הונדערטער בעלעטריסטישע ווערק, און איך האָב זיך ניט געקענט אָפּ־שטעלן אפילו אויף די סאַמע וויכטיגסטע פון זיי.

צום סוף וויל איך פונדעסטוועגן טאַקע בלויז דערמאָנען, אז ווי לעגענ־דעס, ווי פאַנטאַסטישע מעשה׳לעך, האָבן זיך געלייענט די באַשרייבונגען פון די גראַנדיעזע פייערונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לכבוד די אידישע קלאַ־סיקער, ווי מענדעלע, שלום עליכם, י. ל. פּרץ, י. י. לינעצקי, ד. בערגעלסאָן, און אַנדערע. די יאָרצייטן און יובילייען פון די אידישע קלאַסיקער זיינען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאָלקס יום־טובים, אין אַלפאַרבאַנדישע פייערונגען, אין מלוכה׳שע געשעענישן.

און וויפיל וואונדער אנטהאַלט אַזאַ ציפער ווי 3 מיליאָן ביכער פון שלום עליכם, וואָס זיינען געדרוקט און געלייענט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַר־באַנד. מער ווי דריי מיליאָן מענטשן, איינגעשלאָסן העכער א מיליאָן ניט־אידן, האָבן געלייענט די ביכער פון איין אידישן שרייבער. וואָס פאַר א הימ־מאַרישער ציפער! שלום עליכם׳ס שימעלע סאַראַקער האָט געטרוימט קוים פון „200,000״, און אפילו זיין גרעסטער בעל־חלומות, מנחם־מענדל, וואָלט דאָך ניט געקאָנט אויספאַנטאַזירן אַזעלכע פּרעכטיגע, אמת־וואָרהאַפטיגע „מיליאָנען״ (אָן געגנזן־פּיסלעך). און איצט לייענט מען און מע ןלייענט פאַר שלום עליכמ׳ען אויף פאַרשיידענע שפּראַכן פאַר די מיליאָנען רויטע אַרמייער אויף די פאָדערשטע שלאַכט־פאָזיציעס, צווישן איין שלאַכט און א צווייטער. אַט דער היסטאָרישער פאַקט פאַרדינט דאָך, אז מ׳זאָל אים באַזינגען און איםווידמענען קונסט־ווערק. איז זאָגט אַליין—

וואו אַנדערש, אין וועלכן אַנדער לאַנד, איז עס געמאָלט, אַחוץ אין דעם לאַנד פון פעלקער־פריינטשאַפט?

דריי יאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

איך בין געווען העכער דריי יאָר אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. האָב באַזוכט צענדליגער שטעט, דערפֿער, פֿאַבריקן, שולן, אַנשטאַלטן.

בין געווען אין לענינגראַד, מאָסקווע, מינסק, כאַרקאָוו, קיעוו, אָדעס, כערסאָן, דניעפּראָסטראָי, דניעפּראָפּעטראָווסק, סעוואַסטאָפּאָל, יאַלטע, יעווּפּאַטאַריע, סוכום, וולאַדיקאַווקאַז, טיפֿליס, באַטום און נאָך אין אַנדערע שטעט.

בין געפֿאָרן אויפֿן שוואַרצן ים פֿון באַטום ביז אָדעס און פֿון אָדעס ביז קיעוו מיטן דניעפּער. אין זומער פֿון 1933 האָב איך עטלעכע וואָכן געאַרבעט אין אַ סאָווכאָז מיט די אָרטיגע פּויערים ביים אַראָפּנעמען תּבֿואה.

אַרום צוויי מיט אַ האַלב יאָר האָב איך זיך געפֿונען אין קיעוו, זיך געלערנט אין דעם קיעווער וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן אינסטיטוט פֿאַר אידישער קולטור.

איך בין העכער דריי יאָר צייט געווען אַוועק פֿון אַמעריקע, פֿון ניו יאָרק. אין משך פֿון דער צייט זיינען פֿאַרשוואומען אַ סך וואַסערן פֿון אַטלאַנטיק, פֿון האָדסאָן. אין משך פֿון דער צייט זיינען פֿאָרגעקומען גרויסע ענדערונגען אין אַמעריקע, ווי אין אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער. אין משך פֿון דער צייט האָט זיך פּשוט אומגלויבלעך געביטן דער פּנים פֿון דעם סאָוועטן־לאַנד.

וועגן די ענדערונגען אין אַמעריקע דאַרף איך אייך ניט דערציילן. איר ווייסט זיי זייער גוט. איר האָט זיי געפֿילט, ווי מען זאָגט, אויף דער אייגענער הויט. איינס איז וויכטיג: די אַנטוויקלונג פֿון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז געגאַנגען באַרג־אַרויף.

אין משך פֿון די דריי יאָר, וואָס איך האָב פֿאַרבראַכט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן זיגן אויף אַלע געביטן: אין דער סטראַטאָספֿער (אין דער לופֿטן), אונטערערד (איך האָב געזען און בין גע־פֿאָרן אויף דער וואונדערלעכער מאָסקווער סאָבוועי), אויפֿן אַרקטיק (איר געדענקט דאָך נאָך די טשעליוסקין־עפּאָפּייע), אויפֿן ים און אויף דער יבשה, אין פֿאַבריק, אין קאָלווירט און אין דער רויטער אַרמיי, אין דער קולטור, אין טעאַטער, אין דער מוזיק, אין דער ליטעראַטור, אין ספּאָרט און אין שאַכמאַט.

ווען כ'בין געקומען קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז עס נאָך געווען אַ לאַנדווירטשאַפֿט־אינדוסטריעל לאַנד. דאָס הייסט: די פּראָפּאָרץ פֿון דער לאַנדווירטשאַפֿט און דער אינדוסטריע איז געווען אַרום „פֿיפֿטי־פֿיפֿטי" (העלפֿט אויף העלפֿט). איצט איז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, ביים אַוועקפֿאָרן, אַ מעכטיג אינדוסטריעל לאַנד.

ווען כ'בין געקומען קיין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז געווען זייער אַ שווער יאָר, דער עיקר אין דער לאַנדווירטשאַפֿט, איינס פֿון די שווערסטע אין דער סאָוועטישער געשיכטע. דער קולאַק האָט סאַבאָטירט, געוואָלט אויסהונגערן די שטאָט. איצט זיינען מער קיין קולאַקעס ניט פֿאַראַן. דער קאָלווירטישער

און סאָציאַליסטישער שטייגער איז באַפעסטיגט. ער איז דער הערשנדיגער. דעם אַרבעטער און פּויער ווערט אַלץ בעסער און בעסער, זיי ווערן פאַר־מעגלעך.

ווען כ׳בין געקומען קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָב איך נאָך געטראָפן די באַרימטע „לאַינס" (רייען), געטראָפן פאַרוואָרלאָזטע „בעזפּריזאָרנע" קינ־דער. איצט, ביים אַוועקפאָרן, איז פון דעם אַלעמען קיין געדעכעניש ניט פאַרבליבן.

ווען כ׳בין געקומען קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען נאָך ניט געווען קיין סאָבוועי, קיין שטאַרקע אינדוסטריען פון אויטאָמאָבילן, טראַקטאָרס, קאָמ־ביינען, אַוויאַציע, כעמיע. איצט זיינען זיי פאַראַן.

ווען כ׳בין געקומען קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז ער נאָך ניט געווען אָנערקענט פון אַמעריקע — איצט איז ער געוואָרן אויף דער אינטערנאַציאָ־נאַלער אַרענאַ דער הויפּט־קעמפער פאַר פרידן און געגן פאַשיזם און אַנטי־סעמיטיזם. איצט ווערט אין לאַנד גופא איינגיכן איינגעפירט ווערן די נייע סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, די סאַמע פרייסטע און מענטשלעכסטע אין דער וועלט־געשיכטע.

ווען כ׳בין געקומען קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז עס געווען אַ לאַנד אויף רישטאָוואַניעס („סקעפּלס"). דער בנין איז נאָך געווען פאַרשטעלט מיט געהילץ. אַרום האָבן זיך נאָך געוואַלגערט בוי־מאַטעריאַלן, וואַפּנע, זאַמד, שטיינער, ציגל, ברעטער. ס׳איז געווען ניט אויפגעראַמט, ניט ריין. איצט, אויב זיך אויסדריקן בילדעריש, האָט מען שוין אָנגעהויבן צונעמען די רישטאָוואַניעס, אויפראַמען דאָס אַנגעוואָרפענע, אָפּדעקן דעם בנין און דאָס סאָוועטישע לעבן האָט אָנגעהויבן פינקלען מיט אַלע פאַרבן פון דעם סאָציאַליסטישן רעגנבויגן.

ס׳איז נישט מעגלעך אויסצורעכענען אַלע ענדערונגען און אַלע זיגן פון דער סאָוועטן־מאַכט זינט יענער צייט. און געדענקען דאַרף מען, אַז דאָס איז נאָך ערשט אַן אָנהויב. די דערגרייכונגען זיינען זיכער ניט לייכט אָנגעקומען. מען האָט פאַר זיי געבראַכט גרויסע קרבנות. און נאָך איצט זיינען געווים פאַראַן פאַרשיידענע שוועריגקייטן.

אָבער דאָס וויכטיגסטע: ביי דער גרעסטער מערהייט פון דער לאַנד־באַפעלקערונג איז שוין פאַראַן דער באַוואוסטזיין, די איבערציייגונג, אַז אָן קרבנות איז ניט געווען מעגלעך צו דערגרייכן די אַלע זיגן, אַז זיי זיינען ניט געווען אומזיסט, אַז די קרבנות זיינען ווערט געווען. דער הויפּט־זיג: דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געוואָרן אַ לאַנד פון סאָציאַליזם.

סאָציאַליזם איז ניט קיין פראַזע, ניט קיין פוסט, שיין וואָרט, נאָר אַ זייער וויכטיגער ענין. ער דריקט זיך אויס ניט נאָר אין מאַטעריעלע אינדוסטריעלע קלאַסן־ענדערונגען, נאָר אויך אין דער גוואַלדיגער קולטור־רעוואָלוציע, אין דער פאָרמירונג פון דעם נייעם סאָוועטישן מענטשן.

ער דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן מיליאָנען האַרעפּאַשניקעס זיך באַפרייט פון דעם דרוק, פון דער עקספּלואַטאַציע, פון קנעכטישער אַרבעט, פון אַרבעטן אויף אַנדערע, אויף די פאַבריקאַנטן, אויף די פּריצים און האָבן גענומען אַר־בעטן פאַר זיך אַליין, פאַר דער אייגענער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט האָבן מיליאָ־נען האַרעפּאַשניקעס באַקומען דעם ברייטסטן צוטריט צו דער וויסנשאַפט, צו קולטור און קונסט. צום ערשטן מאָל האָבן זיי דערפילט, אַז אַרבעט אין אַ סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו איז ניט קיין שווערע לאַסט און אָפּקומעניש,

נאָר אַ זאַך פון רום און ערע, אַ קאָלאָסאַלער פאַרגעניגן פון שאַפן, פון בויען.

ווען איר לעבט אַפילו אַ קורץ שטיקל צייט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד הויבט איר אָן פילן ווי די סאָוועטישע מענטשן אַ גוואַלדיגע פרייד פון יעדער נייער געביידע, וואָס ווערט געבויט, פון יעדער נייעם גאַס, וואָס ווערט אַספאַלטירט, פון יעדער אויסבעסערונג און פאַרשענערונג — אַ נייעם געפיל, וועלכן איר האָט ניט אין די אַנדערע לענדער. איר באַוואונדערט און אייך פרייט די ברויזנדיגע שעפערישע אַקטיוויטעט און ווערט היגעריסן פון די לידער, וואָס די סאָוועטישע פעלקער זינגען: איר ווערט אַנטציקט פון די קונסט־אויסשטעלונגען; איר ווערט פאַרגאַפט פון די ספּאָרט־פּאַראַדן און קונסט־אָלימפּיאַדעס.

אומעטום וועט איר דערזען אַ מעכטיגן שוואונג פון מאַסן־שאַפונג, אַ גרויסן דורשט נאָך וויסן. „דאָס גאַנצע לאַנד גייט אין סקול” — האָט מעטאַ בערגער, די פרוי פון פאַרשטאָרבענעם סאָציאַליסטישן קאָנגרעסמאַן וויקטאָר בערגער, עס ריכטיג באַצייכנט. יעדער אַנטדעקטער טאַלאַנט ווערט קוואַליפיצירט אויפן חשבון פון דער מלוכה פאַר דעם געהעריגן געביט. אָט־דער דראַנג צו וויסן, צו שאַפונג איז אַ שטריך פון דעם נייעם סאָוועטישן סאָציאַליסטישן מענטשן. נישט נאָר בויט זיך איבער דאָס לאַנד, נאָר אויך דער מענטש בייט זיין פעל, זיין פּסיכאָלאָגיע איז שוין גאָר אַן אַנדערע, אַ קאָלעקטיוויסטישע.

איר געפינט אין דעם נייעם סאָוועטישן מענטשן אַ שטאַרקן געפיל פון דער אייגענער ווירדע, אַ וואוקס פון אַכטונג צו זיך און צו זיינע מיט־בירגער, וואָס שאַפן די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע זאַך. ס'איז פאַרשוואונדן דער אַמאָליגער הכנעה'דיגער פויער, דער „מוזשיק”. ס'איז פאַראַן אַ קאָלווירטניק, אַן אָנטיילנעמער פון דער קאָלעקטיווער אַרבעט, וועלכער וואַקסט קולטורעל און שטאָלצירט מיט זיין אַרבעט. ער איז פול מיטן באַוואוסטזיין פון דער אייגענער ווירדע פון אַ פולווערטיגן בירגער פון לאַנד.

דאָס זעלבע איז מיטן פאַבריק־אַרבעטער. ס'איז אַ נייער סאָרט פאַבריק און אַ נייער סאָרט אַרבעטער.

ניי איז אויך דער סאָוועטישער פּאַטריאָטיזם, דער געפיל פון סאָציאַליסטישן היימלאַנד („ראָדינאַ”). און אַדאָלף העלד האָט ריכטיג דערקלערט, אַז די סאָוועטישע אידן רייסן זיך צו גיין אין דער רויטער אַרמיי.

דער איד האָט פיינט געהאַט די אַלטע מאָסקווע פון „סאָראָק סאָראָקאָוו”, ווייל פון דאָרטן איז געגאַנגען די פּאָגראָם־פּאָליטיק. ער האָט פיינט געהאַט קיעוו, ווייל דאָרטן איז פאָרגעקומען דער ביילים־פּראָצעס. אָבער איצט האָט ער זיי ליב. איצט איז ער אַ פולשטענדיגער בירגער אין דער גרויסער משפּחה פון די סאָוועטישע בויער פון דעם נייעם לעבן. ס'איז זיין לאַנד און ער וועט עס פאַרטיידיגן. מיט אָט־דעם געפיל ווערן דערגרייכט די סאָוועטישע זיגן. ס'איז פּאַטריאָטיזם פון אַ נייעם אַרט, ניט קיין שאָוויניסטישער.

פאָרנדיג אויף דער שיף קיין אַמעריקע דערציילט מיר אַ „פאָרווערטס”־לייענער: מיר זיינען געווען מיט אַ גרופּע אַמעריקאַנער טוריסטן דעם ערשטן מאַי אויפן מאָסקווער רויטן סקווער און זיך צוגעקוקט צום פּאַראַד. ווען ס'איז דורכגעגאַנגען אַ קאָלאָנע אַרבעטער מיט געביילטע פויסטן אין אַ „ראָט פראָנט”־סאַלוט האָב איך זיך אַ וויצל געטאָן — איין שוואַרץ־יאָר. די פאַשיסטן סאַלוטירן זיך מיט דער אויסגעצויגענער האַנט און די רויטע אויך. אָבער דאָ רוקט זיך אַרויס הינטער מיר אַ קליינע אַכצן־יאָריגע מיידל מיט אַ פאַרריסן נעזל, וועמען קיינער וואָלט ניט פאַרדעכטיגט, אַז זי

איז אַ אידישע, און רופט אויס אין אַן אוקראַינישן אידיש — חבר, ס'איז ניט די האַנט, ס'איז ווי מען האַלט דעם קאָפּ און דאָס האַרץ!

און דאָס איז באמת גלענצנדיג געזאָגט. ווען מען פאַרשטייט עס, ווערן אַ סך זאַכן קלאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אָפּט קען זיך אויסדוכטן: סטייטש — מען טוט דאָך אַזוי אויך אין די אַנדערע לענדער. אָבער ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערט אַלץ געטאָן מיטן צוועק און ציל צו בויען אַ נייע אָרדענונג, אַ נייע וועלט, אַ נייעם מענטש און אַ נייע מענטשהייט.

אָנשטאָט פּריוואַט־אייגנטום, „העלפּ יור סעלף", איז שטאַרק אַנט־וויקלט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן גאַנצן סאָציאַליסטישן קאָלעקטיוו. אַרבעטער און פּויערים גיבן אָפּט אַוועק זייער לעבן צו ראַטעווען מלוכה־אייגנטום, קאָלעקטיוון קאָלווירטישן אייגנטום.

ס'איז פאַרשוואונדן דער נאַציאָנאַלער האַס און ס'האָט זיך אַנטוויקלט אַן אָרגאַנישער, נאַטירלעכער געפיל פון אינטערנאַציאָנאַליזם. אַדאַנק דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק ווערט די יוגנט, ווערן די נייע סאָוועטישע מענטשן דערצויגן און די אַלטע איבערדערצויגן אין דעם גייסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם. פון ברידערלעכן צוזאַמענלעבן פון די פעלקער. דאָס איז אַ נייער געפיל פון דעם נייעם סאָוועטישן מענטשן.

מיר געפינען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אַ נייע באַציאונג צו דער פרוי, וואָס האָט גלייכע רעכט ניט אויפן פּאַפּיר, נאָר איז טאַקע גלייך אַקטיוו אויף אַלע געביטן פון לעבן. מיר געפינען אַ נייע באַציאונג צווישן עלטערן און זייערע קינדער. ס'איז נישטאָ דער ריס צווישן די דורות. די עלטערן זיינען בלויז עלטערע חברים צו די קינדער. די עלטערן האָבן ניט קיין אַנדערע גלויבנס און אידעאַלן פון די קינדער. סיי די קינדער, סיי די עלטערן האָבן די זעלבע שטרעבונגען, ווערן באַהערשט פון די זעלבע געדאַנקען און קעמפן ביידע פאַר די זעלבע אידעאַלן. אָט־די גאַנצקייט און האַרמאָניע געפינען מיר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מען וואָלט זיך נאָך געקענט אָפּשטעלן מער אויף דער באַדייטונג פון בירא־בידזשאַן, אויפן לעבן פון די אידישע מאַסן, זייער קולטור, ליטעראַטור און אויף אַן אַ שיעור אַנדערע זאַכן. אָבער מען קען ניט אויסשעפּן דריי יאָר סאָוועטן־פאַרבאַנד אין איין אַרטיקל.

איך וועל בלויז נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן, אַז די אויבנדערמאָנטע דערגרייכונגען זיינען נאָך אַלץ דער אָנהויב. עס זיינען נאָך ניט פאַר־שוואונדן פולשטענדיג די רעאַקציאָנערע איבערבלייבעכצן אין דעם באַוואוסטזיין פון די מענטשן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס זיינען נאָך פאַר־בליבן רעשטלעך פון דער אַמאָליגער אומקולטורעלקייט און אָפּגעשטאַנענ־קייט. עס זיינען פאַראַן שוועריגקייטן, עס איז דאָ אַ מאַנגל אין געוויסע זאַכן.

אָבער געדענקען דאַרף מען, אַז די אַלע איבערבלייבעכצן און רעשט־לעך ווערן מיט דערפאָלג ביינעקומען, אַז עס ווערט בעסער פון טאָג צו טאָג און אומגלויבלעך שנעל. ס'איז ניט קיין וואונדער, וואָס נעגאַטיווע זאַכן זיינען נאָך פאַראַן. פּונקט פאַרקערט. דער גרעסטער וואונדער איז דער פאַקט, וואָס אין אַ משך פון געציילטע יאָרן האָט מען געקענט אָפּראַמען און באַזייטיגן אַזויפיל שלעכטס פון דעם אַלטן רוסלאַנד און בויען און שאַפן אַזויפיל נייס און גוטס. דער גרעסטער וואונדער איז דער גרעסטער היסטאָרישער פאַקט, וואָס אַ זעקסטל פון ערד־קיילעך איז שוין סאָציאַ־ליסטיש, וואָס עס ווערט געשאַפן אַ נייע אָרדענונג, אַ נייער מענטש און אַ נייע מענטשהייט.

(נאָוועמבער, 1936)

קיעוו

פון אַלע ציַיטונגען רעדט צו אונז מיט פּעטן, שוואַרצן שריפט, מיט אַכט־קאָלומדיגע קעפּ — קיעוו.

פון אַלע ראַדיאָס רופט צו אונז דער וואוילקלאַנג־נאָמען — קיעוו.

בלוטיגע כמארעס האָבן פאַרצויגן דעם טיף־בלויען הימל פון קיעוו.

פאַשיסטישע חזירים האָבן זיך אַריַינגעריסן אין דער סאָוועטישער גאָרטן־שטאָט. הארדעס פון נאַצישע קאַניבאַלן האָבן פאַרפלייצט אירע גאַסן.

מיט טרערן אין די אויגן האָב איך געליַיענט אין דער קעיבל פון שכנא עפּשטיין (סעפּט. 9) דעם רירנדיג־שטאָלצן און מערקווירדיג־היסטאָרישן בריוו פון דעם 65־יאָריגן אידן פון קיעוו, פון אַ סאָוועטישן אידן:

„מיר, בירגער פון קיעוו, אָפּגעזען פון עלטער און נאַציאָנאַליטעט, מענער און פרויען, וועלן קעמפן ווי איין מענטש ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט. דער העלדנמוט פון דער באַפעלקערונג איז אומבאַשריַיבלעך. אַפילו איך, אַן אַלטער מאַן, האָב זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ ביקס און מען זאָגט מיר, אַז איך שיס גאָר גוט. איך האָב מיך אויך אויסגעלערנט וואַרפן האַנט־גראַנאַטן. מיַין פרוי, אין מיַין עלטער, העלפט אויך אַרויס אין דער פאַר־טיידיגונגס־אַרבעט.

„מיר זיַינען בלויז מקנא אונזערע קינדער. מיַין זון, אַן עלעקטראָ־אינזשינער, האָט אויפן פראָנט געוואונען אַן אויסציַיכענונג אַלס טאַנקיסט; מיַין טאָכטער, אַ ליטעראַטור־אַרבעטערין — האָט זיך אויסגעציַיכנט אַלס קראַנקן־שוועסטער (נוירס), זיי זיַינען איבערגעגעבענע סאָוועטישע קעמפער.

„אויב ס'איז זיי, אונזערע קינדער, באַשערט צו שטאַרבן מיט אַ טויט פון העלדן אויפן שלאַכט־פעלד, וועלן מיר עס מקבל זיַין ווי עס פּאַסט פאַר סאָוועטישע פּאַטריאָטן... אויב עס זיַינען נאָך ערגעץ פאַראַן אידן, וואָס פאַר־שטייען ניט אַזוינס. דאַרף מען אויף זיי, אין בעסטן פאַל, בלויז רחמנות האָבן...".

דער שריַיבער פון די שורות האָט געוואוינט דריַי יאָר ציַיט (1933־1934־1935) אין דער סאָוועטישער קיעוו. דאָס זיַינען געווען די גליקלעכסטע, אינטערעסאַנטסטע יאָרן פון זיַין לעבן. די שטאָט איז אים געוואָרן ליב און טיַיער, ווי אַ יונגט־געליבטע. ניט נאָר פאַרשטייט ער די סאָוועטישע אידישע פּאַטריאָטן, נאָר ער ווייסט, אַז יעדעס וואָרט פון דעם קיעווער אידן איז געשריבן מיטן בלוט פון זיַין הארצן. די קיעווער אידן, ווי אויך אַלע אַנדערע איַינוואוינער, האָבן געהאַט פאַרוואָס צו קעמפן, זיי האָבן געהאַט גאָר אַ סך צו באַשיצן, גאָר אַ סך צו פאַרלירן און דערפאַר — דער אומבאַ־שריַיבלעכער העלדנמוט...

קיעוו איז די הויפּט־שטאָט פון דער שוואַרצער, זאַפטיגער אוקראַינע.

די נאַטור־געבענטשטע קיעוו איז די שענסטע שטאָט אויף אוקראַינע, איינע פון די שענסטע שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.
קיעוו איז אַ קלימאַטישע סטאַנציע, אַ גאָרטן־שטאָט מיט מיליאָנען ביימער און בלומען. די בערג און טאָלן פון קיעוו זיינען פול מיט סעדער, פּאַרקן און סקווערן. אָן אַ שיעור ביימער אויף די גאַסן, אָן אַ שיעור וועלדער אַרום שטאָט.
קיעוו איז באַרימט מיטן גרויסן טייך דניעפּער, וואָס וואַשט זיינע באַרימטן קיעווער „וולאַדימירער בערגל" (ס'איז גראָד אַ גרויסער באַרג). און ניט אומזיסט האָט קיעוו דורכגעמאַכט אַזויפיל אינטערווענציעס. ניט אומזיסט האָבן די נאַציס געוואָרפן אַזעלכע זשעדנע בליקן אויף דעם שענסטן פּערל פון אוקראַינע. ניט אומזיסט האָבן די נאַציס געמאַכט צוויי חדשים צייט אַזעלכע גוואַלדיגע אָנשטרענגונגען צו פאַרכאַפּן די פּרעכטיגע שטאָט, וואָס האָט זיי אָפּגעקאָסט פיר דיוויזיעס, 130 עראָפּלאַנען, הונדערטער טאַנקען און קאַנאָנען, און זיי שטעלן זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפּ.
ס'איז געווען פּאַלג מיך אַ גאַנג פון דער אַמאָליגער צאַרישער קיעוו ביז דער סאָוועטישער קיעוו. ביז דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז קיעוו געווען דער צענטער פון די שוואַרץ־מאה'דיגע פּריצים און סוחרים, באַשפּרענקלט מיט די אידישע צוקער־פאַבריקאַנטן, ווי די בראָדסקים, זייצעווס, א. א. דער קיעוו פון „ביילים־פּראָצעס", פון שולגינ'ס „קיעוולאַנין", פּעטשערסקע לאַווריעס...

געווען איז אַ שטאָט מיט טעמפּלען און מערק,
מיט פּיין און מיט שרעק און מיט שפּאָט.
אַ באַראָקישע ליד איבער דניעפּ, אויף די בערג —
ראַסטרעליס אַ קלויסטער צו גאָט.
פאַרמייקעט אַ שטאָט מיט זנות און מיט שפּאָט.
(ל. רעזניק).

אַזאַ שטאָט איז געווען קיעוו. העכער הונדערט טויזנט פּריצים, סוחרים, פאַבריקאַנטן, טשינאָווניקעס און מאַנאַכן האָבן באַזעצט די שענסטע קוואַרטאַלן פון שטאָט, גענאָסן פון אַלע אירע שיינקייטן.
די אָרימשאַפט, בעל־מלאכה'ס און אַרבעטער האָט מען פאַרשטופּט אין די אָפּגעלאָזענע, שמוציגע פאַרשטעט, ווי פּאָדאָל, דעמיעווקע, קורעניאָווקע ,וואו ס'איז ניט געווען קיין וואַסער־לייטונג, קיין קאַנאַליזאַציע, קיין עלעקטרע. מען האָט מיט אַ באַזונדער אַפּעטיט זיך איזדעקעוועט אָן דער אידישער אָרימשאַפט. די אידן, אויסער די צוקער־מאַגנאַטן און אַ הייפל אַנדערע, האָבן זיך ניט געטאָרט באַזעצן אין צענטער פון שטאָט. זיי האָבן זיך ניט געטאָרט באַווייזן אויף די שטאָטישע גאַסן.

קלויסטערשער גרויל,
טשעבעריאַקישע וואָר...

אַזוי האָט גלענצנדיג כאַראַקטעריזירט די דעמאָלטדיגע קיעוו דער דיכטער ל. רעזניק. ס'האָבן זיך אָבער העל צעברענט די אַרסענאַלישע נעכט...
קיעוו געהערט צו די שטעט, וואָס האָבן אַממערסטן געליטן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און בירגער־קריג. אין משך פון 3 יאָר צייט האָבן זיך כסדר געביטן די מאַכט־האָבער, — איז אַרויסגעשלייַדערט געוואָרן די ראַדע, דאָס קייזערלעך־יונקערשע מיליטער, האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף געגן דער פּעטליוראָווטשינע. פאַרטריבן די פּעטליור־

ראָוועצעס, הויבט זיך אָן אַ נייער קאַמף געגן די דעניקינצעס, און ווען זיי ווערן ענדלעך פאַרטריבן ,רייסן זיך אַריין די ווייס־פּאָליאַקן.

ערשט אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1920 פאַרפעסטיגט זיך ענדגילטיג די סאָוועטן־מאַכט אין קיעוו. און ס'איז אויסגעקומען אַלץ אָנהויבן אויפסניי, ניט נאָר בויען פאַבריקן און זאַוואָדן, נאָר איבערבויען, רעמאָנטירן, באַנייען די חרוב־געוואָרענע הייזער א. ד. גל.

בעת די קאַמפן געגן די קאָנטר־רעוואָלוציאָנערע באַנדעס ווערן חרוב די קליינע וואַרשטאַטן און פאַבריקלעך, וואָס זיינען שוין יאָ געווען אין פּריציש־סוחר'שן קיעוו.

נאָכן אַראָפּוואַרפן די בורזשואַזע מאַכט, האָבן זיך געפונען אין קיעוו בלויז אָנצאָליגע קלויסטערס, מאָנאַסטירן, אַפילו אַ גאַנצע „הייליגע" שטאָט — פּעטשערסקע לאַווּרעס.

ס'איז געגנוג אָנצואווייזן דערויף, אַז אין יאָר 1910, ווען אין קיעוו זיינען געווען 468 טויזנט איינוואוינער, האָט די צאָל אַרבעטער באַטראָפן 6,883. אַזאַ „גרויסע" אינדוסטריע איז געווען אין קיעוו. אין יאָר 1917, ווען אין קיעוו וואַקסט די צאָל אַרבעטער, מען אַרבעט „אויף דער פאַר־טיידיגונג" (דעפענס, בלע"ז) געפינען זיך אינגאַנצן 4 אונטערנעמונגען, וואו עס אַרבעטן מער, ווי צו 500 אַרבעטער. איצט זיינען אין קיעוו געווען העכער 50 אונטערנעמונגען, וואו עס האָבן געאַרבעט מער ווי צו 500 אַרבעטער.

קיעוו איז געוואָרן דער גרעסטער קולטור־צענטער פון אוקראַינע, איינער פון די גרעסטע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. כמעט אַלע 31 וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן פון דער אוקראַינישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע האָבן זיך דאָרטן קאָנצענטרירט, אַריינגערעכנט דעם וויסנשאַפטלעך־פאָר־שערישן אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור. דער באַרימטער קיעווער אוני־ווערזיטעט. צענדליגער הויכשולן און טעכניקומס. הונדערטער מיטל־שולן, פאָלק־שולן, פאַך־שולן, טעאַטערס, מואַוויס, מוזייען, סטאַדיאָנען, פאַרקן פאַר קולטור און אָפּרו, צייטונגען, זשורנאַלן, ביבליאָטעקן, פאַרלאַגן, שרייבער־און קינסטלער־אָרגאַניזאַציעס, א. אַז. וו.

די אויפלעבונג איז באַזונדערס געווען קענטיג צווישן די אידישע מאַסן. זיי האָבן גענומען אַלץ אַ גרעסערן אָנטייל אין דער סאָציאַליסטישער בויאונג. עס איז נאָכאַנאַנד געוואַקסן די צאָל פון אידישע לוין־אַרבעטער, עס זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַלץ מער פון זיי אין דער קוסטאַרעריי, געווערב־קאָאָפּעראַציע און אין דער לאַנדווירטשאַפט.

אין קיעוו זיינען געווען צענדליגער אידישע אָנפאַנג־, מיטל־ און הויכ־שולן, טעכניקומס, אינסטיטוטן, צוויי אידישע מלוכה־טעאַטערס, אַ טעג־לעכע צייטונג, חודש־זשורנאַלן, אַ אידישער מלוכה־פאַרלאַג, די אידישע אַקאַדעמישע ביבליאָטעק, די ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק, אַ אידישע שרייבער־אָרגאַניזאַציע, אַ אידישער פאָלקס־געריכט, אַ אידישער מיליציע־צירקל, גאַסן אויפן נאָמען פון שלום־עליכם, מענדעלע, פּרץ, באָראָכאָוו (יאָ, דער פּועלי־ציוניסטישער פירער!), ווי אויך קאָראָלענקאָ, פּושקין, א. אַ. אַ קאַבינעט פאַר אידישער געשיכטע, שפּראַך, פאָלקלאָר און ליטעראַטור ביי דער אוקראַי־נישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע א. אַז. וו., א. אַז. וו.

אָט־פאַרוואָס די קיעווער אידן זיינען געווען גרייט צו קעמפן און גע־קעמפט ביזן לעצטן טראָפּן בלוט צו פאַרטיידיגן זייער שטאָט; אָט פאַר־וואָס „דער העלדנמוט פון דער באַפעלקערונג איז אומבאַשרייבלעך!" אָט

פאַרוואָס עס קעמפן און האָבן געקעמפט „ישראל פּאַרטיזאַן", ווי אַלע אַנדערע אידישע פּאַרטיזאַנען און רויט־אַרמייער!

און אָט פאַרוואָס מיר גלויבן און זיינען זיכער, אַז די נאַציס וועלן סוף כל סוף פאַרניכטעט ווערן און ווידער אַרויסגעיאָגט ווערן ווי משוגענע הינט פון קיעוו, ווי פון אַלע אַנדערע סאָוועטישע טעריטאָריעס.



יעקב שייפער

מיט יעקב שיפּער'ן אין כאַרקאָוו

אויך לידער, געזאַנגען
זיינען באָמבעס און פאָנען...
מאַיאַקאָווסקי.

די מעשה האָט מיר דערציילט נייטן סאַמאַראָוו, יעקב שיפּער'ס אַ תּלמיד און ביז ניט לאַנג צוריק דירינענט פון דעם פרייהייט געזאַנג פאַראיין כאָר אין דעטראָיט (איצט אין לאָס אַנדזשעלעס).

דאָס איז געווען נאָכ'ן „בלוטיגן מאָנטאָג" אין דעטראָיט אָנהויב 1932, ווען די אַרבעטער האָבן געקראָגן, לויט מ. אַלגינ'ס אויסדרוק, „פון פאָרד'ן אָנשטאָט ברויט—קוילן". פיר הונגער־מאַרשערס זיינען דעמאָלט דערהרג'עט געוואָרן פון פאָרד'ס פּאָליסלייט, צווישן זיי דער זעכצן־יאָריגער מיטגליד פון דער קאָמוניסטישער יוגנט־ליג דזשאָו באָסל, וועמעס מוטער עס איז געווען אַ מיטגליד פון דעטראָיטער געזאַנג פאַראיין.

„...דזשאָו באָסל'ס מוטער. זי שטייט דאָ אויך אין זאַל. זי שטייט טאָג ווי נאַכט. זי שטאַרקט זיך, זי איז אַן אייגענע. זי ווייסט, פאַרוואָס איר זעכצן־יאָריגער זון איז געשטאָרבן. זי פאַרשטייט די באַדייטונג פון דעם, וואָס דאָ טוט זיך. נאָר פון צייט צו צייט רוקט זי אַריין אירע פינגער אין דער בלאָנדער קוטשמע פון איר טויטן זון, צופּט די געדיכטע פּראַכטפולע האָר און רופט: „דזשאָו, דזשאָו" —

אַזוי האָט געשילדערט מ. אַלגין באָסל'ס מוטער אין זיין קאָרעספּאָנדענץ אין דער „מאָרגן־פרייהייט" וועגן דעם פּערי האָל, וואו די פיר טויטע חברים זיינען געלעגן. ס'איז געקומען צו רייד און נייטן סאַמאַראָוו דערציילט מיר, ווי ער איז אַריינגעקומען מיט נאָך מיטגלידער פון געזאַנג פאַראיין אין האָל. זיי זיינען צוגעקומען צו באָסל'ס מוטער און אָנגעהויבן צוזאַמענברעכן. האָט באָסל'ס מוטער אָנגעהויבן אויסזינגען אַן אַלטע קאָמונאַרן־ליד, וואָס די כאָרן האָבן מיט יאָרן צוריק געזונגען:

פריי און שטאָלץ אונזער פאָלק!
שמיד אויס רייען פון שטאָל,
בוי אַ וואָנט אויס פון קרעפטיגע לייבער.
— — — — — — — — — — — — —
פיינט איז שטאַרק? ס'מאַכט ניט אויס!
מעג דער שונא זיין גרויס,
ס'וועט ניט אָפּשרעקן אונזערע רייען.
— — — — — — — — — — — — —
אויב ס'וועט פאַלן איין ריי,
איז נאָך דאָ ווער ס'זאָל גיין
די געפאַלענע קעמפער פאַרבייטן;

סיטראָגט די מוטער איר קינד,
סיגייט דאָס גאַנצע געזינד —
סיגייען טויזנטער, פאַלן אין שטרייטן"
סישרעקט דער פיינט אונז ניט אָפּ,
ער וועט ברעכן זיין קאָפּ...

„ער איז געפאַלן אין שטרייט", האָט באָסל'ס מוטער צו זיי גע'טענה'ט, „שטאַרקט זיך, טייערע, ער איז געפאַלן אין קאַמף", א. אז. וו.

דאָס ליד, וואָס באָסל'ס מוטער האָט אַמאָל געזונגען אין כאָר, איז איצט פאַר איר געוואָרן אַ טראַגישעווירקלעכקייט. דאָס ליד האָט זיך איינגעקריצט אין איר זכרון און דער רעוואָלוציאָנערער גייסט פון יענעם מיט יאָרן צוריק געזונגענעם ליד האָט אין זיך געהאַט גענוג קראַפט ניט צו לאָזן זי צוזאַמענברעכן, צו העלפן זי איבערטראָגן דעם פּערזענלעכן אומגליק, צו לייטערן, דערהויבן איר טרויער, איר פאַרלוסט צו אַ סאָציאַלן טרויער און סאָציאַלן פאַרלוסט. אָט־די געשיכטע פון דעם „גלגול פון א ניגון", דעם גלגול פון אַ ליד וועגן דער קאָמונע האָט אונטערגעשטראָכן די ווירקזאַמקייט פון געזאַנג אויך אַלס מיטל אין דעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

לאָזט מיר בלויז שרייבן די לידער פאַר אַ פאָלק און מיר וועט ניט אַרן וואָס פאַר אַ געזעצן מען וועט שרייבן פאַר דעם פאָלק — אזוי האָט עמיצער זייער פיין אויסגעדריקט דעם געדאַנק וועגן דער גרויסער געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון לידער, פון געזאַנגען.

און ניט אומזיסט האָט פרעזידענט רוזוועלט מיט אַ קורצער צייט צוריק געפונען פאַר נויטיג אין אַ באַגריסונג צו אַ קאָנפערענץ פון מוזיק־טוער אונטערצושטרייכן די וויכטיגקייט פון געזאַנג אין דעם קאַמף געגן פאַשיזם, אין דער פאָלקס־מלחמה, פאַר דער מלחמה־אָנשטרענגונג, פאַר'ן זיג.

און ניט אומזיסט פאַרנעמט געזאַנג אַלץ אַ גרעסערע ראָלע צווישן אַלע פעלקער און באַוואָפנטע קרעפטן פון די פאַראייניגטע מלוכות, באַזונדערס אין אַמעריקע, סאָוועטן־פאַרבאַנד, ענגלאַנד און כינע. יאָ, אויך אין כינע האָט מען אין דער מלחמה געגן יאַפּאַן אויסגעפונען, אַז „מוזיק פאַראייניגט מענטשן", און מאַסן־געזאַנג איז איצט שטאַרק פאַרשפּרייט אין גאַנץ כינע, און באַזונדערס צווישן די כינעזישע אַרמייען. נייע צייטן און נייע לידער הערט מען איצט אויך אין ענגלאַנד. „ניט מער זיינען די מוזיקער טרוימען־שפּינער", שרייבט קענעט אַדאַמס פון ענגלאַנד. „זיי זיינען די מענטשן פון וואַרשטאַט און גאַס... אויך אין די שעלטערס האָבן זיי זיך אויסגעלערנט צו זינגען דורך די פינצטערע ווינטער־נעכט, און זינגען גוט... וואָס פאַר אַ קאָנטראַסט צום אַלטן געוועזענעם סנאָביזם פון די אָפּערע־סעזאָנען... ס'איז אַ פרישער באַווייז און אַ פרישע ריינוואַשונג פון דעמאָקראַטיע אַליין". און אין אַמעריקע ווערן איצט געשאַפן אָן אַ שיעור „באַלאַדעס פאַר אַמעריקאַנער", און ניט נאָר אינעווייניג אין לאַנד, נאָר אויך צווישן די אַמעריקאַנער עקספּעדיציע־קרעפטן אין ענגלאַנד, אין די סאָלאָמאָנס, אין אַלאַסקאַ, אין עגיפּטן, אין אַטלאַנטיק און אין אַרקטיק. און וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָך אָפּגערעדט. איר האָט געהערט אַ סך נייע סאָוועטישע קאַמפס־לידער אין די סאָוועטישע פילמס, אויף דער ראַדיאָ און... שאָסטאַקאָוויטש'עס זיבעטע סימפאָניע.

די רויטע אַרמיי איז אַ זינגענדיגע אַרמיי. די סאָוועטישע טרופּן גייען זינגענדיג אין שלאַכט.

אוירל ראָבינסאָן, דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער „באַלאַדע פאַר אַמע־

ריקאַנער", האָט אַנומלט דערציילט אַזאַ געשיכטע. פיר נאַצישע פאַראַשוטיסטן זיינען געווען פאַרקליידט ווי רויטאַרמייער און גערעדט אַן אויסגעצייכנטן, פּערפעקטן רוסיש. זיי האָבן אין אַ וואַלד אַרומגעזוכט דעם באַהאַלטענעם שטאַב פון די פּאַרטיזאַנער און האָבן באַגעגנט אַ אינגל. זיי האָבן פאַרבלאָנדזשעט, זאָגן זיי, און בעטן אים זאָגן וואו עס געפינען זיך די אַנדערע פּאַרטיזאַנען. האָט ער זיי געוויזן דעם וועג. זיי האָבן געפאָלגט זיינע אָנווייזונגען און געלאַנדעט אין אַ פּאַרטיזאַנען־פּאַסטקע. זיי האָבן דאָרטן דערזען דעם מזעלביגן אינגל. „אָבער ווי אַזוי האָסטו געקאָנט וויסן, אַז מיר זיינען ניט קיין רויטאַרמייער?", האָבן זיי אים געפרעגט. „כ'האָב איך נאָכגעפאָלגט גאַנצע דריי וויאָרסט", האָט ער געענטפערט, „און כ'האָב ניט געהערט איר זאָלט זינגען כאָטש איין ליד".

אָבער די קעמפער פאַר דער פרייהייט זינגען אויך אויפ'ן שלאַכט־פראָנט. זיי קעמפן מיט זייערע הערצער אַזוי גוט ווי מיט זייערע קעפ און זייערע ביקסן. און מוזיק שטראָמט פון זיי ווי ס'איז אַלעמאָל געווען דער פאַל ווען בראַווע סאָלדאַטן קעמפן פאַר אַ גרויסער זאַך.

די רויטע אַרמיי וועט פאָרזעצן צו זינגען, ווי זי וועט פאָרזעצן זיך שלאָגן, ביז עס וועט ניט אָנגעשריבן ווערן דאָס געזאַנג פון אַלע געזאַנגען, דאָס ליד פון אַלע לידער, דער נייער שיר השירים, דאָס ליד פון זיג איבער'ן פאַשיזם.

ערגעץ האָב איך אַמאָל געלייענט: אַ באַוואוסטער אַמעריקאַנער רעאַקציאָנער האָט זיך געקלאָגט אויף דער „אַי־דאַבליו־דאָבליו" (ווען די רעוואָלוציאָנער־סינדיקאַליסטישע אָרגאַניזאַציע איז געווען אין איר גלאַנץ־פּעריאָדע)), אַז זיי קעמפן מיט געזאַנג, זיי שאַפן און זינגען לידער, און „געפערלעך איז אַ באַוועגונג, וואָס זינגט". און דאָס איז אמת.

אונזער באַוועגונג איז געוואָרן שטאַרקער און מער געפערלעך פאַר די שונאים אַדאַנק אונזערע דיכטער, אונזערע זינגער און מוזיקער, אַדאַנק די כאָרן, פרייהייט געזאַנג פאַראיינען, מאַנדאָלין און סימפאָנישע אָרקעסטערס, „פּראָלעטפען" און „אַרטעף". דער מאַרשאַל פון אונזער מוזיק־אַרמיי איז געווען דער אַמכאָ'דיגער, עקסטאַזפולער, ענערגישער, שפּרודלדיגער, יום־טוב'דיגער, טאַלאַנטפולער פּראָלעטאַרישער קאָמפּאָזיטאָר און דיריגענט י ע ק ב ש י י פ ע ר.

די געזאַנג פאַראיינען זיינען פון די שענסטע אינסטיטוציעס אונזערע. און דערפאַר איז שייפער'ס פריצייטיגער, אומזיניגער, אומגעריכטער און אומגערעכטער טויט געווען אַזאַ שווערער קלאַפּ און פאַרלוסט פאַר דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין אַמעריקע און אויך אויסער אַמעריקע. ווייל די אַמעריקאַנער, וואָס זיינען געווען אין אייראָפּע און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייסן, ווי שטאָלץ יעדערער איז געווען צו קאָנען אָנווייזן אויף אונזער ליבלינג און שענסטער קולטורעלער מאַסן־דערגרייכונג, די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען אין אַמעריקע, אויף אונזער גרויסן קאָמפּאָזיטאָר יעקב שייפער, אויף אונזער זינגענדיגער באַוועגונג.

איך האָב געהערט שייפער'ס לידער געזונגען פון דעם אידישן געזאַנג־פאַראיין אין פּאַריז, אין יוני 1932. מען האָט זיי געזונגען אויף דעם סאַקאָ־וואַנזעטי סקווער פון דער קאָמוניסטישער מוניציפּאַליטעט בעזאָן אין דעם רויטן רינג אָדער פּאַס אַרום פּאַריז. איך האָב געהערט דעם פּאַריזער כאָר זינגען נאָך מער שייפער'ס לידער אין אויגוסט 1935. אין 1932 האָב איך אין דעם נאָמען פון פּאַריזער געזאַנג פאַראיין געשריבן אַ ספּעציעלן

בריוו צו שייפּער׳ן, אים געבעטן צושיקן זיינע קאָמפּאָזיציעס און רעפּערטואַר פון פרייהייט געזאַנג פאַראיין און אויף אַלע אופנים פאַרשטאַרקן דעם קאָנטאַקט מיט די זינגענדיגע חברים אין פּאַריז. און אין אויגוסט 1935, אויף מיין וועג צוריק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין אַמעריקע, האָט מען מיר שוין דערקלערט אין פּאַריז, אַז זיי קריגן אַ סך הילף פון שייפּער׳ן און פון אַמעריקאַנער מוזיקאַלישן פאַרבאַנד.

אַ סך מאָל האָב איך אויך געהערט שייפּער׳ס „קאַמף־געזאַנג" אין קיעוו, געזונגען פון דעם באַוואוסטן „אידוואַקאַנס"־כאָר און דיריגירט פון קאָמפּאָזיטאָר שייניז. ווי שטאָלץ איך פלעג דעמאָלט זיין מיט אונזער שייפּער׳ן!

אויף דער שייפּער־אויסשטעלונג, וואָס איז ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אין דעם „איקוף"־צענטער, האָב איך דערזען אַ גרויסן אַפיש (פּאָוסטער) אויף אוקראַאיניש, וואו ס׳איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז מען וועט אויפפירן די אָראַטאָריע „זשאָווטען" פון אַמעריקאַנער קאָמפּאָזיטאָר יעקב שייפּער אונטער זיין פּערזענלעכער אָנפירונג. („זשאָווטען" מיינט „אָקטאָבער" אויף אוקראַאיניש). ס׳האָט מיר אַ ריס געטאָן אין האַרצן און כ׳האָב זיך דערמאָנט:

אין אָקטאָבער 1932 בין איך געקומען צוזאַמען מיט א. פּלאַטנער׳ן קיין כאַרקאָוו אויף אַן איינלאַדונג פון איציק פעפער. דאָרטן האָט זיך דעמאָלט שוין געפונען שייפּער מיט זיין פרוי לאה. זיי זיינען געווען די געסט פון דער אוקראַאינישער רעגירונג. מען האָט איינגעלאַדן שייפּער׳ן צו קומען אויפפירן ביי די יובילײ־פייערונגען פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין כאַרקאָוו זיין אָראַטאָריע „אָקטאָבער". שייפּער האָט זי רעפּעטירט מיט ביידע אידישע כאָרן פון קיעוו און כאַרקאָוו, וועלכע זיינען אַרויסגעטראָטן צוזאַמען ביי די פייערונגען.

איך און פּלאַטנער האָבן יעדן טאָג פאַרבראַכט עטלעכע שעה מיט די שייפּערס אין זייער האָטעל־צימער. שייפּער האָט אויך דאָרטן ניט גערוט. ער האָט אַליין רעפּעטירט מיט די כאָרן, כאָטש די סאָוועטישע דיריגענטן האָבן אים אַרויסגעהאָלפן. ער האָט ניט נאָר געבראַכט זיינע אויפטוען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר ער האָט זיך באַמיט איינצוזאַפּן ווי אַמשנעלסטן אַלע דערגרייכונגען פון דער סאָוועטישער קונסט פון געזאַנג. ער האָט שטודירט קאָמפּאָזיציעס פון סאָוועטישע לידער און גרעסערע ווערק, באַזונדערס פון די אוקראַאינישע קאָמפּאָזיטאָרס. כ׳האָב איינִיגע מאָל געטראָפן ביי אים אין צימער די באַרימטע אוקראַאינישע קאָמפּאָזיטאָרס, דאַווידענקאָ, באָריסאָוו, א. אַ. זיי האָבן געמיינשאַפטלעך אַנאַליזירט זייערע געשאַפענע ווערק און האָבן זיך שטאַרק גערעכנט מיט די מיינונגען פון חבר שייפּער. שייפּער האָט אויך געזוכט סאָוועטישע לידער און קאָמפּאָזיציעס, וואָס מען זאָל קאָנען אויסנוצן אין אַמעריקע. פון אַ צאָל רוסישע און אוקראַאינישע לידער האָט ער באַשטעלט איבערזעצונגען ביי די סאָוועטישע דיכטער, ווי איציק פעפער און אַנדערע. און אַ סך פון זיי האָט ער שפּעטער אויפגעפירט אין אַמעריקע.

שייפּער, געדענק איך, האָט מיך איינגעלאַדן צו זיינער אַ רעפּעטיציע מיט דעם כאַרקאָווער אידישן כאָר. די רעפּעטיציעס זיינען פאָרגעקומען אין דער געביידע פון מוזיק־טעכניקום. שייפּער האָט דורכגעפירט די רעפּעטיציע מיט׳ן זעלביגן אימפּעט, געאַרבעט פּונקט אַזוי שווער און אָנגעשטרענגט, ווי אין אַמעריקע. די סאָוועטישע זינגער האָבן אים שטאַרק ליב געהאַט,

פון אים אַנגעקוואָלן. דאָס זעלביגע — די דיריגענטן זאַגראַניטשני פון כאַרקאָוו און שייניַן פון קיעוו.

ס'איז פאַר מיר ניט געווען מעגלעך בייצוזיין די אויפפירונג פון „אָקטאָ־בער" אין כאַרקאָוו. איך און פלאַטנער האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן פון דאָרטן קיין קיעוו און אָדעס, און צו די פייערונגען זיינען מיר ווידער געווען אין מאָסקווע. מיר האָבן אָבער שפּעטער געהערט גרויסן וועגן דעם גרויסן איינ־דרוק פון שייפער'ס „אָקטאָבער" אין כאַרקאָוו.

פאַר אונזער אַוועקפאָרן פון כאַרקאָוו האָבן מיר נאָך פאַרבראַכט מיט שייפער'ן אויפ'ן באַנקעט, וואָס די אָרטיגע שרייבער האָבן איינגעאָרדנט אין הויז פון איציק פעפער. ביי דער געלעגנהייט זיינען דאָרטן געווען חוץ פעפער'ן אויך ל. קוויטקאָ, דאַניעל, אָרלאַנד, חנה לעווין, נסתר, סיטאָ, וועוויאָרקע, קאַהאַן, אַראַנסקי, בלאָשטיין, כאַשטשעוואַצקי, גרינזייד, גאָל־דענבערג, האָלדעס, גילדין און נאָך אַנדערע. מען האָט דיסקוטירט זייער ערנסט די פּראָבלעמען פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. און חבר שייפער האָט זייער שאַרף דעמאָלט אַוועקגעשטעלט די פראַגע וועגן רעפּערטואַר און טעקסטן פאַר די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען.

שייפער איז ניט נאָר געווען אויסערגעוויינלעך פּראָדוקטיוו, נאָר ער האָט געקאָנט אויך אָנשטעקן אַנדערע מיט זיין קאָלאָסאַלער ענערגיע, אָנ־רעגן אַנדערע צו אַרבעטן פאַר אונזער געזאַנג־באַוועגונג.

מיט יאָרן צוריק בין איך געווען צוויי וואָכן אויף וואַקאַציע אין קעמפּ „קינדערלאַנד", ווען דאָרטן האָט זיך געפונען שייפער. האָט ער קודם כל מיך אַריינגעצויגן צו זינגען אין דעם קעמפּ־כאָר. אויסער דעם האָט ער מיך באַוויזן צו איבערזעצן אַ צענדליג רוסישע לידער און צו אַ געוויסער מעלאָדיע שאַפן אַן אייגענעם אידישן טעקסט („מוטיג חברים, שטאָלץ קאָמו־נאַרן"). שייפער האָט מיך ניט אָפּגעלאָזט און האָט זיינס דערגרייכט. מען האָט אַ צאָל פון די נייע לידער טאַקע צום ערשטן מאָל באַלד אויפגעפירט מיט דעם קעמפּ־כאָר. דער קעמפּ איז ביי שייפער'ן געוואָרן אַ מין לאַבאָראַ־טאָריע־וואַרשטאַט צוצוגרייטן מאַטעריאַל פאַר די געזאַנג פאַראיינען. דאָס זעלביגע, ווייסן מיר, האָט שפּעטער פּאַסירט מיט „אַ בונט און אַ סטאַטשקע"

מען האָט שוין אַ סך געשריבן וועגן שייפער'ן. אָבער מיר דוכט, אַז מען האָט נאָך ניט גענוג באַטאָנט זיין אונטערנעמערישקייט, דערפינדע־רישקייט, דעם איניציאַטיווופולן שייפער.

פאַר זיין טויט האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן זייער ערנסט פאַר אַן אָפּערעטן־טעאַטער אויף דער באַזע פון די פרייהייט געזאַנג פאַראיינען. אויף דער פאַררופענער באַראַטונג וועגן שאַפן אַן אָפּערעטן־געזעלשאַפט עטלעכע וואָכן פאַר זיין טויט, איז שייפער אַרויסגעטראָטן מיט אַ מערקווירדיגער רעדע. ער האָט אַ סך גערעדט וועגן זיין אייגענעם שאַפן און דערקלערט, אַז ער פילט זיך איצט אין זיין רייפסטן שאַפונג־פּעריאָד, און אויסגעדריקט זיין וואונש צו שאַפן נייע גרונטאָוונע, סאָלידע מוזיקאַלישע ווערק.

שייפער'ס וואונש איז, צום אונזער טיפסטן ווייטאָג, ניט דערפילט גע־וואָרן. זיין רייפסטער שאַפונגס־פּעריאָד איז געבליבן ניט רעאַליזירט. זיינע אַקאָרדן האָבן זיך איבערגעריסן, פאַרקלונגען, פאַרשטומט. אָבער די געזאַנג פאַראיינען לעבן, זיין ירושה ווערט אָפּגעהיט, שייפער לעבט אין יעדן ליד פון די געזאַנג פאַראיינען, אין יעדער אַרויסטרעטונג. און אין דער איצטיגער בלוטיג־ערנסטער צייט איז ניטאָ קיין שענערס און בעסערס צו ערן זיין אָנדענק, ווי צו שאַפן אַ טאַנק אויף יעקב שייפער'ס נאָמען פאַר דער רויטער אַרמיי, פאַר די העלדן פון סטאַלינגראַד.

„די גראַמאַטיק פון שלאַכט, די שפּראַך פון קאַנאָנען...״

די „ניו יאָרק טאַימס״ האָט אַנומעלט אָנגעהויבן אַ נאָטיץ וועגן די „סאָוועטישע קינסטלער אין מלחמה״ מיט די פאָלגנדיגע ווערטער:

„ניט לאַנג צוריק איז אין סעוואַסטאָפּאָל דער׳הרג׳עט געוואָרן דער מלחמה־קאָרעספּאָנדענט יעווגעני פּעטראָוו, וועמעס באַריכטן עס זיינען דאָ געדרוקט געוואָרן דורך דער נאָרט אַמעריקען ניוס־פּעיפּערס־אַלאַיענס. זיין טויט איז געווען אַ שאַרפע דערמאָנונג, אַז די רוסישע קינסטלער, שרייבער און פילם־אַרבעטער שפּילן אין דער מלחמה אַ טאָפּל־ראָלע אַלס ציווילע און סאָלדאַטן — ווען זיי מאַכן ניט קיין פילמס וועגן דער מלחמה, זיינען זיי אויפן פראָנט, שלאָגן זיך. פּעטראָוו איז ניט נאָר געווען איינער פון רוסלאַנד׳ס פירנדיגע נאָוועליסטן, ער איז אויך געווען אַ פילם־שרייבער. איינע פון זיינע סצענאַריעס איז „אַ מוזיקאַלישע געשיכטע״, וואָס ווערט נאָך גע־שפּילט פאַרן אַמעריקאַנער פּובליקום״.

אַ „שאַרפע דערמאָנונג״ וועגן די „סאָוועטישע קינסטלער אין מלחמה״ איז ניט לאַנג צוריק אויך געווען טאָסקאַניני׳ס ראַדיאָ־אויפפירונג פון דימיטרי שאָסטאַקאָוויטש׳עס זיבעטע סימפאָניע, וואָס איז פון אים קאָמ־פּאָנירט געוואָרן אין דער באַלאַגערטער לענינגראַד אונטער דעם קנאַלן פון קאַנאָנען, אין דעם פּלאַקער פון בלוטיגע שלאַכטן. די באַרימט־געוואָרענע פאָטאָגראַפיע פון שאָסטאַקאָוויטש׳ן אין די קליידער פון אַ סאָוועטישן „עיר־רעיד וואָרדן״, אַ פייער־לעשער, איז אויך אַ „שאַרפע דערמאָנונג״ און סימבאָלישע פאַרקערפּערונג פון דער „טאָפּל ראָלע״ פון דעם סאָוועטישן קינסטלער אַלס „ציווילער און סאָלדאַט״.

די טאָפּלטקייט איז אין דער אמת׳ן איין גאַנצקייט. קונסט איז אַלע־מאָל באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ געווער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ביכער זיינען וואָפן. קינסטלער זיינען אינזשענירן פון מענטשלעכע נשמות. דער ערשטער אידישער סאָוועטישער דיכטער, אשר שווארצמאַן, איז געווען אַ העלדישער רויט־אַרמייער. צענדליגער אידישע און הונדערטער ניט־אידישע סאָוועטישע קינסטלער און שרייבער שלאָגן זיך איצט אויף די פראָנטן. דער באַרימטער אידישער קריטיקער א. גורשטיין איז ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן אויפ׳ן שלאַכט־פעלד. ש. ראָסין איז דער׳הרג׳עט געוואָרן.

פען און ביקס. די פען און די ביקס געפינען זיך איצט ביי אַ סך סאָווע־טישע שרייבער אין דער זעלבער האַנט. אַ „שאַרפע דערמאָנונג״ און „אַ טאָפּל ראָלע״, ווי עס זאָגט מיט רעכט די „ניו יאָרק טאַימס״, און אַ זייער בכבוד׳יגע ראָלע, וועלן מיר נאָך צוגעבן, וואָס אַפילו די „ניו יאָרק טאַימס״ מוז באַוואונדערן.

אזא „שאַרפע דערמאָנונג״ איז אויך געווען דער טויט פון גלענצנדיגן סאָוועטישן דראַמאַטורג אַפינאָגענאָוו פון אַ נאַצישער לופט־באָמבע אין

מאָסקווע. אָדער — דער באַרימטער דיכטער יאָסיף אוטקין, ביי וועמען די נאַציס האָבן אויפן פראָנט אַראָפּגעשאָסן אַ האַנט. אָדער — לעאָניד לעאָנאָוו, איינער פון די גרעסטע סאָוועטישע שריפטשטעלער, וואָס האָט פאַרלאָרן אַן אויג אין די שלאַכטן פאַר לענינגראַד. לעאָנאָוו האָט, אַגב, געהאָלפן מאַכן דעם פילם „אָט־דאָס איז דער שונא".

אַזעלכע „שאַרפע דערמאָנונגען" וועגן „טאָפּל־ראָלן" זיינען איצט די צענדליגער סאָוועטישע מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן, ווי דער וועלט־באַרימטער שריפטשטעלער איליאַ ערענבורג, אָדער דער אָנגעזעענער דיכטער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, וואָס איז אויפן פראָנט פון ערשטן טאָג אָן, וואָס די נאַצישע קאַניבאַלן זיינען באַפאַלן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

סימאָנאָוו האָט ניט לאַנג צוריק אין אַן אַרטיקל וועגן „דרייצן חדשים אויפן פראָנט" אויך אָנגעוויזן אויף דער „טאָפּל ראָלע" פון די סאָוועטישע קינסטלער. ווען איר זאָגט „פּאָעט" צו אַ סאָוועטישן מענטשן, האָט סימאָנאָוו געשריבן, וועט ער זיך ניט פאָרשטעלן קיין עסטעט מיט אַ טשופּרינע און פעלערינע, קיין בלאַסן לאַנג־האָריגן פיינשמעקער אין אַ קאַבינעט, נאָר אַ פיגור ווי וולאַדימיר מאַיאַקאָווסקי, דער סאַמע באַוואוסטער פּאָעט פון דער סאָוועטישער צייט. הויך, מאָנומענטאַל, מיט אַ דונערנדיגער שטימע און אָנשטעקנדיגן שמייכל, האָט מאַיאַקאָווסקי קיין זאַך אַזוי ניט ליב געהאַט ווי פאַרלייענען זיינע לידער פאַר אַן עולם פון קוילן־גרעבער. אין דער צייט פון בירגער־קריג האָט מאַיאַקאָווסקי נאָך אַ חוץ דעם געצייכנט קאַרטונס, וואָס זיינען עד־היום באַרימט מיט זייערע ברייטע, דרייסטע שטריכן און זייערע צאַפּלדיגע, פּאַקנדיגע, געגראַמטע קעפּלעך און אויפשריפטן.

און דאָס זעלבע וועגן די סאָוועטישע קינסטלער פון אַלע אַנדערע קונסט־געביטן.

אַ „שאַרפע דערמאָנונג" פון דער „טאָפּל ראָלע" פון דעם סאָוועטישן קינסטלער איז טאַקע געווען מאַיאַקאָווסקי אַליין, וואָס האָט געקענט און געלערנט אויך אַנדערע „די גראַמאַטיק פון שלאַכט, די שפּראַך פון קאַנאָנען", ווען דאָס איז געווען נויטיג. און ווען, אויב ניט איצט, וואָלט געווען נויטיג אַזוי צו שרייבן ווי מען וואָלט געהאַלטן ניט קיין פּען, נאָר אַ ביקס אין האַנט, פאַרוואַנדלען די פּען אין דאָס שאַרפסטע און מעכטיגסטע געווער? קאָן דאָך אויך אויף דער איצטיגער צייט זיכער געזאָגט ווערן, אַז „דאָס וואָרט האָט איצט חבר מאַקסים" (אַ נאָמען פון אַ קוילנוואַרפער)!

ס'איז באַוואוסט די גרויסע אויפמערקזאַמקייט, וואָס עס ווערט געשענקט דער פילם־קונסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. נאָך אין 1907 האָט לענין פאָראויסגעזאָגט, אַז „אין די הענט פון די מאַסן און די טוער פון דער סאָציאַליסטישער קולטור וועט די פילם־קונסט פאַרוואַנדלט ווערן אין דעם מעכטיגסטן מיטל צו אַנטוויקלען די מאַסן". און ס ט אַ ל י ן האָט אין 1924, אויפן 13טן צוזאַמענפאָר, זיך אויסגעדריקט, אַז „פילמס זיינען דער וויכטיגסטער מיטל פון מאַסן־אַגיטאַציע".

אָבער אין דער איצטיגער מלחמה האָט מען געמוזט נוצן „די גראַמאַטיק פון שלאַכט, די שפּראַך פון קאַנאָנען". ס'איז געווען נויטיג, אַז די פילם־קינסטלער זאָלן אָנהויבן שפּילן אַנדערע ראָלן, מלחמה־ראָלן, אָדער אויף דער שפּראַך פון דער „טאַימס": „טאָפּל־ראָלן" — קינסטלער און רויט־אַרמייער.

איינער פון אָט־די פילם־קינסטלער איז געווען מ י כ אַ א י ל ר אָ ־ ז ע נ ב ע ר ג, דער יונגער אויטאָר פון צוויי פון די פינף דראַמאַטישע עפּיזאָדן פון דעם פילם „אָט דאָס איז דער שונא". ער איז דער'הרג'עט

געוואָרן אויף די שלאַכט־פּאָזיציעס ביים פאַרטיידיגן לענינגראַד. חדשים לאַנג האָט ראָזענבערג געאַרבעט אומדערמידלעך אין דער פילם־סטודיאָ אויף ליכטיגע, מאָראַל־דערהויבנדיגע פילמס, אָבער מיט דער צייט האָט ער באַשלאָסן, אַז מאַכן פילמס איז ניט גענוג. שליסט ער זיך אָן אין אַ מיליטער־אָפּטיילונג פון פרייוויליגע און אַ קורצע צייט שפּעטער איז ער דער'הרג'עט געוואָרן.

אַזאַ איז אויך געווען ב אָ ר י ס ש ל ו כ ט י נ ג, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ נאַצי־סאָלדאַט אין „אָט דאָס איז דער שונא". ער איז פאַר־וואונדעט געוואָרן בעת ער האָט געדינט אויפן פראָנט אַלס לייטענאַנט פון אַ טאַנק־אָפּטייל. אין שפּיטאָל איז זיין קראַנקן־שוועסטער געווען טאַמאַראַ מאַקאַראָוואַ, אַ סטאַר־אַקטריסע פון דעם פילם „דער נייער לערער", וואָס איז אויך געוויזן געוואָרן אין די פאַראייניגטע שטאַטן.

ב אָ ר י ס פּ אָ ס ל אָ ו ו ס ק י האָט ניט געהאַט קיין ביקס, נאָר ער האָט יעדן טאָג געאַרבעט זעקס שעה, נאָכ'ן פאַרענדיגן זיין אַרבעט אין דער פילם־סטודיאָ, גראָבנדיג טרענטשעס, טאַנקען־פּאַסטקעס און באַפעס־טיגונגען אַלס אַ מיטגליד פון אַ לענינגראַדער אַרבעט־באַטאַליאָן. נ אַ ־ ט אַ ל י אַ פּ ע ט ר אָ פּ אַ װ ל אָ װ ס ק אַ י אַ, וואָס שפּילט די ראָלע פון אַ קראַנקן־שוועסטער, געפינט זיך איצט אויפן פראָנט מיט אַ טעאַטער־טרופּע.

װ י ק ט אָ ר ע י ס מ אַ נ ט, דער דירעקטאָר פון „דאָס מיידל פון לענינגראַד", האָט ריזיקירט דאָס לעבן און אַליין געבראַכט פילם־לענטעס פון „אָט דאָס איז דער שונא" אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס פון פראָנט צו טיילן, וואָס האָבן פאַרטיידיגט מאָסקווע. און דער סטאַר פון „דאָס מיידל פון לענינגראַד" ז אָ י אַ פ י אָ ד אָ ר אָ װ נ אַ (נאַטאַשאַ) האָט אַליין געשריבן וועגן דער נייער איצטיגער „ראָלע וואָס איך וועל שפּילן ביז מיר וועלן האָבן געוואונען די מלחמה — די ראָלע פון אַ פאַרוויילער אפ'ן פראָנט". זאָיאַ האָט אויך איבערגעגעבן, אַז די אינגסטע „מיידל" פון לענינגראַד, פּ ע ד אָ ר י נ אַ, וועמען די וואָס האָבן געזען דאָס בילד געדענקען אַלס די ליבלעכע געשטאַלט פון „טשיזשיק", די קראַנקן־שוועסטער מיט די צעפּלעך, איז ניט בלויז געווען אַ פּראָפעסיאָנעלע אַקטריסע, נאָר אויך אַ סטודענט פון מעדיצין און געפינט זיך איצט אויף דער פראָנט־ליניע אַלס אַ קראַנקן־שוועסטער איןווירקלעכן לעבן, ווי זי איז דאָס געווען אין דער פילם.

נאָך „שאַרפע דערמאָנונגען" וועגן די „טאַפּל־ראָלן" פון די סאָוועטישע קינסטלער.

און ניט נאָר אַזעלכע יונגע סאָוועטישע קינסטלער, ווי זאָיאַ און „טשי־זשיק", נאָר װ ו ל אָ ד י מ י ר ג אַ ר ד י ן, דער אָנגעזעענסטער און עלטסטער פון סטאַניסלאַווסקי'ס אַקטיאָרן, שפּילט אַ פּיטשיניאַנטשיקע סצענקע, אָן אַ שורה דיאַלאָג, אָן דעם מינדסטן קרעדיט אָדער געצאָלט אין דעם פּוילישן אינצידענט פון „אָט דאָס איז דער שונא", בלויז דערפאַר וואָס ער איז גראַד צופעליג געווען אין דער סטודיאָ ווען מ'האָט געזוכט עמיצן צו שפּילן די סצענקע. דאָס איז ווידער אַ „שאַרפע דערמאָנונג" א. אז. וו., א. אז. וו.

פאַקטיש איז דער גאַנצער פילם „אָט דאָס איז דער שונא" פּראָדוצירט געוואָרן אויף אַזאַ פרייוויליגן אופן. די סצענאַריע, די שרייבער, אַקטיאָרן, דירעקטאָרן, קאַמעראַ־לייט, טעכניקער, ליכט־אינזשענערן — אַלע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען געצאָלט פאַר זייער אַרבעט. אַ צאָל פון די פילם־עפּיזאָדן זיינען אָנגעשריבן און פאַרקערפּערט געוואָרן אין דעם פילם אין אַזוי וויניג

ווי פיר טעג צייט. די אקטיארן און קלאנג־אינזשענערן האבן אפט געהאלפן בויען דעקאראציעס און זיי אליין געפארבט, צו פארבייטן די פראפעסיא־נעלע ארבעטער, וואס זיינען פלוצים גערופן געווארן צום פראנט. אויך דאס איז א „שארפע דערמאנונג" א. אז. וו., א. אז. וו.

אט־דעם צעטל פון די סאוועטישע העלדישע קינסטלער וואלט מען געקאנט נאך זייער לאנג ציען. ס'איז אבער שוין גענוג קלאר זייער גייסט און „טאפל"־ראלע אין דער איצטיגער מלחמה־צייט. אט־דעם סאמע דער־הויבן־מענטשלעכסטן, מסירת־נפש גייסט און ראל האט זאיא פיאדאראווא אויסגעדריקט מיט די פאלגנדיגע ווערטער:

„...באלד נאך אונזערע קאנצערטן (אויפן פראנט) גייען די רויט־ארמייער אפט אין אטאקע, און ווען אט־די מענטשן באדאנקען אונז ווארים פאר דעם פארגעניגן, וואס אונזער ארויסטרעטונג האט זיי פארשאפט, רירט מיך דער געדאנק, אז א צאל פון זיי וועלן מעגלעך שטארבן אין דער שלאכט, און אז איך בין די לעצטע פערזאן צו געבן אט־די מענטשן א געפיל פון דער פרייד פון לעבן. דאס מאכט אייך צו באנעמען די גרויסקייט פון דעם שוישפי־לער'ס קונסט".

„די גראמאטיק פון שלאכט, די שפראך פון קאנאנען" איז געווען דער ענטפער פון די סאוועטישע קינסטלער אויפן פאלשן ווערטל „ווען עס דונערן הארמאטן — שווייגן די מוזעס".

איז זאל דאס זיין א „שארפע דערמאנונג" אויך פאר די אמעריקאנער פילם־שוישפילער, ווי פאר אלע אנדערע קינסטלער אין אמעריקע, אריינגע־רעכנט די אידישע.

פערזענלעכע דערפארונגען מיט דער רויטער ארמיי

איך בין געבוירן געווארן אין גראדנע, וואו עס זיינען אלעמאל געווען א סך רוסישע סאלדאטן. מיר האבן געוואוינט לעבן קאזארמעס. מיין טאטע האט דורכגעמאכט די ערשטע וועלט־מלחמה אלס א מאביליזירטער סאלדאט. איך אליין בין געווען א „בעזשעניעץ". איך האב ניט נאר געהערט, נאר אליין געזען ווי אזוי די צארישע ארמיי האט זיך איזדעקעוועט איבער די אידן. און איך דארף אייך ניט זאגן, אז קיין גוטע געפילן האב איך ניט געהאט צו דער רוסישער ארמיי.

אבער אט בין איך אנגעקומען אין 1932 אין סאוועטן־פארבאנד און אין די עטלעכע יאר פון מיין זיין דארטן האב איך געהאט גאר אנדערע דערפארונגען מיט דער נייער רוסישער ארמיי. און וועגן א צאל פון מיינע פערזענלעכע דערפארונגען לוינט זיך צו דערציילן אויך אנדערע מענטשן'

דערפארונג נומער איינס. איך בין געקומען צו א שוועסטער אין מינסק, וועלכע האט געארבעט אויף דער ניי־פאבריק „אקטיאבר". עס איז געווען זומער. איינמאל לאזט זי מיר וויסן, אז זי דארף אוועקפארן אויף א חודש אין א רויט־ארמייאישן לאגער, ווייל זי איז צוגעפעסטיגט צו א געוויסן פאלק אלס „פאליט־רוק" (אנפירער מיט דער פאליטישער דערציאונג) פון א ראטע. ביי איר איז דאס געווען זייער נאטירלעך, אבער פאר מיר האט דאס געקלונגען אומגלויבלעך, אז מיינע א שוועסטער, א אידיש מיידל, זאל אנפירן מיט דער בילדונג פון א ראטע סאלדאטן אין א רוסישער ארמיי.

איר קענט זיך שוין אליין פארשטעלן דעם איינדרוק, וואס דאס האט אויף מיר געמאכט.

דערפארונג נומער צוויי. ווידער אין מינסק. עס קומט אמאל אריין צו מיין שוועסטער אין שטוב אן אפיצער אין דער שיינער אוניפארם פון א פילאט פון סאוועטישן לופט־פלאט. ווי איבערראשט בין איך געווארן, ווען ער האט אין א גראדנער אידיש ביי מיר געפרעגט, ווען ער קען זען מיין שוועסטער. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז א געוועזענער שניידער, וואס קען מיין שוועסטער נאך פון דער היים.

דערפארונג נומער דריי איז שוין געווען אין קיעוו. אויף א גרויסן מיטינג פון „אזעט" (די סאוועטישע געזעלשאפט איינצואָרדענען אידן ביי ערד־ארבעט) האב איך געהערט באריכטן פון ניט־אידישע רויט־ארמייער און קאמאנדירן וועגן דער ארבעט פון די „אזעט"־קעמערלעך אין זייערע ארמיי־טיילן. זיי האבן זיך אויך באטייליגט אין די דיסקוסיעס וועגן דעם גאנג פון דער אידישער קאלאניזאציע־ארבעט אין די אידישע ראיאנען און אין בירא־בידזשאן.

אן ענלעכע דערפארונג האב איך אמאל געהאט פארנדיג קיין מאסקווע, ווען איך האב זיך אויפן באן באקענט מיט עטלעכע ניט־אידישע אפיצערן, קאמאנדירן פון גאנצע פאלקן, וועלכע האבן ארויסגעוויזן א גרינטלעכע באקאנטשאפט מיט דער ארבעט צו פארוואנדלען בירא־בידזשאן אין א אידישער רעפובליק.

אבער גאר א גרויסן איינדרוק האט אויף מיר געמאכט דער פאלגנדיגער פאל: אין די סאוועטישע טראמוואיען גייט מען אריין פון איין טיר און מען שטייגט אראפ פון דער צווייטער טיר ביים סאמע עק. כדי ניט צו פארנעמען צופיל צייט ביים אראפשטייגן און זיך געפינען נעענטער צום ארויסגאנג, פרעגט דער וואס דארף אראפשטייגן אויף דער קומענדיגער סטאנציע ביי די אנדערע וואס שטייען פאר אים, צי זיי „גייען ארונטער". דאס מיינט, צי זיי גייען ארונטער אויף דער קומענדיגער סטאנציע אדער פארן ווייטער. אויב זיי פארן ווייטער, לאזן זיי אים דורך, כדי ער זאל קענען גיכער אראפשטייגן.

אין קיעוו איז אמאל געווען א מארק, וואס האט געהייסן „יעווריעיסקי באזאר" (אידישער מארק). איצט האט מען אים לויט דער טראדיציע גערופן אויף א פארקירצטן אופן „יעווּבאז", כאטש דארטן האבן זיך שוין כמעט קיין אידן ניט געפונען. ווען דער טראמוואי האט געהאלטן ביים צופארן צו דער סטאנציע „יעווּבאז" האט א רוסישער געפרעגט א אידן דעם געוויינלעכן — „איר גייט ארונטער?" אבער איידער דער איד האט באוויזן צו ענטפערן, האט א זיצנדיגע אויסגעפוצטע פרוי א זאג געטאן: „דא גייען אלע אידן ארונטער".

איך האב אין דער רגע ניט באוויזן צו כאפן דעם ראפינירטן אנטי־סעמיטישן שטאך, וואס איז געווען באהאלטן אין איר זאג. נאר באלד איז אויסגעוואקסן א קאמאנדיר פון דער רויטער ארמיי, ניט קיין איד. ער איז צוגעגאנגען צו דער אויסגעפוצטער דאמע און בלויז געזאגט: „אויך איר וועט דא ארונטערגיין".

די דאמע האט אנגעהויבן שטאמלען, אז זי דארף פארן א סך ווייטער. דער קאמאנדיר האט איר אבער דערקלערט, אז עס געפעלט אים ניט איר זאג און ער וועט זי נעמען אין מיליציע אריין. די דאמעטשקע האט גע־פרואווט טענה'ן, אז זי איז גאט די נשמה שולדיג, אז זי האט גאר ניט געמיינט. אבער דער קאמאנדיר האט געהייסן דעם קאנדוקטאר אפשטעלן

דעם טראַמוואַי און דערציילט וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך. דער קאָנדוקטאָר האָט איר געזאָגט, אַז לויטן געזעץ מוז ער אין אַזאַ פאַל אַרויפרופן אַ מיליציאָנער און זי לאָזן אַרעסטירן, און אַז אויב זי וועט אַליין ניט אַרונטערגיין מיטן קאָמאַנדיר, וועט ער רופן אַ מיליציאָנער זי אַרונטערנעמען מיט גוואַלד. זי האָט ניט געהאַט קיין ברירה און געמוזט אַרונטערגיין צוזאַמען מיטן קאָמאַנדיר, וועלכער האָט זי אָפּגעפירט אין מיליציע־צירקל.

דאָ האָב איך מיט די אייגענע אויגן געזען, ווי אַזוי דאָס געזעץ געגן אַנטיסעמיטיזם אַרבעט אין דער ווירקלעכקייט. אין דעם פאַל האָב איך אויך געזען דעם סאָציאַליסטישן גייסט פון דער רויטער אַרמיי, ווי דעם כאַראַקטער פון דעם סאָוועטישן אָפיצער אין פרידנס־צייט.

איך וואָלט נאָך געקענט אַ סך דערציילן וועגן דער ליבע און אַכטונג, מיט וועלכער מען האָט אַרומגערינגלט אין דעם קיעווער אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור דעם אַספּיראַנט גיטערמאַן אַלס „טשאַפּאַיעוועץ", וועלכער האָט אין בירגער־קריג געקעמפט אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי אונטער דעם באַרימטן העלד טשאַפּאַיעוו. צי וועגן דעם איינדרוק, וואָס אויף מיר האָט געמאַכט דער סאָוועטישער אידישער דיכטער טאַלאַליעווסקי, ווען איך האָב אים געהערט לייענען זיינע לידער אין קיעווער ווינטשעווסקי־ביבליאָטעק, אָנגעטאָן אין דער אוניפאָרם פון אַ רויט־אַרמייער. צי דערציילן אייך וועגן דעם אומגעוויינלעכן שטאָלץ מיט זיין איידעם, „אַ רויטער אָפיצער", פון דעם באַלעבאָס פון דער דירה אין קיעוו, וואו איך האָב געהאַט אַ צימער ,אַ אידישער אַלטער סטאָליער. און וועגן אַ סך אַנדערע ענלעכע דערפאַרונגען.

אָבער איך וועל פאַרענדיגן נאָר מיט אַן אויסצוג פון — איר וועט אָסור טרעפן! — „פאָרווערטס". אין 1935 זיינען אין „פאָרווערטס" געווען אָפּגעדרוקט — „בעליוו איט אָר נאָט"! — די פאָלגנדיגע שורות:

„אַלע סאָוועטישע צייטונגען זיינען איצטער פול מיט באַשרייבונגען פון דעם פּריזיוו אין פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך. דער פּריזיוו איצטע ראַיז גאָר אַן אַנדערער ווי אין די צייטן ווען עס האָבן אין רוסלאַנד געהערשט די צאַרן. דער אונטערשייד איז זייער גרויס, און מער ווי אומעטום וואַרפט זיך דער אונטערשייד אין די אויגן אין די אידישע שטעט און שטעטלעך. אַלע אידישע פּריזיוווניקעס, וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן אין די יאָרן 1914 און 1915, גייען גערן אין דער אַרמיי, און די מערסטע פון זיי זיינען דערצו צוגעגרייט נאָך פון פריער. זיי קענען שיסן און זיי צייכענען זיך אויך אויס אין גימנאַסטישע איבונגען.

„כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטימונג, וואָס ס'הערשט צווישן די אידישע „פּריזיוווניקעס" און אויך ביי זייערע עלטערן, וועלכע באַגלייטן זיי אין דער רויטער אַרמיי, איז אַ ליד, וואָס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין דעם מינסקער „אָקטיאַבר", פון 17טן סעפּטעמבער. די ליד הייסט: „ס'טוט מיין האַרץ זיך פרייען". די פאַרפאַסערין איז שרה קאַהאַן, און ס'הייסט, אַז דאָס איז אַ ליד פון אַ אידישער מוטער, וואָס באַגלייט איר זון אין דער רויטער אַרמיי.

„דאָס איז די ליד:

„איך טו הייגט אָן מיין שענסטע קלייד,
סיטוט מיין האַרץ זיך פרייען,
איך גיי אַרויס און איך באַגלייט
מיין זון ,דעם רויט־אַרמייער.

„גיי, מיין זון, געזונטערהייד,
זיי אַ טרייער וועכטער,
שפּיר דעם שונא, וואו ער גייט,
שפּיר ניט אויף געלעכטער.

„אין אַ יאָר פון בלוט און קריג
האָב איך דיך געבאָרן
איך האָב דיין פאָטער הייס געליבט,
האָב איך אים דאָן פאַרלאָרן.

„אויפן פראָנט און אויפן טויט
אַוועק פאַר ערדן פרעמדע,
און ביי אונז קיין פּיצל ברויט
און קיין פּיצל העמד ניט.

„איצטער גייסטו שטאָלץ און דרייסט
אין אַרמיי אין דיינער.
דיינע בלוטן יאָגן הייס,
דיינע אויגן שיינען.

„קענסט דערגרייכן אומעטום
ביז די העכסטע הויכן.
אויף דיין האַרצן בליט אַ בלום —
וואָראָשילאָווס צייכן.

„איך ווייס געוויס, כ'ווייס געוויס,
כ'קען אַפילו שווערן —
דו וועסט היטן גוט דיין ביקס
און טראָגן זי מיט ערע.

„טו איך אָן מיין שענסטע קלייד,
סיטוט מיין האַרץ זיך פרייען,
כ'גיי אַרויס און איך באַגלייט
מיין זון, דעם רויט־אַרמייער".

אַט פון וואַנען עס נעמט זיך דער מסירת־נפש גייסט און העלדנמוט פון דער רויטער אַרמיי, ווי פון די מאַמעס, טאַטעס, ברידער, שוועסטער און כּלות פון די רויט־אַרמייער! אַט פון וואַנען עס נעמט זיך די העלדישקייט פון די אידישע רויט־אַרמייער! פאַר אַ לאַנד וואו דו „קענסט דערגרייכן אומעטום ביז די העכסטע הויכן" קעמפט מען העלדיש און מען איז גרייט אַרויסצואווייזן אַפילו „די גרעסטע מאָס פון איבערגעגעבנקייט", ווי אייבראַהאַם לינקאָלן האָט זיך אויסגעדריקט — אָפּגעבן און מקריב זיין דאָס לעבן.

מען טאָר ניט פאַרגעסן!

„דערמאָנט זיך אין דעם אַלעם און געדענקט עס, ווייל מען טאָר ניט פאַרגעסן, באַזונדערס איצט, ווען היטלער האָט אויפגעהויבן זיין חלף אויף דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער ריי אויף אידן!"

דעם אויסצוג נעמען מיר אַרויס פון דער בראָשור „אידן און די מלחמה מיט היטלער'ן" פון דוד בערגעלסאָן, וואָס דער „איקאָר" האָט אַרויסגעגעבן.

מיר געדענקען פוירל האַרבאַר! און מיר געדענקען אויך מינסק און קיעוו און כאַרקאָוו און לעמבערג און באַריסאָוו! און כדי מיר זאָלן עס ניט פאַרגעסן, האָט דער איקאָר אויך אַרויסגעגעבן דעם „צער און צאָרן"-מעמאָראַנדום, די „מגילת האש", דעם פייערדיגן דאָקומענט, וואָס דער סאָוועטישער אויסערן-מיניסטער וו. מ. מאָלאָטאָוו האָט צוגעשטעלט צו די רעגירונגען, ווייל „זייער בלוט שרייט צו אונז", ווי עס הייסט יענע בראָשור.

אויסער דעם זיינען דאָרטן אויך אָפּגעדרוקט געוואָרן: דער „רוף פון זעכציג דייטשע יוניאָן-פירער, שרייבער און פּאָליטיקער"; „דער אפּיל פון די דייטשע קריגס-געפאַנגענע" און „א פּאָר ווערטער אלס אן אריינפיר" פון משה כץ.

אין דעם אריינפיר זאָגט מיט רעכט חבר כץ, אַז דאָס זיינען „היסטאָרישע דאָקומענטן פון ערשטן גראַד, וועלכע זיינען אבסאָלוט נויטיג, כדי צו פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון דער איצטיגער מלחמה און דעם טיפ שונא, מיט וועלכן די גאַנצע מענטשהייט האָט איצט צו טאָן".

מאָלאָטאָוו אַליין האָט וועגן די פאַקטן אין מעמאָראַנדום געזאָגט, אַז „דאָס שרעקלעכע בילד האָט ניט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער מענטשלעכער געשיכטע"; און אַז „דאָס סאָוועטישע פאָלק וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן די רציחות, גוואַלדטאַטן, צעשטערונג און באַליידיגונג, וואָס די דייטשע אַרמיי האָט אויסגעגאָסן אויף די קעפּ פון דער פרידלעכער באַפעלקערונג. עס וועט קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין".

„קיינמאָל ניט פאַרגעסן און קיינמאָל ניט מוחל זיין" דאַרף זיין אויך אונזער לאָזונג.

און א „היסטאָרישער דאָקומענט פון ערשטן גראַד" איז אויך בערגעלסאָנ'ס בראָשור, סיי צוליב דעם שלל מיט פאַקטן, וועלכע ער ברענגט וועגן די שוידערלעכע נאַצי-רציחות געגן אידן און וועגן דעם העלדישן קאַמף געגן היטלער'ס קאַניבאַלן פון די סאָוועטישע אידן אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי, אַלס פאַרטיזאַנען און אויף יעדן אַנדערן אופן, סיי ווי דער קינסטלערישער אויסגעשריי פון איינעם פון די גרעסטע אידישע קלאַסיקער אין דער איצטיגער שעה, „ווען היטלער האָט אויפגעהויבן זיין חלף אויף דער גאַנצער וועלט און אין דער ערשטער ריי אויף אידן".

בערגעלסאָנ'ס בראָשור איז אַליין א פּרעכטיגע שטיק קינסטלערישע שאַפונג. ער הויבט אָן מיט א וואונדערלעכער שילדערונג פון „דער נאַכט פונ'ם 21טן אויפ'ן 22טן יוני..." ער מאַכט דערנאָך א „קורצן" אָבער איינ-

דרוקספולן „חשבון פונ׳ם גוטס, וואָס אידן געניסן באַגלייך מיט אַלע באַ־פרייטע פעלקער ביי דער סאָוועטן־מאַכט״. ער „בלעטערט דורך די אידישע געשיכטע, וואָס האָט צו דערציילן בלויז וועגן צרות, פּאָגראָמען, שחיטות, גירושים״. ער דערמאָנט, וואָס „אידישע מאַסן האָבן געהאַט אויסצושטיין פונ׳ם צאַר און פון זיינע טשינאָווניקעס״, און וויל מיר זאָלן אויך ניט פאַרגעסן, אַז „עס איז גאָר ניט אויסצורעכענען דאָס גוטס, וואָס ביי אונז אין גרויסן סאָוועטישן פאָטערלאַנד איז אָפּגעטאָן געוואָרן מיט אידן״.

בערגעלסאָן דערציילט אויך אַ סך ביז איצט אומבאַקאַנטע פאַקטן וועגן דער העלדישקייט און פּאַטריאָטיזם פון די אידישע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און עס שאַלט זיין רוף צו יעדערן פון אונז אין אַמעריקע:

„דער גורל פון דער וועלט הענגט אויף אַ וואָג־שאָל. קיינער טאָר ניט פאַרשלאָפן, קיינער טאָר ניט רוען. יעדער אָרנטלעכער מענטש מוז טאָן אַלץ, אַז איבערוועגן זאָל די קראַפט פון אַלע אָרנטלעכע מענטשן, וואָס זיינען די מערהייט אויף דער וועלט. און דאָס איז די גרויסע פליכט אויך פון אידן אין אַמעריקע״.

געדענקט די ווערטער פון גרויסן אַמעריקאַנער העלד גענעראַל מעק־אַרטור, אַז די האָפענונגען פון דער ציוויליזאַציע פלאַטערן אויף די רומפולע פאָנען פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָט באַוויזן די גרעסטע מיליטערישע דערגרייכונגען אין דער געשיכטע. דעריבער—

„פאַרגעסט ניט, אַז אין די רייען פון דער רומפולער רויטער אַרמיי שלאָגן זיך אייערע ליבלעכע ברידער און קרובים, ווי די לייבן, מיט׳ן גרעסטן מסירת־נפש״...

„פאַרגעסט ניט, אַז די דערהויבענע רויטע אַרמיי האַלט זיך ביי אירע שטענדיגע טראַדיציעס פון מענטשן־ליבע און אַז פון די ערטער, וואו די שלאַכטן קומען פאָר, עוואַקואירט זי אין דער ערשטער ריי די שוואַכסטע פון דער אידישער באַפעלקערונג, כדי זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פאַשיסטישע גזלנים, רוצחים און קוילער״.

פאַרגעסט ניט די בריוו, וואָס זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ און וועלכע איר האָט אַליין באַקומען פון אייערע און מיינע ליבלעכע ברידער און קרובים, וועמען די רויטע אַרמיי האָט באַפרייט.

דערמאָנט זיך כאָטש דעם פאָלגנדיגן „פאַל, ווען אַ סאָוועטישער גרע־ניץ־אָפיצער האָט באַפוילן אַן אינזשענערן־אָפּטיילונג צו לייגן אַ בריק איבער אַ טיפן טייך, כדי אומגליקלעכע אידישע נע־ונד׳ניקעס זאָלן קאָנען אַריבער־גיין דעם טייך, הגם אָפיציעל איז שוין דאָס אַריבערגיין די גרעניץ געווען פאַרבאָטן״ („טאָג״, פעב׳ 7, 1941).

זאָל קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון אייער זכרון אָט די בריק פון מענטשן־ליבע, וועלכע די רויטע אַרמיי האָט געלייגט איבער דעם טיפן טייך פון בלוט און טרערן און צער צו ראַטעווען די אומגליקלעכע אידישע נע־ונד׳ניקעס...

געדענקט אויך, ווייל מען טאָר עס ניט פאַרגעסן, אַז די סאָוועט־רעגירונג האָט איצט קאָנצענטרירט אַ מיליאָן אידישע פליכטלינגען אין אוזבעקיסטאַן, וואו מען אָרדנט זיי איין מיט אַלעם נויטיגן און מעגלעכן.

און לאָמיר פאַרענדיגן מיט די ווערטער, וואָס דוד בערגעלסאָן פאַר־ענדיגט זיין בראָשור:

געדענקט דאָס אַלץ און פאַרשפּעטיגט ניט, יעדער ביי זיך אין זיין לאַנד, צו העלפן פירן דעם קאַמף, וואָס איז דער קאַמף פאַר באַפרייען פון די היטלערישע באַנדיטן די גאַנצע וועלט!

על נהרות... דאָן

ניט מיט סאָכעס איז אונזער וואוילע ערדעלע צעאַקערט—
מיט פערדישע קאָפּיטעס איז אונזער ערדעלע צעאַקערט.
און מיט קאָזאַקישע קעפּ איז דאָס וואוילע ערדעלע פאַרזייט.
מיט יונגע אַלמנות איז פאַרפּוצט אונזער שטילער דאָן.
מיט יונגע יתומים צעבליט איז אונזער פאָטערל שטילער דאָן.
מיט פאָטערלעכע, מוטערלעכע טרערן אָנגעפילט איז די כוואַליע
אין שטילן דאָן.

אזוי זינגט זיך אין אַ קאָזאַקישן פאָלקס־ליד, אין דעם קאָזאַקישן „על נהרות... דאָן", ווי אין דעם אידישן על נהרות בבל... דער „שטילער דאָן" איז, ווי איר זעט, זייער זעלטן געווען שטיל, — אפשר די קורצע צייט אונטער דער סאָוועטן־מאַכט ביז דער איצטיגער מלחמה.

און איצט איז דער דאָן דער רוישיגסטער, קאָכנדיגסטער, ברויזנדיגסטער, שטורמישסטער, בלוטיגסטער טייך אין דער וועלט, דער מעגלעכער גרעניץ צווישן לעבן און טויט, ליכט און פינצטערניש, האָפענונג און שרעק ניט נאָר פאַר'ן סאָוועטישן פאָלק, נאָר אויך פאַר'ן אידישן, אַמעריקאַנער, ענגלישן, פאַר אַלע פעלקער, פאַר דער גאַנצער מענטשהייט.

די גרעסטע שלאַכטן אין דער געשיכטע ווערן איצט געפאָכטן אויפ'ן טייך דאָן. אין זיי באַטייליגן זיך טויזנטער טאַנקען, הארמאַטן און עראָפּלאַנען, הונדערטער טויזנטער טרופּן. די ערד ביים דאָן איז צעאַקערט ניט נאָר מיט פערדישע קאָפּיטעס, נאָר אויך מיט טאַנקען, לופט־באָמבעס און קאַנאָנען. די ערד ביים דאָן איז פאַרזייט ניט נאָר מיט קאָזאַקישע קעפּ, נאָר אויך מיט קעפּ פון אידישע רויט־אַרמייער, ווי פון אַלע אַנדערע סאָוועטישע פעלקער. און מיט יונגע אַלמנות — אויך אידישע — איז ער פאַרפּוצט, מיט יונגע יתומים — אויך אידישע — איז ער צעבליט, מיט טרערן פון פאָטערס, מוטערס — אויך אידישע — זיינען אָנגעפילט די כוואַליעס, ניט נאָר אין דאָן, נאָר אויך אין וואָלגע, דניעפּער, דניעסטער, ניעמאַן, וויכסל, סעין, עלבע, און אין די טייכן פון אַלע אָקס־פאַרנומענע לענדער.

„על נהרות"... דאָן. דער דאָן איז אויך אונזער טייך — ער איז געהייליגט געוואָרן דורכ'ן בלוט אויך פון אידישע רויט־אַרמייער. ער איז אויך אונזער בראָך, אונזער נייער אידישער „על נהרות".

„טויט שפּרייזט איבער אונזער לאַנד" — האָט דוד בערגעלסאָן אויסגערופן אויפ'ן צווייטן אידישן אַנטי־פאַשיסטישן ראַדיאָ־מיטינג אין מאָסקווע — „מיר זיינען ביז'ן איבער'ן האַלז אין דעם ים פון נאַצי־ברוטאַליטעט, וואָס באַדראָט די גאַנצע וועלט. אונזער שיקזאַל איז אייער שיקזאַל. דאָס גאַנצע אידישע פאָלק שטייט איצט פּנים אל פּנים מיט דער געפאַר אָפּגעווישט צו ווערן פון דער ערד. וועלן מיר אויסשטרעקן אונזערע העלזער צו היטלער'ן? וועלן מיר דען ניט גיין צוזאַמען מיט אַנדערע פעלקער און שאַפן אַ מורא'דיגן כח, וואָס זאָל צעשמעטערן דעם פאַשיסטישן

מאַנסטער און נעמען נקמה פאַר אונזער בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן?"

אונזער שיקזאַל איז אייער שיקזאַל. וועלן מיר אויסשטרעקן אונזערע העלזער צו היטלער'ן? האָט געפרעגט דוד בערגעלסאָן. דער שיקזאַל פון דאָן איז אויך דער שיקזאַל פון האַדסאָן — דאָס פאַרשטייען נאָך ניט ווי געהעריג די אידן פון אַמעריקע. זיי האָבן דערווייל נאָך ניט געענטפערט ווי געהעריג אויף בערגעלסאָנ'ס פראַגע.

מיט אַ שטיקל צייט צוריק איז פאַרצייכנט געוואָרן אין דער „מאָרגן-פרייהייט", אַז דעם 24טן אויגוסט איז געוואָרן אַ יאָר זינט די אידישע שרייבער, קינסטלער, געלערנטע, רויט-אַרמייער און קאָמאַנדירן פון סאָוועטן-פאַרבאַנד האָבן זיך פאַרזאַמלט אין מאָסקווע און אַרויסגעשיקט דורך ראַדיאָ דעם היסטאָרישן רוף „צו די אידישע ברידער פון דער גאַנצער וועלט". זיי האָבן גערופן צו אידישער איינהייט אין קאַמף געגן דעם גרעסטן שונא פון די אידן און פון דער מענטשהייט.

אגב, איז אין דעם זעלביגן חודש, נאָר מיט 24 יאָר צוריק, דעם 9טן אויגוסט, 1918, אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ דעקרעט פון דעם פאָלקס-קאָמיסאַרן-ראַט, אונטער לענינ'ס פירערשאַפט, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט פּראָקלאַמירט אַלס אַ געזעץ פון דעם סאָוועטישן לאַנד:

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז אַ ברודער!"

שאַרף און קלאָר. קיין „קראָמיע יעוורעיעוו" קאָן שוין מער ניט גילטן, קאָן שוין מער ניט אַריינגעטייטשט ווערן, צוגעשטעלט ווערן.

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז אַ ברודער!"

מיט נאָר אַ חבר און אַ פריינט, נאָר אַ לייבלעכער קרוב, אַ בלוט-פאַרוואַנדטער, בלוט פון אונזער בלוט, פלייש פון אונזער פלייש, אונזער ברודער.

און באַזונדערס אין אויגוסט 1942 האָבן אַלע אידן געדאַרפט פייערן און אָפּצייכענען דעם יובילי פון דעם היסטאָרישן געבאָט, וואָס איז אַזוי געטריי אָפּגעהיט געוואָרן, אַזוי פולקאָם פאַרווירקלעכט געוואָרן אין דעם לאַנד פון דער רויטער אַרמיי.

און אויב דער אידישער אַרבעטער איז דער ברודער פון דעם רוסישן אַרבעטער, איז דער רוסישער אַרבעטער אויך דער ברודער פון דעם אידישן אַרבעטער. און אויב מיר אַליין קאָנען ניט וואַרפן די אַנטי-טאַנק באָמבע אָדער פירן דעם טאַנק געגן דעם נאַציזם, אַקסיש מאַנסטער, קאָנען מיר, מוזן מיר באַזאָרגן מיט געווער ניט נאָר די אַרמייען פון די פאַראייניגטע מלוכות, נאָר באַזונדערס אונזערע רוסישע און אידישע ברידער אין דער העלדישער רויטער אַרמיי. אַט-דאָס וואָלט געווען די בעסטע יובילי-פייערונג, דער בעסטער ענטפער אויף בערגעלסאָנ'ס פראַגע.

מיר קאָנען און מוזן העלפן פאַרווירקלעכן דעם לאָזונג פון צווייטן אידישן אַנטי-פאַשיסטישן ראַדיאָ-מיטינג אין מאָסקווע, אין חודש מאַי פון היינטיגן יאָר, אַז די אידן פון דער גאַנצער וועלט זאָלן שאַפן פאַר דער רויטער אַרמיי 1,000 טאַנקען און 500 עראָפּלאַנען אויף די נעמען פון בר-כוכבא, יהודה הלוי, שפינאָזאַ, הירש לעקערט, שלום-עליכם, מענדעלע, י. ל. פּרץ, ווינטשעווסקי, א. אַז. וו. די סאָוועטישע אידן האָבן גערופן די אידן פון דער גאַרער וועלט: צום געווער געגן שונא! פּראָטעסטן זיינען ניט גענוג. סימפּאַטיעס זיינען ניט גענוג. קרעכצן, קללות און טרערן דאַרף מען פאַרוואַנדלען אין שטאָל, אין געווער, אין אידישע טאַנקען און עראָפּלאַנען אויפ'ן סאָוועטישן פראָנט.

אונזערע ביישטייערונגען מוזן זיין די גרעסטע, אזוי גרויס ווי ס'איז אונזער געפאר, ווי ס'איז גרויס די נויט פאר טאנקען און עראפלאנען, ווי ס'איז גרויס דער ביטראג פון די סאוועטישע אידן, ווי ס'איז די העלדיש־קייט פון דער רויטער ארמיי — די ארמיי פון אונזערע ברידער און שוועס־טער. יא, אויך אונזערע פרויען און שוועסטער מוזן מאכן די גרעסטע ביישטייערונגען.

ס'איז, דוכט מיר, פארזען און פארגעסן געווארן דער אפיל פון דער באוואוסטער סאוועטישער אידישער פאעטעסע חנה לעווין צו די אידישע פרויען פון דער גארער וועלט, וואס האט, ווייזט מיר אויס, געקאנט רירן א שטיין. חנה לעווין האט זיי גערופן נאכצופאלגן דעם ביישפיל פון די העלדישע אידישע פרויען אין די אלטע צייטן און אוועקגעבן זייער צירונג און דאס געלט אויף נייע קליידער פאר דעם פראקלאמירטן קאמפעין צו שאפן טויזנט טאנקען און 500 עראפלאנען פאר דער רויטער ארמיי. זי האט געזאגט אין איר רוף:

„האבן מיר א רעכט זיך צו פוצן אין יום־טוב'דיגע קליידער און אין צירונג, ווען אונזערע טעכטער ווערן ביי די צעפ געשלעפט אין שאנד־הייזער, און געפייניגטע און געקריפלטע קערפערס ווערן איבערגעלאזט אפגעדעקט אין די גאסן אויף שפאט און געלעכטער? ניין, מיר ווילן העלפן אונזערע קינדער! מיר קאנען דאס טאן און מיר וועלן דאס טאן.

„די העלדישע רויטע ארמיי דערלאנגט טויטלעכע קלאפ דעם שונא. לאמיר העלפן אונזערע באפרייער, די רויט־ארמייער. לאמיר אויסטאן אונזער צירונג, לאמיר אפגעבן דאס לעצטע צו שאפן פאר דער רויטער ארמיי 1,000 טאנקען און 500 באמבערס צו פארניכטן דעם שונא".

אזוי דארף זיין אונזער ענטפער. דערווייל ווארטן נאך די סאוועטישע אידן אויף דעם געהעריגן ענטפער. ס'האבן זיך אמת אפגערופן די אידן פון ענגלאנד, פאלעסטינע, קובא, ארגענטינע, אורוגוואי און אנדערע קלענערע אידישע ישובים. אבער גראד פון אמעריקא איז נאך ניט געקומען דער נויטיגער אפרוף. בלויז געוויסע ארגאניזאציעס, ווי דער אינטערנאציאנאלער ארבעטער־ארדן, דער „איקאר", דער מוזיק־פארבאנד, „איקוף", און עטלעכע לאנדסמאנשאפטן, יוניאנס און ארגאניזאציעס האבן זיך א נעם גע־טאן פאר דער היילעגער היסטארישער ארבעט. אבער פארוואס הערט מען נאך כמעט גארניט קאנקרעטעס פון דעם ארבעטער־רינג־ פון אידישן ארבעטער־קאמיטעט, פון די גרויסע יוניאנס, פון נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד, לאנדסמאנשאפטן, א. אז. וו.?

צי קאן טאקע געמאלט זיין, אז די מיטגלידער און פירער פון די ארגא־ניזאציעס זאלן זיך לאזן טעראריזירן פון די רעד־בעיטערס און שונאים פון סאוועטן־פארבאנד, ווען אלץ שטייט אין קאן און דער חלק ליגט שוין ממש אויפ'ן האלז? צי קאן טאקע געמאלט זיין, אז די מיטגלידער פון ארבעטער־רינג זאלן טאקע אננעמען דעם ווילדן, וויסטן, שענדלעכן בלוט־בלבול פון א כאנין, אז די באלשעוויקעס און קאמוניסטן „האבן דערצויגן א דור פון מערדער" אין סאוועטן־פארבאנד?

מיט א קורצער צייט צוריק האב איך געלייענט אין „מארגן זשורנאל" א רעצענזיע וועגן נייעם בוך „וועלט אין פלאמען" פון י. וויינגארטן, אן אנ־געזעענער אידישער פעדאגאג פון פוילן, וואס האט דורכגעמאכט די נאצי־באמבארדירונג פון ווארשע, זיך שפעטער דערקליבן צו דער סאוועטישער ביאליסטאק און געפינט זיך איצט אין קאנאדע. איך האב דאס בוך אליין נאך ניט געקראגן. אבער אין דער רעצענזיע (פון דר. א. מוקדוני) ווערן

צווישן אנדערע אויך געבראכט די פאלגנדיגע אויסצוגן פון דעם בוך וועגן דעם נייעם סאוועטישן דור און וועגן דער רויטער ארמיי:

„דער רויטער ארמייער האט גארניט אין זיך פון דעם אמאליגן צארישן סאלדאט... די רויטע ארמיי איז דער העכסטער (אפשר דער איינציגער) פראבירשטיין פון דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, וואס קאן פאזיטיוו באווייזן, אז זי האט דערצויגן אן ערלעכן און אינטעליגענטן דור. ...און קיינמאל האב איך אזוי ניט געגלויבט אין כח פון דערציאונג ווי פון דעם מאמענט, ווען איך האב דערזען אט־דעם נייעם רוסישן בירגער... ...דער איינציגער נס, דער אומגעהויערער וואונדער פון באלשעוויזם, איז דער פיינער גייסט, דער הויכער מאראלישער ניוואָ און דער אידעאליזם פון דער רוסישער יוגנט און פון דער רויטער ארמיי".

מיט איין ווארט — די באלשעוויקעס האבן דערצויגן אן ערלעכן און אינטעליגענטן דור און די יוגנט און די רויט־ארמייער זיינען דורכגעדרונגען מיט אידעאליזם און מיט א הויכער מאראל, א. אז. וו. אזוי באשטעטיגט אויך י. וויינגארטן, וואס איז געווען, דארפט איר וויסן, „א פארביסענער געגנער און פיינט פון דעם קאמוניסטישן רעזשים". אבער נאכ'ן באקענען זיך אין ביאליסטאק מיט'ן נייעם סאוועטישן דור און מענטשן, איז ער געווען ערלעך צו קומען און דערציילן דער גאנצער וועלט וועגן זיין שרעקלעכן טעות.

נאכאמאל: ווי לאנג וועלן נאך די סאוועטישע אידן דארפן ווארטן אויף אייער ענטפער, מיטגלידער פון ארבעטער־רינג, ווי פון אלע אנדערע אידישע ארגאניזאציעס? ענטפערט באלד! עס קאן נאך, חס ושלום, ווערן צו שפעט. לאמיר שטענדיג האבן פאר די אויגן די ווערטער פון איליא ערענבורג:

„זאל יעדער איינער טאן אלץ וואס ער קאן. אין גיכן וועט מען אים שטעלן די פראגע: וואס האסטו געטאן? ער וועט דארפן ענטפערן פאר די לעבעדיגע, ער וועט דארפן ענטפערן פאר די טויטע, ער וועט דארפן ענטפערן פאר זיך אליין".

דער סוד פון סטאלינגראד

„איך קאן פאר'סך'הכל'ען רוסלאנד אין איין ווארט. עס וועט מיינען העלדישקייט, די העכסטע מסירת־נפש, געטריישאפט, די בראווסטע אייגנשאפטן, וואס א מענטש קאן באזיצן. דאס ווארט איז — ס ט א ל י נ ג ר א ד".

דאס האט געזאגט אין זיין סט. לואיס רעדע דער אמעריקאנער גענעראל־לייטענאנט ב. ב. סאמערוויל.

דער „רעטער פון מאסקווע", גענעראל ראקאסאווסקי, האט אין אן אינטערוויו מיט אויסלענדישע צייטונגס־לייט אנומלט דערקלערט, אז דער מסירת־נפש גייסט און העלדנמוט פון דער רויטער ארמיי און פון דער סאוועטישער באפעלקערונג האט פאראיארן מער פון אלץ געראטעוועט די סאוועטישע הויפט־שטאט, ווי דאס האט געראטעוועט לענינגראד און אנדערע שטעט.

מיר לייענען אלע טאג וועגן די העלדישקייטן פון די רויטע ארמייער, פארטיזאנען, אלטע לייט און קינדער און פרויען פון לענינגראד, מאסקווע, סטאלינגראד, נאווראסיסק, ארדזשאניקידזע. די גאנצע וועלט איז פאר־

גאַפּט, איבערראַשט, אַנטציקט, פאַריטשמעליעט, פאַרוואונדערט. רוזוועלט, טשוירטשיל, ביווערברוק, קריפּס, העריטאַן, מעקאַרטור ריידן מיט אַנטציקונג וועגן העלדישן סאָוועטישן ווידערשטאַנד און אַנגריף.

אָבער פון וואַנען האָט זיך גענומען אָט־דער מסירת־נפש גייסט און העלדנמוט? ס'איז ניט קיין צופאַל, ס'איז ניט געקומען פון דער העלער הויט. די קאַמפן פאַר מאָסקווע, לענינגראַד, סעוואַסטאָפּאָל, סטאַלינגראַד, א. אַז. וו. זיינען בלויז געווען די אַקושאָרן, וועלכע האָבן געהאָלפן געבוירן אָט־דעם גייסט און מוט. ער איז שוין געווען אין זיי אַ לאַנגע צייט, ער האָט זיך געשאַפן דורך זייער גאַנצער פריערדיגער דערציאונג, דורך זייער גאַנצער פריערדיגער לעבנס־דערפאַרונג אין דער סאָוועטישער אָרדנונג אַלס סאָוועטישע מענטשן.

די בעסטע דערקלערונג וועגן דעם „נס" אָדער סוד פון סטאַלינגראַד, וועגן דעם קוואַל, באַטייט און כאַראַקטער פון דער סאָוועטישער העלדישקייט האָט געגעבן פּראָפעסאָר אָטאָ שמידט, דער פירער פון די העלדישע „טשעליוס־קינצעס", וועלכע האָבן זיך אויפגעהאַלטן איבער 100 טעג אויף אַן אייז־קריע אין דעם אַרקטיק, נאָכדעם ווי זייער שיף איז פון די אייז־קריעס צעדריקט געוואָרן און געזונקען. אין זיין רעדע אויף דעם צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטישע שרייבער אין 1934 האָט ער דערקלערט, אַז אויף דער „טשעליוסקין" (נאָמען פון זייער שיף), און שפּעטער אויפ'ן אייז, האָט דער שיקזאַל געמאַכט ער זאָל האָבן גענוג צייט צו טראַכטן אויף פאַרשיידענע טעמעס. באַזונדערס האָט ער זיך באַמיט צו מאַכן אַ צאָל אויספירן פון יענע באַאָבאַכטונגען וועגן סאָוועטישע מענטשן, וועלכע מען קאָן מאַכן אין אַזאַ אייגנאַרטיגער אומגעבונג.

שמידט האָט געזאָגט:

„... מיר, די אַנטיילנעמער פון דער עקספּעדיציע אויף דער „טשעליוסקין", האָבן געהאַט דעם זעלטענעם גליק צו פילן אויף זיך, ווען מיר זיינען צוריקגעקומען, די קאָנצענטרירטע ליבע פון מיליאָנען מענטשן... פאַרוואָס איז עס אויסגעפאַלן אויף אונזער מזל? זיינען מיר טאַקע אַזוי מערקווירדיג? געוויס ניט. מיר — זיינען מענטשן פון זייער לאַנד, נאָר צו אונזער גליק און שטאָלץ האָבן מיר זיך אַרויסגעוויזן צו זיין ניט ערגער פון אונזער לאַנד. אויף אונזער אייגענעם ביישפּיל האָבן מיר אָפּגעשפּיגלט די דערגרייכונגען פון אונזער לאַנד און געגעבן דאָס לאַנד אַ מעגלעכקייט צו ראַטעווען אונז, די טשעליוסקינצעס, פאַרצושטעלן די העלדישע פליער און דעם גאַנצן ריזיגן פאַרנעם פון די אַרבעטן, וואָס זיינען אונטערגענומען געוואָרן פון דער פּאַרטיי און דער סאָוועט־רעגירונג... דאָס לאַנד האָט אין אונזער ביישפּיל זיך אַליין דערקענט.

„... מען קאָן נעמען די „טשעליוסקין", מען קאָן נעמען וועלכע ניט איז נייע בויאונג, וועלכן עס איז קאָלכאָז, וואָס קעמפט פאַר אַ גערעטעניש, און יעדן איינציגן פאַל קאָן מען אַזוי שאַרף שילדערן, אַז עס זאָל זיך באַקומען אַ קאָנצענטרירט בילד און געשטאַלט, אַז עס זאָלן בולט אַרויסקומען די בעסטע שטריכן, וואָס אונזער לאַנד פאַרמאָגט איצט, נאָך דער רעוואָלוציע. און דעמאָלט וועט עס פאַרזיכערן אַ ריזיגן פאַנאַנדערבלי פון ליבע, סימפּאַטיע פון אַ סך מיליאָנען לייענער פון צייטונגען, ביכער, פון אונזערע סאָוועטישע שרייבער. מען דאַרף גאָר ניט אויסטראַכטן, ווייזט זיך אַרויס. אונזער לעבן איז רייך. פאַראַן אַ סך פאַלן, ווי די „טשעליוסקין"־עפּאָפּיע. די „טשעליוסקין" איז געוואָרן דער צענטער פון אויפמערקזאַמקייט בלויז אַ דאַנק אַ רייע אייגנאַרטיגע אומשטענדן.

„...ווען איך האָב זיך צוגעקוקט, ווי עס זיינען געוואַקסן די מענטשן אויף דער אייז־קריע, — און איינפאַכע, דורכשניטלעכע סאָוועטישע בירגער האָבן זיך דאָרטן איבערדערצויגן, — איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז דער וואוקס גייט ניט פון דער אייז־קריע. די אייז־קריע, אויב איר ווילט, איז געווען בלויז דער אָקושאַר, וועלכער האָט געהאָלפן אַרויסברענגען, געבוירן דעם ענטוזיאַזם. אָט דער וואוקס איז אַריינגעלייגט געוואָרן דורך דער גאַנצער פריערדיגער דערציאונג פון די מענטשן, זייער לעבנס־דערפאַרונג, זייער פּאָליטישער דערציאונג, פון דעם וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעלערנט פון דער פּאַרטיי־אָנפירונג.

„...ס'איז דאָך ביי אונז געווען אַ געוויינטלעכער קאָלעקטיוו. די מענטשן זיינען אין אים געווען געוויינטלעכע. און אין זייער געוויינטלעכקייט ליגט אויך זייער אומגעוויינטלעכקייט, זייער ניט ענלעכקייט אויף מענטשן פון פריערדיגע ליטעראַטורן, אויף מענטשן פון אַנדערע לענדער. די מענטשן האָבן אַרויסגעבראַכט די אייגענע בעסטע שטריכן, דאָס וואָס איז וואויל־געפעלן געוואָרן אָנצורופן העלדישקייט, העראָאיזם. זיי ברענגען אַרויס די שטריכן ניט דוקא בלויז אין דעם מאָמענט, ווען עס צעפּאַלט זיך דאָס ביידל, אין וועלכן זיי האָבן געוואוינט און מען דאַרף ווי אַמשנעלסטן אויפ־בויען עפּעס נייעס אויף דער אייז־קריע. אָט דער העלדנמוט, אָט־דער קאָנ־צענטרירטער אָפּטימיזם פון די סאָוועטישע מענטשן ווייזט זיך געוויס אַרויס אומעטום. מען קאָן און מען דאַרף אים בלויז שילדערן איינפאַך, פּראָסט און פּשוט, און אויף קאָנקרעטע פאַלן און מאַטעריאַלן.

„...,טשעליוסקין' איז געווען בלויז אַ קליינער טייל פון אונזער בוי־אונג, בלויז איין אַרויסבאַווייז פון די אייגנשאַפטן, וואָס אונזער קאָלעקטיוו האָט געשאַפן. אומעטום האָבן מיר דאָס זעלביגע. מענטשן אַרבעטן אין אונזער לאַנד מיט אַ באַזונדערן ברען און געהויבענער באַגייסטערונג. דאָס ווייסן אַלע. אָט־די געהויבנקייט שטייגט כסדר, ווערט אַלץ מער באַדייטנ־דיג, איר געפינט דאָרטן מער שעפערישקייט".

„דאָס ווייסן אַלע". ווייסן דאָס טאַקע אַלע? אפשר האָבן דאָס אַלע געוואוסט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אָבער זיכער ניט אין אויסלאַנד. ווייל וואָלטן זיי טאַקע געוואוסט, וואָלטן דאָך ניט געווען אַזוי פיל גוואַלדאָוונע מיליטער־עקספּערטן און ענלעכע „נביאים", וועלכע האָבן פאַראויסגעזאָגט דעם צוזאַמענברוך פון דער רויטער אַרמיי אין סאָוועטן־לאַנד אין עטלעכע געציילטע וואָכן. ווייל וואָלטן זיי טאַקע געוואוסט, וואָלטן זיי דאָך איצט פאַרשפּאָרט צו זיין אַזוי „איבעררואַשט", „פאַרגאַפט", „פריטשמעליעט", „פאַרוואונדערט", א. אז. וו., א. אז. וו.

פּראָפעסאָר אָטאָ שמידט'ס רעדע פאַרמאָגט אויך אומגעוויינלעך־וויכטיגע מעטאָדאָלאָגישע אָנווייזונגען פאַר בעלעטריסטן, זשורנאַליסטן, דראַ־מאַטורגן און אַלע אַנדערע קינסטלער, ווי אַזוי צו באַנעמען דעם ענין העל־דישקייט און באַזונדערס דעם קוואַל, באַטייט און כאַראַקטער פון דער סאָוועַ־טישער העלדישקייט, דעם מסירת־נפש גייסט און העלדנמוט פון דער רויטער אַרמיי און פון דער גאַנצער סאָוועטישער באַפעלקערונג.

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז א ברודער"

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז א ברודער!"

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט איז אין 1918 דערהערט געוואָרן דאָס נייע געבאָט:

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז א ברודער!"

אַכט טעג נאָכדעם ווי די סאָוועטן זיינען געקומען צו דער מאַכט האָבן לענין און סטאַלין אונטערגעשריבן די דעקלאַראַציע וועגן דער גלייכהייט פון פעלקער און פאַרדאַמט נאַציאָנאַלע פאָראורטיילן. ס'האָט זיך אָבער אָנגעהויבן די אינטערווענציע און, ווי איצט דער פאַשיזם, האָט אויך די דעמאָלטיגע קאָנטר־רעוואָלוציע זיך באַנוצט מיט'ן סם פון אַנטיסעמיטיזם און ראַסן־שאָוויניזם.

כדי ניט דערלאָזן דעם סם זיך צו פאַרשפּרייטן, האָט דער פאָלקס־קאָמיסאַרן ראַט, אונטער לענינ'ס פירערשאַפט, ארויסגעגעבן א דעקרעט דעם 9טן אויגוסט, וואָס האָט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער וועלט פּראָקלאַמירט:

דער אידישער אַרבעטער איז אונז א ברודער!"

דער סאָוועטישער דעקרעט וועגן אידן פון אויגוסט 1918 האָט נאָך צוגעגעבן, אַז „יעדער סאָרט האַס געגן וועלכן עס איז פאָלק איז אומדערלאָזבאַר און שעדלעך" און גערופן „די האַרעפּאַשניקעס פון דער סאָציאַליסטישער רוסלאַנד צו באַקעמפן דעם איבל (פון אַנטיסעמיטיזם) מיט אַלע מיטלען אין זייער רשות".

די סאָוועטישע קאָנסטיטוציע, וואָס שרייבט פאָר „גלייכע רעכט פאַר די בירגער פון ס. ס. ס. ר., אָפּגעזען פון זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע", דערקלערט אויך אויסדריקלעך, אַז „וועלכע עס איז פּראָפּאַגאַנדע פון ראַסאָווער אָדער נאַציאָנאַלער אויסנאַמלעכקייט אָדער האַס און פאַראַכטונג, זאָל באַשטראָפט ווערן דורכ'ן געזעץ" (פּונקט 123). אַנטיסעמיטישע טעטיגקייט איז באַטראַכט געוואָרן פאַר א קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן פאַרברעכן און איז שווער באַשטראָפט געוואָרן.

די „טורמע פון פעלקער" איז געוואָרן א „ברודערשאַפט פון פעלקער". דאָס אידישע פאָלק איז געוואָרן א גלייכער מיטגליד אין דער פעלקער־ברודערשאַפט פון דעם גרויסע סאָוועטן־פאַרבאַנד.

„דער אידישער אַרבעטער איז אונז א ברודער!"

זיינען ניט די אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און די שאַפונג פון אן אויטאָנאָמער אידישער טעריטאָריע אין ביראָ־בידזשאַן געווען דער שענסטער אויסדרוק און פאַרווירקלעכונג פון דעם געבאָט פון אויגוסט 1918, פון דער לענין־סטאַלינישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק? ס'איז גענוג צו פאַרצייכענען אַזאַ פאַקט, אַז העכער 150 אידישע שטאָט און דאָרף־סאָוועטן האָבן געפירט אַלע זייערע מלוכה־געשעפטן אין דער אידישער שפּראַך.

יאָ, אידן האָבן דאָך געהאַט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אפילו אייגענע פאָלקס־געריכטן אין דער אידישער שפּראַך.

און אַז מיר האַלטן שוין ביי יובילייען, האָבן מיר אין חודש יולי גע־דאַרפט פייערן נאָך אַ היסטאָרישע יובילײ־דאַטע. דעם 5טן יולי, 1924, האָט אין בערדיטשעוו אָנגעהויבן אַרבעטן דער ערשטער אידישער פאָלקס־געריכט. דאָס איז אַ רומפולע דאַטע אין דער געשיכטע פון פאַרקערפּערן די לעניניסטישע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק אויף איינעם פון די סאַמע וויכטיגסטע געביטן פון דעם פּאָליטיש־עקאָנאָמישן לעבן—רעוואָלוציאָנערע געזעצלעכקייט.

מיר איז גענויער באַקאַנט די אַרבעט פון קיעווער אידישן פאָלקס־גע־ריכט, וואו כ׳בין פּערזענלעך אפילו געווען אַ בייזיצער און באָאַבאַכטער. דער געריכט האָט זיך דערוואָרבן אַ גרויסן אויטאָריטעט ביי דער באַפעל־קערונג: זיין אַרבעט איז פּאָפּולאַריזירט געוואָרן דורך אַרויספאָר־סעסיעס אויף אונטערנעמונגען, דורך די בייזיצער, באַריכטן, פּאָרטראַגן.

אַ חוץ דער אַלגעמיינער געריכט־נעץ זיינען צוגעקומען נאָך אַנדערע אָרגאַנען, וואָס האָבן געפירט זייער אַרבעט אין אידיש, ווי אַ פּראָקוראָר, אויספאָרשער, מיליציע און פּאַרטיידיגער־קאָלעגיע.

דער געריכט האָט אין משך פון זיין עקזיסטענץ דורכגעפירט טויזנטער פּראָצעסן אין ציווילע און קרימינעלע אָנגעלעגנהייטן. אין דעם איינציגן קיעווער פּעטראָווקער מיליציע־ראַיאָן האָט מען פאַר פינף חדשים אין 1932 פאַרפירט 214 ענינים (קעיסעס) אין אידיש.

דאָס אַלץ באַווייזט די זיגן פון דער סאָוועטישער נאַציאָנאַלער פּאָלי־טיק אין טאַט, אין דער פּראַקטיק.

נאָר דאָס איז דאָך, אַזוי צו זאָגן, די סופּער־סטרוקטור. אָבער וואָס איז געווען מיט דער באַזע, מיט דעם עקאָנאָמישן פונדאַמענט פון אידישן פאָלק — ווי איז געגאַנגען דער פּראָדוקטיוויזיר־פּראָצעס, דאָס געזונט־מאַכן פון די אידישע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

כדי צו פאַרניכטן די פאַקטישע נאַציאָנאַלע אומגלייכהייט, כדי צו פאַר־ניכטן דעם אַנטיסעמיטיזם מיט׳ן וואָרצל, האָט מען געמוזט אויסבילדן און פאַרגרעסערן די אידישע אינדוסטריעלע אַרבעטערשאַפט — געזונט מאַכן דעם סאָציאַלן צוזאַמענשטעל פון דער אידישער באַפעלקערונג. און אָט וואָס עס זיינען געווען די רעזולטאַטן:

אינ׳ם פאַר־רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד (לויט די פאַרעפנטלעכטע ציפערן פון ל. זינגער) האָבן אידישע אינדוסטריעלע אַרבעטער און אָפּיס־אָנגעשטעל־טע באַטראָפן 14 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג; באַלמעלאָכעס האָבן באַטראָפן 18.4 פּראָצענט; אַרבעטער אין דער קוסטאַרן־אינדוסטריע — 11 פּראָצענט. 2.2 פּראָצענט זיינען געווען באַשעפטיגט אין לאַנדווירט־שאַפט. סוחרים, קרעמער און „לופט־מענטשן”, צוזאַמען מיט די אַרבעט־לאָזע, האָבן באַטראָפן 54.4 פּראָצענט, העכער אַ העלפט פון דער אידישער באַפעלקערונג.

לויט׳ן צענזוס פון 1939 זיינען שוין 71.2 פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד געווען באַשעפטיגט אַלס אינדוסטריע־לע אַרבעטער און אָפּיס־אָנגעשטעלטע; 5.8 פּראָצענט זיינען געווען באַשעפ־טיגט אַלס קאָלכאָזניקעס (קאָלעקטיווע פאַרמער); 16.1 פּראָצענט זיינען געווען מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוון און אַרטעלן; 4 פּראָצענט—באַלמע־לאָכעס און 2.9 פּראָצענט—אַנדערע באַשעפטיגונגען.

אין דער „שפּראַך פון ציפערן” ווייזט דער צענזוס פון 1939 דעם ווי־דערגעבורט פון אידישן פאָלק, דעם קאָלאָסאַלן וואוקס פון זיינע אינטעלעק־

טועלע קרעפטן. צום ביישפיל: אויף דער טעריטאָריע, וואָס עס האָט פאַר־נומען דער סאָוועטן־פאַרבאַנד ביז דער נאַצי־אַטאַקע, האָבן זיך פאַר דער רעוואָלוציע געפונען ביי 500 אַדוואָקאַטן (לאָיערס); קנאַפּע 4½ טויזנט פּערזאָנען, וואָס זיינען געווען טעטיג אויפ׳ן מעדיציניש־סאַניטאַרישן געביט.

און אין 1939 איז דאָס אידישע פאָלק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד מיט רעכט געווען שטאָלץ אויף זיינע 85 טויזנט אינזשענערן, טעכניקער און אַרכיטעקטן, צוויי טויזנט אַגראָנאָמען, זיבן טויזנט וויסנשאַפטלעכע טוער, 76 טויזנט לערער און בילדונגס־טוער, זשורנאַליסטן, ביבליאָטעקאַרן, 17 טויזנט אַקטיאָרן, קינסטלער, מוזיקער און שרייבער, 52 טויזנט מעדיצינישע טוער. און איצט—אין 1942—צענדליגער טויזנטער אידישע אָפיצערן און העלדישע קעמפער. די אידישע אינטעליגענץ, וואָס האָט דערגרייכט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד א האַלב־מיליאָניגע אַרמיי, איז אין איר איבערוועגנדיגער מערהייט באַשטאַנען פון פּערזאָנען, וועלכע האָבן זיך באַהעפט צו דער אַל־געמיינער בילדונג שוין אין די יאָרן פון פאַר דער רעוואָלוציע, ס׳איז פאַר־געקומען א פולשטענדיגע סאָציאַלע איבערשיכטונג, ס׳איז אויפגעקומען א שפּאָגל־נייַ אידיש פאָלק, אויב מ׳קאָן זיך אַזוי אויסדריקן.

די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידישע מאַסן איז אָנגעגאַנגען אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד דורכ׳ן וואוקס פון דער צאָל לוין־אַרבעטער, דורכ׳ן אריינ־ציען נייע עלעמענטן אין דער קוסטאַרעריי אָדער געווערב־קאָאָפּעראַציע און אין דער לאַנדווירטשאַפט.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך דאָ פאַרעפנטלעכן מיינע נאָך ניט געדרוק־טע געזאַמלטע מאַטעריאַלן וועגן דער פּראָלעטאַריזאַציע פון די אידישע מאַ־סען אין קיעוו, וואָס וועלן, אגב, זיין א קאָנקרעטער ביישפּיל פון דעם אַלגע־מיינעם גאַנג און וואוקס פון דער אידישער אַרבעטערשאַפט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

א ביסל ציפערן וועגן וואוקס פון דער צאָל אידישע מיטגלידער אין די קיעווער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען (יוניאָנס): אין 1926—16,680, אין 1929—25,080, אין 1931—41,367. די ציפערן באַווייזן, אַז אין פינף יאָר צייט האָט זיך די צאָל אידן־מיטגלידער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַר־איינען פאַרדרייפאַכט. פון די אַנדערע יאָרן האָב איך ניט קיין ציפערן. נאָר ס׳איז זיכער, אַז זינט דעמאָלט איז די צאָל אידן־מיטגלידער אין די פּראָפע־סיאָנעלע פאַראיינען נאָך פיל באַדייטנדיגער אויסגעוואַקסן.

צוגלייך מיט דעם וואוקס איז פאָרגעקומען א קאָלאָסאַלע ענדערונג אין דער קוואַליפיקאַציע פון די אידישע אַרבעטער, ווי צום ביישפּיל:

	1926	1929	1931
האָלץ־אַרבעטער — — — — — —	318	963	1,276
בויער — — — — — — — — —	881	1,926	3,699
דרוקער — — — — — — — —	658	1,204	1,419
לעדער־אַרבעטער — — — — — —	1,289	1,776	3,615
שניידער — — — — — — — —	355	1,353	3,320
טראַנספּאָרט־אַרבעטער — — — —	287	888	1,921

די ציפערן זיינען פון דער לייכטער אינדוסטריע. א באַזונדערס גרוי־סער וואוקס איז געווען אין דער מעטאַלורגישער אינדוסטריע. אויב אין 1926 זיינען געווען 1,214 אידישע אַרבעטער, האָבן מיר דאָרטן אין 1929 שוין געהאַט 1,804, אין 1931 — 6,,131 און אין 1932—נאָענט צו 9,000

(אין דעם חשבון איז נאָך ניט אריין די צאָל אידישע ארבעטער אין קליינע מעטאַל־אונטערנעמונגען). און זינט דעמאָלט איז די צאָל אידישע ארבע־טער אין דער מעטאַל־אינדוסטריע נאָך באַדייטנדיגער אויסגעוואַקסן.

עס איז אומגעהויער שנעל געוואַקסן די צאָל אידישע ארבעטער אין די גרעסטע זאַוואָדן פון קיעוו. צום ביישפּיל: אין זאַוואָד „בילשאָוויק" איז זייער צאָל געוואקסן פון 205 אין 1929 ביז 1,468 אין 1932. אין „לענ־קוזניע" — פון 98 אין 1929 ביז 705 אין 1932. אין לאָקאָמאָטיוון און וואַגאָנען רעמאָנט זאַוואָד — פון 67 אין 1929 ביז 730 אין 1932.

דער וואוקס איז פאָרגעקומען אויפ'ן חשבון פון אידישע קוסטארן, וואָס האָבן זיך איבערקוואַליפיצירט אָדער געענדיגט די פאַבריק־זאַוואָדישע שולן. דער וואוקס איז פאָרגעקומען א דאַנק דער אנטוויקלונג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג און דער רעקאָנסטרוקציע פון די קיעווער קליינע וואַרשטאַטן אין מעכטיגע פּראָדוציר־אונטערנעמונגען.

באַזונדערס ראַשיג איז געוועזן דער פּראָצעס פון צוציען צו פּראָדוק־טיווער ארבעט די געוועזענע אומפּראָדוקטיווע עלעמענטן (דעקלאַסירטע, קליינהענדלער) אין די שטעטלעך. דאָס איז שייך ניט נאָר צו דער קיעווער געגנט, נאָר צום גאַנצן סאָוועטן־פּארבאַנד. און דאָס איז ריכטיג ניט נאָר וועגן אידן, נאָר אויך וועגן אַלע אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

אין הינזיכט פון צוציען צו פּראָדוקטיווער ארבעט און איבערקאָכן אין סאָוועטישן קעסל די דעקלאַסירטע שטעטלדיגע אידישע באַפעלקערונג האָט אויך געשפּילט א גרויסע ראָלע די געווערב־קאָאָפּעראַציע. נאָך אין 1933 האָט די געווערב־קאָאָפּעראַציע אין קיעוו געהאַט 30,000 מיטגלידער. די גרעסטע מערהייט פון די קאָאָפּערירטע קוסטארן אין קיעוו האָט גע־שטאַמט פון די קליינע שטעטלעך. די פּראָדוקציע פון דער קיעווער געווערב־קאָאָפּעראַציע אַליין האָט אין לעצטן יאָר פון צווייטן פינפיאָר באַטראָפן די קאָלאָסאַלע סומע פון העכער צוויי ביליאָן רובל.

אין קיעווער געגנט טזיינען אויך געוועזן נאָך אין 1934 ארום פיר־צענד־ליג ביישטאָטישע אָדער ביישטעטלדיגע אידישע לאַנד־ווירטשאַפטלעכע פאַרמס (קאָלכאָזן). זיי האָבן ארומגעכאַפּט א דריי טויזנט משפּחות. פאַר די יאָרן 1925—1932 זיינען פון קיעוו גופא טויזנט משפּחות אויך אריבערגעפאָרן אויף לאַנדווירטשאַפטלעכער ארבעט אין די אידישע נאַ־ציאָנאַלע ראַיאָנען פון אוקראַינע און קרים און קיין בירא־בידזשאַן.

קורץ — די אידן זיינען אין סאָוועטן־פּארבאַנד געוואָרן א פאָלק מיט פעלקער גלייך. טאָ לאָמיר דאָס פאַרצייכענען און גדענקען, אז אויף די רומפּולע פאָנען פון דער רויטער ארמיי פלאַטערט אויך דאָס געבאָט פון אמת'ער פ א ק ט י ש ע ר פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט פאַר אידן, וואָס איז פון דער סאָוועט־רעגירונג פּראָקלאַמירט געוואָרן אין אוי־גוסט, דורך די היסטאָרישע ווערטער:

„דער אידישער ארבעטער איז אונז א ברודער!"

אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה

„...און אַז געפרעגט האָט מען ביי סראָלעק שניידער
—וואָס־זשע, סראָלעק, פאָרסט טאַקע אויף ערד צו ווערן א מאַגנאַט
דאָרט ?—
האָט ער אַרויסגענומען פונים מויל א קריידל,
אַרויפגערוקט די היטל העכער,
די הענט געטאָן א וויש
און אויסגעקריידיגט זייער גלאַטיג :
אָט האָט איר אים, דעם חשבון, אויפין טיש :
ס׳איז אומעטום פאַראַנען לעכער,
און אומעטום באַדאַרף מען לייגן לאַטעס !
און ראַז מען גיט אומזיסט הוצאות,
און ראַז דער וולאַסט האָט אונז געהאַט אין קאָפּ דאָרט,
און ראַז מ׳האָט אונז, ווי יעדן אָרעמאַן, געגעבן,—
איז פאַרוואָס
זאָל איך ניט פאָרן לייגן זיך א לאַטע
אויף מיין אייגן לעבן ?"

(„ניטגעדייגעט"—פרץ מאַרקיש).

אידן האָבן א סך מער געזונגען : „דער טאַטע ז׳געפאָרן האַנדלען" (כאָט אין דער אמת׳ן גראָד ניט „מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען") איידער „אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה". ווייל אין דער סאָכע איז געלעגן די מזל־ברכה פון די פּריצים און מעל־סוחרים, אָבער ניט דער דאָברע־מזל פון די פּויערים. דאָס לעבן פון די פּויערים איז אומעטום געווען זייער א שווערס און צוריקגעשטאַנענס. באַזונדערס שווער און „אידיאָטיש" איז געווען דאָס לעבן פון די פּויערים אונטער׳ן צאַרישן רעזשים.

ווער געדענקט עס ניט דאָס שווערע לעבן פון די פּויערים אין דער אַל־טער היים ? זיי האָבן טאַקע געזייט מיט טרערן, אָבער זייער זעלטן געשניטן מיט געזאַנג... דער פּויער, מיט זיין גאַנצער פאַמיליע פלעגט זומער אַרבעטן שווער אין פעלד פון „דעמער ביז דעמער", ווי די רוסן זאָגן, פון באַגינען ביז׳ן זון־פאַרגאַנג. און אויך ווינטער האָט ער געהאַט גענוג אַרבעט און זאָרגן. דעם בעסטן און גרעסטן חלק פון דער גערעטעניש, פון די פרוכט פון זיין האָרעוואַניע און דעם שוויים פון זיין פּנים, פלעגן אָבער צונעמען : דער פּריץ פאַר די ערד, „קאַזנאַ" פאַר „פּאָדאַטקעס" (שטייערן) און דער תבואה־שפּעקולאַנט. און דער פּויער מיט זיין פאַמיליע פלעגן פּעכניען פון הונגער. ער פלעגט ניט קענען זיך פאַרגינען צו טראָגן שיך, נאָר זיך שלעפּן אין לאַפּטיעס, שיכור׳ן פאַר צרות, שלאָגן דאָס ווייב און די קינדער, זיין פול מיט רעליגיעזע אַבערגלויבנס, א. אַז. וו.

איז געקומען די רעוואָלוציע, איז געקומען די סאָוועטן־מאַכט און גע־מאַכט דערצו א סוף.

מ'האָט איינגעפירט קאָלעקטיוויזאַציע. טראַקטאָרס, קאָמבאַינען, עלעקטרע, דאָרף שולן, אַגראָנאָם־שולן, לאַנדווירטשאַפטלעכע אוניווערזיטעטן. און ס'איז פאַרשוואונדן דער אַמאָליגער צוריקגעשטאַנענער, הכנעה'דיגער פויער, דער „מוזשיק״. אויף זיין אָרט איז אויפגעקומען דער קאָלכאָזניק, דערקאָלעקטיווער פאַרמער, דער סאָוועטישער אַגריקולטור־אַרבעטער. דער נייער סאָוועטישער פויער איז שוין גאָר אַן אַנדער סאָרט מענטש. ער וואַקסט קולטורעל און שטאָלצירט מיט זיין אַרבעט. ער איז פול מיט'ן באַוואוסטזיין פון דער אייגענער ווערדע פון א פולווערטיגן בירגער פון לאַנד.

און ס'איז פאָרגעקומען א רעוואָלוציע אויך אין אידישן לעבן. צום יאָר 1932, ווען איך בין געקומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן שוין אַרום 350 טויזנט אידן זיך באַשעפטיגט מיט ערד־אַרבעט. הונדערטער אידישע קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן זיינען געשאַפן געוואָרן אין אוקראַינע, קרים און וויסרוסלאַנד. פינף אידישע נאַציאָנאַלע ראַיאָנען און בירא־בידזשאַן.

מיין הויפט־באַקאַנטשאַפט מיט'ן סאָוועטישן דאָרף איז אָבער פאָרגעקומען אין זומער פון 1933. דריי וואָכן געאַרבעט אין א סאָווכאָז מיט די אָרטיגע פויערים ביי צוקער־בוריקעס און ביים אַראָפנעמען תבואה. דאָס איז געווען נאָכ'ן שווערן הונגער־יאָר פון 1932 אויף אוקראַינע. אין א סך אַנשטאַלטן האָבן זיך פרייוויליג מאָביליזירט א צאָל פון זייערע מיטגלידער צו העלפן אַראָפנעמען די אומגעוויינלעך־גרויסע גערעטעניש פון 1933. די נאַטור האָט ווי געוואָלט פאַרגיטיגן און אָפצאָלן פאַר דער טריקעניש פון דעם פאַרגאַנגענעם יאָר. עס האָבן אויסגעפעלט הענט אויפ'ן דאָרף און די שטאָט איז געקומען אים צו הילף, נעמען אויפ'ן בוקסיר, ווי מען זאָגט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

דאָס איז אויסגעפאַלן ווי געוויינלעך אין דער צייט פון די זומער־וואַקאַציעס. א סך זיינען דעריבער גערן געפאָרן צו טאָן די וויכטיגע אַרבעט. כ'האָב דעמאָלט געאַרבעט אין קיעווער אינסטיטוט פאַר אידישער קולטור. האָבן זיך דאָרטן פרייוויליג מאָביליזירט פאַר דער אַרבעט אין דאָרף ניט נאָר א סך פון דעם טעכנישן פערסאָנאַל און פון די אַספיראַנטן, נאָר אפילו א צאָל פראָפעסאָרן און וויסנשאַפטלעכע טוער. צווישן זיי זיינען געווען יאַשאַ רעזניק, ש. בילאָוו, בערעגאָווסקי, אסתר שניידערמאַן, לויצקער, מאַידאַנסקי, א. אַ. דאָס זעלבע האָט פאַסירט אין אַלע אַנדערע 30 וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוטן פון דער אַלאוקראַינישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע.

פון קיעוו זיינען מיר אָפגעפאָרן צוזאַמען מיט הונדערטער אַנדערע מענער און פרויען וואָלונטירן פון דער גאַנצער אַקאַדעמיע אין א ספעציעלן צוג קיין סאַגאַרליק, א קליין שטעטל אין קיעווער גובערניע. פון דאָרטן זיינען מיר צוגעפאָרן נאָך א צענדליג מייל מיט אויטאָמאָבילן צו א ריזיגן סאָווכאָז (מלוכה־פאַרם) מיט גרויסע פלאַנטאַציעס פון צוקער־בוריקעס און גאָלדענע תבואה־פעלדער פון קאָרן און ווייץ.

שפייז צום עסן איז געווען גענוג, כאָטש דער אַפעטיט פון דער שווערער אַרבעט אין פעלד איז געווען ממש קאָלאָסאַל. די שלאָף־צימערן זיינען אָבער געווען פרימיטיוו איינגעאָרדנט און ווייט פון באַקוועם. מ'איז געשלאָפן אויף דער פאָדלאָגע, איינער לעבן צווייטן. יעדערער האָט געקראָגן א שעניק אונטערצובעטן. קישעלעך און ליילעכער האָט יעדערער אַליין געבראַכט פון קיעוו. אין פעלד האָט מען געאַרבעט בלויז 8 שעה א טאָג. די אַרבעט האָט דאָך געמאַכט אַזוי מיד, אַז מ'פלעגט שלאָפן ווי גע'הרג'עטע אפילו אויף די ניט־באַקוועמע נאַכטלעגערס.

די פֿעלד־אַרבעט איז געפֿאַלן שווער, אוי, ווי שווער. באַזונדערס אויף מיר, ווי אויף אַ צאָל אַנדערע, וועלכע האָבן דאָס קיינמאָל פֿריער ניט געטאָן. עס האָבן מיר וויי געטאָן אַלע גלידער. נאָך דער אַרבעט האָב איך קוים געקענט באַוועגן מיינע הענט און פֿיס. אָבער גאָר אַ סך שטאַרקייט האָט צוגעגעבן דאָס געפֿיל, אַז דו טוסט פֿיזישעס, עפּעס ממשות'דיגעס צו העלפֿן דעם לאַנד. ס'איז אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען, טאַקע בוכשטעבלעך אַקסל צו אַקסל, מיט אוקראַינער, ווייסרוסן, פּאָליאַקן, רוסן און מענטשן פֿון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. און אויך פֿון דעם פֿאַקט האָט מען געשעפּט באַגייסטערונג. איר האָט נאָך געזען, אַז אַזעלכע עלטערע חברים און אינ־טעלעקטואַלן, ווי רעזניק, בילאָוו, בערעגאָווסקי, און באַוואוסטע פּראָפֿעסאָרן און וויסנשאַפֿטלעכע טוער פֿון אַנדערע אינסטיטוטן טוען גלייך מיט אַלעמען און אָפֿט נאָך בעסער און שנעלער פֿון די אינגערע חברים די פֿיזיש־שווערע פֿעלד־אַרבעט. און אויך דאָס איז געווען אַ גרויסער קוואַל פֿון דערמוטיגונג און אינספּיראַציע.

ס'האָט געהערשט די גרעסטע סאָלידאַריטעט צווישן די מיטגלידער פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער וואָלונטיר־בריגאַדע. זי איז אָנגעפֿירט געוואָרן פֿון אַ דערוויילטן קאָמיטעט. ס'איז דאָרטן אויך געווען אַ מיטגליד פֿון אידישן אינסטיטוט. דער קאָמיטעט האָט געזאָרגט ניט נאָר פֿאַר אונזערע מאַטעריעלע באַדערפֿענישן, נאָר אויך פֿאַר די קולטורעלע. עס זיינען אָפּגע־האַלטן געוואָרן רעגולערע מיטינגען און לעקציעס. מ'האָט פֿאַרהאַנדלט פּאָליטישע טאָג־פֿראַגן, אָבער הויפּטזעכלעך אין פֿאַרבינדונג מיט דער לאַנד־ווירטשאַפֿט. ס'איז געווען אַ גלענצנדע געלעגנהייט צו שטודירן פּראַקטיש, פֿון דער ערשטער האַנט, די פּראָבלעמען פֿון דער סאָוועטישער לאַנדווירט־שאַפֿט און די נייע סאָוועטישע פּויערים.

פֿאַר דער צייט פֿון מיין זיין אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז מיר נאָך אויס־געקומען צו באַזוכן איינצלנע קאָלכאָזן, אַריינגערעכנט אידישע, ווי דעם קאָ־גאַנאָוויטש קאָלכאָז לעבן קיעוו, צוזאַמען מיט י. אַ. ראָנטש'ן און איציק פֿעפֿער'ן. געווען אָפֿט אין דאָרף קיטאַיעוואָ, עטלעכע מייל פֿון קיעוו, וואו עס האָט זיך געפֿונען אַ פֿרוכט און יאַגדעס־אינסטיטוט, אַן אָפּטיילונג פֿון דעם אַלפֿאַרבאַנדישן וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשערישן לאַנדווירטשאַפֿטלעכן אינ־סטיטוט. מיינע גוטע באַקאַנטע, דער אידישער אַגראָנאָם און פֿרוכט עקס־פּערט אַ. מאַרגאָלין מיט זיין פֿרוי, האָבן דאָרטן געאַרבעט אויף פֿאַרשיידענע עקספּערימענטן מיט פֿרוכט און יאַגדעס. האָב אויך באַזוכט אַ באַרימטן באָטאַנישן גאָרטן (זעליאָני מיס), באַמבו־וועלדער, טיי־פּלאַנטאַציעס (טשאַ־קווא), אָראַנזשן, לימענעס, באַנאַנעס־פּלאַנטאַציעס — זיי געפֿינען זיך אַלע אויף קאַווקאַז לעבן באַטום.

אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָב איך זיך שטאַרק אינטערעסירט, פֿאַרשטייט זיך, מיט'ן וואוקס פֿון דער אידישער קאָלאָניזאַציע און ערד־איינאָרדענונג אַרבעט. צום ערשטן מאָל, געדענק איך, האָב איך געהערט אויף דער „טשיסטקע" אין דער קיעווער אַקאַדעמיע, ווי אידן האָבן אויף דער פֿראַגע וועגן זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג געענטפֿערט—פּויערים. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיגן איינדרוק. אידישע פּויערים, געבוירענע פּויערים! פֿאַר מיר האָט עס נאָך געקלונגען זייער אויסטערליש און עקזאָטיש. שפּעטער האָב איך אויסגעפֿונען, אַז אַ סך פֿון די אידישע פּויערשע זין און טעכטער האָבן פֿאַרנומען די אָנגעזעענסטע פּלעצער אין די וויסנשאַפֿטלעך־פֿאָרשע־רישע אינסטיטוטן פֿון דער אַקאַדעמיע, אין דער סאָוועטישער וויסנשאַפֿט.

מיט גאָר אַ סך קינדער פון אידישע פּויערים האָב איך זיך געטראָפן און פאַרבראַכט אין אָדעס. הונדערטער פון זיי האָבן זיך געפונען אין דעם „יעווראַבמאָל" (אַ פאַך־שול, וואו מ'האָט געלערנט פאַרשיידענע מלאכות), אין דעם אידישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט (דאָרטן ארויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אינאיינעם מיט קלמן מרמר'ן און אַנדערע אַלס אַ טייל פון דער פּראָגראַם פון דער ארויספאָר־סעסיע פון קיעווער אינסטיטוט), אין דער אידישער אַגראָנאָמען־שול (וואָס האָט גלייכצייטיג באַארבעט גרויסע ערד־שטרעקעס אי צוליב לערנען, אי צוליב באַזאָרגן די סטודענטן מיט שפּייז), אין די מוזיקאַלישע און אַנדערע לער־אַנשטאַלטן. אָט די אַנשטאַלטן האָבן געמאַכט אָדעס פאַר אַ ריזיגן צענטער פון צענדליגער טויזנטער פון דער שטודירנדיגער יוגנט אויך פון אַלע ארומיגע שטעט און דערפער און קאָלאָניעס.

איבערהויפּט זיינען מיר געווען געפעלן די אידישע מיידלעך. מיר זיי־נען פּויערים, קינדער פון קאָלאָניסטן און קאָלכאָזניקעס, האָבן זיי אייך דער־ציילט אָן שום מינדערוויכטיגקייט־געפילן אָדער טענער. האָבן שטאָלצירט מיט זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג ניט ווייניגער ווי די קינדער פון פאַבריק־אַרבעטער. די אידישע, ווי די ניט־אידישע, פּויערים־קינדער האָבן זיך אויסגעצייכנט אין די לער־אַנשטאַלטן ניט ווייניגער פון אַלע אַנדערע קינדער. ס'איז ניט געבליבן קיין סימן פון דעם אַזוי־גערופענעם „פּויערשן קאָפּ", פון דער טראַדיציאָנעלער פּויערשער טעמפּקייט. דערין האָב איך זיך אויך אי־בערצייגט בשעת מיינע באַגעגענישן מיט די לעבעדיגע אידישע פּויערים פון די אידישע קאָלאָניעס אין קרים אויפ'ן מאַרק אין יעווּפּאַטאָריע.

ניט נאָר האָט זיך איבערגעבויט דאָס לאַנד, נאָר אויך דער מענטש האָט געביטן זיין פעל. מיר האָבן אָבער געזען, אַז דער מענטש האָט געביטן זיין פעל און זיין זעל. געביטן ניט נאָר זיין גייסטיגע פיזיאָנאָמיע, נאָר אַפילו זיין פיזישן אויסזען. ס'האָט זיך געשאַפן אַ נייער טיפּ פון אַ איד, ווי אַ נייער טיפּ פון אַ פּויער, מיט אַ נייער פּסיכאָלאָגיע און אַ נייער פיזיאָ־לאָגיע...

אירינושקאַ און מיקאַלענקאַ

ס׳איז באַקאַנט דאָס מעשה׳לע: מען האָט געפרעגט דעם ווילנער גאון, ווי אַזוי איז ער געוואָרן אַ גאון. האָט ער געענטפערט: ו ו י ל נ אָ ר ... וועסטו זיין אַ גאון. איז דאָס טאַקע אַ גאונ׳ישער זאָג. אָבער אין דער ווירקלעכקייט האָט מען אין צאַרישן רוסלאַנד געקענט ווי שטאַרק ווען און קריגן—אַ פייג. אַמאָל האָט איר געקענט קריגן פאַר׳ן וועלן—אַ מכה... און אַמאָל—נאָך עפּעס ערגערס—טורמע, סיביר, אַ קויל, אַ תליה.

דר. היולעט דזשאָנסאָן, דער דין פון קענטערבורי, דערציילט אין זיין „סאָוועטן־לאַנד" וועגן אַ בוך „די שול אין וויטן מזרח", וואָס איז ניט לאַנג אַרויסגעגעבן געוואָרן אין לענינגראַד פון אַ. באַזאַנאָוו און נ. קאַזאַנסקי. דאָרטן ווערט ברייט געשילדערט די „ראָמאַנטישקייט" פון די סאָוועטישע בילדונגס־טוער אין זייער אַרבעט פון גרינדן שולן און אויסבילדן וויסנ־שאַפטסלייט אין די אַרקטישע געגנטן.

„וואָס מער איך לייען, אַלץ מער פרעג איך זיך, צי וואָלט איך ניט געקאָנט ווערן אַזאַ שרייבער ווי אַלעקסאַנדער פּושקין. ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך?" אַזוי שרייבט אַ שילער אין אַ שול פאַר די אול־טשיס, אַ קליינע נאַציאָנאַלע גרופּע אין וויטן צפון. דאָס האָט דער אינגל געשריבן אין זיין קאָמפּאָזיציע אויף דער טעמע „וואָס איך וויל זיין", און ער האָט אויסגעדריקט דעם נייעם חשק צו לערנען און די נייע אַמביציע און דעם ענטוזיאַזם, וואָס האָבן אָנגעהויבן ברענען אין די הערצער פון דער אַרקטישער יוגנט.

דער דין פון קענטערבערי זאָגט נאָך וועגן דעם: „בשעת געאָלאָגן, אינזשענערן, אַגראָנאָמען, לופט־פליער און די מאַנשאַפטן פון שיפן האָבן געשטרעבט צו באַהערשן לאַנגע שטרעקעס, צו בויען אינדוסטריען און פאָר־שען די ערד, כדי אַרויסצובאַקומען אירע רייכטימער, האָבן דערציער גע־פאָרשט די מוחות פון די פּשוט׳ע צפון־קינדער און זיי האָבן אַנטדעקט מענטשלעכע און גייסטיגע ווערטן, וואָס וועלן באַרייכערן די קונסט און אינ־טעליגענץ פון דער וועלט. די אַרקטישע יוגנט קאָן נאָך פאַרווירקלעכן דעם טרוים פונדעם קליינעם אולטשי, דעם עסעי־שרייבער, וואָס וויל ווערן אַ צווייטער פּושקין".

און—אויב נישט נאָך העכער.

און פאַרוואָס טאַקע ניט: „ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך?".

די אַרקטישע יוגנט קאָן נאָך פאַרווירקלעכן דעם טרוים... פּונקט ווי די סאָוועטישע אידישע יוגנט, די אוקראַאינישע אָדער ווייסרוסישע.

דער דין פון קענטערבערי האָט גערעדט וועגן דער „ראָמאַנטישער" אַרבעט פון די סאָוועטישע לערער און דערציער. אָבער מיר האָבן געזען פון דעם קליינעם אולטשי, אַז אויך די סאָוועטישע שילער קאָנען זיין זייער ראָמאַנטיש. נון, איך האָב אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ניט געהאַט קיין געלע־גענהייט צו באַגעגענען די אַרקטישע יוגנט. דערפאַר האָב איך באַגעגנט

אנדערע פון דער שטודירנדיגער יוגנט. און דאָ וועל איך בלויז דערציילן פון מיינע באַגעגענישן מיט צוויי סאָוועטישע סטודענטן. זיי זיינען אויך געווען „ראָמאַנטיש". זיי האָבן אויך געהאַלטן, אַז ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך? אָבער ווען ניט מיינע דערפאַרונגען מיט זיי, וואָלט איך אַליין געהאַלטן און געזאָגט, „אַז דאָס איז ניט מעגלעך"...

באַגעגעניש נומער 1.

מינסק, הויפּט־שטאָט פון דער ווייס־רוסישער רעפּובליק, 1932. אַ הייסער זומער טאָג. איך גיי אין גאַס מיט מיין שוועסטער. זי באַגעגנט פּלוצים אַ יונגע מיידל פון אַ יאָר צוואַנציג. זיי נעמען זיך אַרום און צעקושן זיך, ווי ליבלעכע שוועסטער.

די פריינדינע האָט גאָלד־פּלאַקסענע האָר, בלויע אויגן. דאָס פּנים אָפּגעברענט פון זון. די בלאָנדע צעפּ פאַרפלאָכטן מיט פאַרביגע לענטעס. אויפ׳ן קאָפּ אַ פּאַטשיילקע. זי טראָגט אַ ווייסע, אויסגענייטע בלוזקע, אַ קלייד מיט פאַלדן, און... באָרוועס. אירע שיך זיינען אַריבערגעוואָרפן אי־בער׳ן פּלייצע, ווי אַ פּויערטע טראָגט אַ קאָראָמיסלע מיט עמערס וואַסער.

איך בין אַ היבש ביסל איבערראַשט פון דער אומגעריכטער עקזאָטי־שער סצענע. פון זייער לעבהאַפטן, אינטים־האַרציגן שמועס געפין איך אויס:

די יונגע בלאָנדינקע, וועלכע האָט געשפּאַצירט אַ באָרוועסע איבער די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט, איז אַ דירעקטאָרשע פון אַ שטריק־זאַוואָד. און נאָך עפּעס.

די יונגע באָרוועסע ווייס־רוסישע פּויערטע איז אַהער געקומען אַריינ־צוטרעטן אין „קאָמוואוז" (קאָמוניסטישער אוניווערזיטעט). די „קאָמ־וואוזן", קאָמוניסטישע הויך־שולן זיינען שוין דעמאָלט פּאַקטיש פאַרוואַנ־דעלט געוואָרן אין אַגריקולטור־קאָלעדזשעס, ווי מען וואָלט זיי אָנגערופן אין אַמעריקע.

בין איך נאָך מער איבערראַשט. פון גרויס אויפרעגונג איבער דער באַגעגעניש האָט מיין שוועסטער פאַרגעסן מיך פאָרצושטעלן פאַר איר שיי־נער פריינדינע מיט׳ן עכט־רוסישן וואויל־קלינגענדיגן נאָמען אירינושקאַ. ענדלעך כאַפּט זי זיך און באַקענט אונז. נוץ איך אויס די געלעגנהייט און נעם דאָס מיידל מיט די גאָלדענע צעפּ אויף אַ קרייץ־פאַרהער:

— פאַרוואָס גייט איר אין שטאָט אַ באָרוועסע, ווען איר האָט שיך?

— אַ ביסל פון געוואוינהייט, אַ ביסל איז מיר אַ שאָד די שיך. כ׳על זיין אַ לאַנגע צייט אין שטאָט, זיי דאַרפן אַ סך נוצן, ווילט זיך שאַנעווען און פּילנעווען.

— פאַרוואָס ווילט איר אַריינטרעטן אין „קאָמוואוז"?

— פאַרוואָס ניט? — ענטפערט זי מיט אַ פראַגע. — מען דאַרף דאָס וועלן און זיך עס פאַרדינען. מיך האָט מען געשיקט. דער פּאַרטיי־קעמערל פון מיין טרעסט האָט באַשלאָסן מיך צו שיקן. דער קאָלעקטיוו פון זאַוואָד האָט געגעבן זיין צושטימונג. און איך אַליין האָב געטאַנצט פאַר שמחה.

— אָבער וואָס איז פאַרט מיט אייך די גדולה? צו וואָס דאַרפט איר עס.

— זייער פּשוט. דער שטריק־זאַוואָד וואַקסט ווי אויף הייוון. פאַר מיר ווערט אַלץ שווערער מיט אים אָנפירן. פּראַקטיש בין איך טאַקע זייער גוט באַהאַוונט אין אַלע איינצלהייטן ווי צו מאַכן שטריק. מיר האָט אָבער גע־פעלט מער טעאָרעטישער און פּאָליטישער וויסן. בין איך געקומען זיך איצט

אַ ביסל מער אונטערקאָווען פֿאַר'ן פֿאַראַנטוואָרטלעכן אַמט פֿון דירעקטאָר.

— זאָגט מיר דעם אמת: מען האָט אייך געשיקט אין דאָרף?

— איך שטאַם פֿון זייער אָרעמע פּויערים. מיינע עלטערן זיינען געווען באַטראַקעס.

— איר רעדט דאָך אָבער ווי אַ זייער געבילדעטע און אינטעליגענטע שטאָטישע מיידל? צי דען קאָן מען קריגן אין אַ דאָרף אַזוי פֿיל בילדונג אַריינצוטרעטן אין אַן אוניווערזיטעט?

— שטאָט—דאָרף. איר רעדט מאָדנע. מיר פּרובירן אָפּשאַפֿן די צעטיילונג אויף שטאָטישע און דאָרפֿישע מענטשן. מיר פּרובירן אָפּשאַפֿן די צעטיילונג אויף פֿיזישער און אינטעלעקטועלער אַרבעט. ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך? מיר זיינען ניט מער די אַמאָליגע „מוזשיקעס", נאָר סאָוועטישע קאָלכאָזניקעס און סאָווכאָזניקעס. כ'בין ניט די איינציגע געבילדעטע דאָרפֿס־מיידל. ניט קיין אויסנאַם, וואונדער־קינד אָדער בייז־וואונדער. מיר איז געווען אַ מאַמע דער קאָמיוג, און אַ טאַטע—די פּאַרטיי. דער קאָמיוג האָט מיך דערצויגן און די פּאַרטיי האָט מיך געלערנט. ביז 13 יאָר האָב איך אַפֿילו ניט געקענט אונטערשרייבן מיין נאָמען. אין קאָמיוג האָט מען ליקווידירט מיין בעזגראַמאָטנעקייט. שפּעטער האָט מיך דער קאָמיוג געשיקט צו לערנען דריי יאָר אין אַ געגנטלעכער פּאַרטיי־שול. דערנאָך געאַרבעט אויפֿ'ן שטריק־זאַוואָד, געווען הויפּט פֿון „מעסטקאָם" (יוניאָן־פּאַרטרעטער, וועלכער היט אָפּ די באַדינגונגען) און נאָך אין משך פֿון דער צייט אַריינגעכאַפּט אַ יאָר אויף איבערקוואַליפֿיקאַציע אָוונט־קורסן פֿון דעם לאַנדווירטשאַפֿטלעכן קאָמיסאַריאַט. זיך אומעטום אויסגעצייכנט און דערפֿאַר דערהויבן געוואָרן צום אַמט פֿון דירעקטאָר. איצט וועל איך ווידער זיין אַ סטודענט און דערנאָך ווידער אויף דער „פּראָאיזוואָדסטווע" (אונטערנעמונג). דערנאָך ווידער לערנען און ווידער אַרבעטן. טעאָריע און פּראַקטיק גייען צוזאַמען. אַזוי פֿירט מען זיך ביי אונז אין לאַנד.

אָט די לעצטע ווערטער האָט זי שוין פֿאַרענדיגט מיט אַ ברייטן איראָניש, סאַרקאַסטישן שמייכל. אין זיך גע'חוזק'ט פֿון מיינע נאַאיווע פֿראַגן. געטראַכט: אָט אַ יאָלד, שטעלט עפּעס אַזעלכע מאָדנע קלאָץ־קשיות.

אירינושקאַ, ווי דער אולטשי, האָט אָבער אויך געהאַלטן: ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך? זי איז געווען זיכער, אַז זי דאַרף נאָר וועלן, קאָן זי אַלץ זיין און ווערן. ווייל אָט איז זי דאָך געוואָרן אַ דירעקטאָר פֿון אַ פֿאַבריק.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט סאָוועטישע פּויערים. מיין צווייטע איז פֿאָרגעקומען קורץ נאָכדעם. גענוי: אַרום ערשטן אָדער צווייטן נאָוועמבער, 1932. בין געפֿאָרן פֿון אָדעס קיין כאַרקאָוו, כדי פֿאָרן פֿון דאָרטן צום דניעפּראָסטאָי.

אין דעם „זשאָסטקי" וואַגאָן איז מיר אויסגעקומען צו זיצן אַ באַנק לעבן אַ באַנק מיט אַ בילד־שיינעם יונגן, שטאַרקן, שוואַרץ־חנ'עוודיגן בחור. זייער אַ זשוואַווער, אַן אויסגעפּוצטער, מיט אַן אינטעליגענטן פּנים און שקאַצעוואַטער טשופּרינע. געווען אויף אַן אמת „טאָל, דאַרק ענד הענדסאָם", ווי די אַמעריקאַנער זאָגן. אַ „רעגעלער" האָליוואָוד סטאָר.

כ'האָב באַמערקט, אַז ער האָט מיט זיך אַ צאָל גוטע בעלעטריסטישע ביכער אויף אוקראַיניש און רוסיש. צווישן זיי איז אויך געווען די רוסישע אויסגאַבע פֿון פּוירל באָק'ס אַמעריקאַנער באַרימטע בוך „גוד אוירט" וועגן

כינע, איינס פון די סאַמע נייעסטע ביכער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך אַליין האָב עס נאָך ניט געהאַט געלייענט, אָבער שוין געוואוסט דערפון פון אַר־טיקלען און רעצענזיעס אין דער פרעסע. ביי מיר איז ניט געווען קיין צוויי־פעל, אַז ער איז אַ שרייבער אָדער אַן אַקטיאָר צי אַן אַנדער סאָרט קינסטלער און אינטעלעקטואַל.

אין וואַגאָן האָט זיך געפילט אַ געוויסער גערודך. כ'האָב אָנגעהויבן פאַרדעכטיגן, אַז ער קומט פון מיין אינטעלעקטואַלן שכן. דאָס האָט מיך נאָכמער פאַראינטריגירט. האָב איך פאַרפירט מיט אים אַ שמועס און אויסגעפונען:

ער איז אַ „סווינאָוואָד", אַרבעט אויף אַ סאָווכאָז פון חזירים־צוכט, אַן אוקראַינער, זיין פאַמיליע־נאָמען איז מיקאַלענקאָ, האָט ביז'ן עלטער פון 10 יאָר איינגאַנצן ניט אָנגעזען קיין בוך, יונג אריין אין קאָמיוג, געענדיגט אַ „סעמילעטקע" (אַ שול פון זיבן קלאַסן) אין זיין געגנט, לערנט אויף „זאַ־אָטשנע" (הינטער די אויגן, דורך קאָרעספּאָנדענץ) קורסן פון „קאָמוואוז" אין כאַרקאָוו, פאָרט עטלעכע מאָל אין יאָר האַלטן עקזאַמענס, וועט אינ־גיכן ווערן אַ דיפּלאָמירטער אַגראָנאָם און ער פּלאַנעוועט נאָך צו שרייבן אַ בוך וועגן חזירים־צוכט.

און „ווער קאָן זאָגן, אַז דאָס איז ניט מעגלעך?"

ס'איז אמת געווען פאַר מיר נאָך דעמאָלט אַ ביסל אומגלויבלעך. עפּעס האָט זיך ביי מיר ניט פּאַטויפעט אין קאָפּ: ער פּאַשעט חזירים און לייענט פּוירל באַק; אַ „סווינאָוואָד" און קוקט אויס ווי אַ האָליוואודער סטאַר; אַ פּויערשער יונג און לערנט אין אַן אוניווערזיטעט; ביז 10 יאָר אפילו ניט אָנגעזען די שוואַרצע פינטעלעך און האָט בדעה שרייבן וויסנשאַפטלעכע ביכער. ביי מיקאַלענקאָ'ן איז אָבער גאָר ניט געשטאַנען אַזאַ פראַגע: יאָ מעגלעך—ניט מעגלעך.

געוויס מעגלעך! מען דאַרף נאָר ווילן!

אידן, אויך ניט־אידן, האָבן קנאַפּ־וואָס געהאַלטן פון פּויערים. און וואָס קאָן זיין מער טריף ביי אידן, ווי חזיר? אידן האָבן געזאָגט: „אַ פּויערשער קאָפּ"; „פון אַ חזיר'שן עק קאָן מען קיין שטריימל ניט מאַכן"; „איך האָב מיט אים צוזאַמען קיין חזירים ניט געפּאַשעט"; וואָס קאָן זיין נאָך נידעריגער און געפּאַלענער ווי פּאַשען חזירים? ביי מיקאַלענקאָ'ן האָט זיך נאָך ערגעץ אויפגעהאַלטן דער ריח... פון די חזירים. ביי מיר האָט זיך ערגעץ אויפגעהאַלטן די טראַדיציאָנעלע באַציאונג צו פּויערים און צו חזירים.

אָבער אירינושקאַ און מיקאַלענקאָ זיינען געווען גאָר אַנדערע פּויערים, סאָוועטישע פּויערים, סאָוועטישע סטודענטן, נייע מענטשן. זיי האָבן פאַר־קערפּערט אַן אידעאַלע קאָמבינאַציע פון טעאָריע און פּראַקטיק. זייערע ביאָגראַפיעס, ווי די ביאָגראַפיעס פון די בעסטע און פירנדיגסטע סאָוועטישע מענטשן, זיינען ענג געווען איבערגעפלאָכטן מיט דער ביאָגראַפיע פון דעם סאָוועטישן לאַנד, מיט דער ביאָגראַפיע פון דער קאָלכאָזנער אָרדענונג.

פון אולטשי־אינגל קאָן נאָך ווערן אַ פּושקין, און פון מיקאַלענקאָ—אַ פּאַוולאָוו.

יאָ, ס'איז מעגלעך.

יאָ, אַלץ איז מעגלעך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד!

ל י ו ד מ י ל אָ

אַ ליבער גאַסט אין אַמעריקע—ליודמילא פאַווליטשענקאָ

וואַשינגטאָן האָט צום ערשטן מאָל געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען דריי דעלעגאַטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון וועמען עס האָט נאָך געשמעקט דער פּולווער און זיך געפילט דער רויך פון די סאָוועטישע שלאַכט־פעלדער.

דריי דעלעגאַטן — דריי סאָוועטישע העלדן — דריי פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער יוגנט צום אינטערנאַציאָנאַלן קאָנגרעס פון סטודענטן, אין דער אַמעריקאַנער הויפּט־שטאָט.

וואַשינגטאָן האָט צום ערשטן מאָל געהאַט אַ געלעגנהייט צו זען „דאָס מיידל פון לענינגראַד" ניט אויפן פילם, נאָר אין פלייש און בלוט, אין דער פּערזאָן פון איינער פון די דעלעגאַטן, ליודמילא פּאַווליטשענקאָ, וואָס איז אַלס סנאַיפּערקע געוואָרן באַרימט פאַר איר דערשיסן 309 נאַצים.

ליודמילא פּאַווליטשענקאָ — דאָס מיידל פון קיעוו — און די אנדערע צוויי, וואָס האָבן אויך אומגעווייניגלעכע אויפטועז אויף זייער רעקאָרד, זיינען געווען די ערשטע סאָוועטישע בירגער צו נעכטיגן אין ווייסן־הויז אַלס די געסט פון פּרעזידענט און מרס. רוזוועלט. פון סעוואַסטאָפּאָל, וואו ליודמילא האָט געקעמפט ביזן לעצטן טאָג פון דער פאַרטיידיגונג, ביז וואַשינגטאָן און דאָס ווייסן־הויז איז פאָלג מיר אַ גאַנג. אָבער אין דער אמת'ן איז עס גאָר ניט אַזוי ווייט, ווייל די פאַרטיידיגונג פון סעוואַסטאָפּאָל, ווי די פאַרטיידיגונג פון סטאַלינגראַד און דאָן, זיינען אויך די פאַרטיידיגונג פון וואַשינגטאָן, ניו יאָרק, האָדסאָן און לאָנדאָן און אַלע פאַראייניגטע מלוכות.

און אַט דעם פאַקט סימבאַליזירט די סאָוועטישע דעלעגאַציע אין וואַשינג־טאָן, און דעם פאַקט דאַרף יעדער פון אונז שטענדיק געדענקען.

די דעלעגאַציע סימבאַליזירט אויך דעם העלדן־מוט און מסירת־נפש פון דער סאָוועטישער פרוי, פון דער סאָוועטישער יוגנט, פון דער רויטער אַרמיי, ווי פון גאַנצן סאָוועטישן פאָלק. ליודמילאַ און נאָך איין יונגערמאַן פון דער דעלעגאַציע, ביידע לייטענאַנטן אין דער רויטער אַרמיי, האָבן אַליין צורעכט געמאַכט מער ווי 450 נאַציסטישע קאַניבאַלן. יונג אין יאָרן, זיינען זיי אָבער שוין וועטעראַנען פון דעם קאַמף מיט די נאַציס.

אין אַ ראַדיאָ־אינטערוויו, וואָס איז געבראָדקעסט געוואָרן אויף דער ראַדיאָ (בליו נעטוואָירק), האָבן ליודמילאַ פּאַוולישטשענקאָ און וולאַדימיר פּטשעלינצעוו, ביידע עלטערע גווארדייער־לייטענאַנטן, דאָס מיידל 26 יאָר אַלט און דער בחור 23 יאָר אַלט, ביידע ס נאַיפּערס (גוטע ציל־שיסער, שאַרף־שיסער) און לערער פון דער סנאַיפּער־קונסט צו אַנדערע, דערציילט ווי זיי האָבן אַוועקגעשיקט אויף יענער וועלט מער ווי 450 נאַציס, זי — 309 און ער — אמווייניגסטנס 154.

ניקאָלאַי קראַסאַווטשענקאָ, דער דריטער מיטגליד פון דער גרופּע, אויך אַ 26־יאָריגער, האָט צוליב מיליטערישע אורזאַכן ניט געקאָנט צופיל דער־ציילן וועגן זיינע אויפטואונגען, וואָס זיינען אויך געווען זייער גרויס. די סאָוועטישע אמבאַסאַדע האָט בלויז דערקלערט, אַז ער האָט — ניט מער און ניט ווייניגער — אָנגעפירט מיט דער בויאונג פון „אַ וויכטיגער באַ־פעסטיגטער פּאָזיציע", ביי וועלכער עס זיינען געווען באַשעפטיגט 60,000 מענטשן.

ליודמילאַ, וואָס איז די בעסטע סנאַיפּערקע אין סאָוועטן־פּאַרבאַנד, האָט פאַרניכטעט „309 פיינטלעכע אָפיצערן און סאָלדאַטן, מער ווי וועל־כער עס איז אַנדער סנאַיפּער", און איז דערפאַר באַערט געוואָרן מיט'ן לענין־אָרדן. זי האָט דערציילט אויף דער ראַדיאָ, אַז זי איז פרייוויליג גע־וואָרן אַ פּאַרטיזאַן צוליב איר „גרויסן האַס צו דעם שונא", וואָס האָט זיך דערוועקט אין איר בעת די באַמבאַרדירונגען פון אָדעס, וואו אַ סך פרויען און קינדער זיינען דער'הרג'עט געוואָרן, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס די נאַציס האָבן געוואוסט, אַז „די שטאָט איז אין יענער צייט ניט געווען קיין מיליטער־צענטער".

זי האָט געוואַרט דריי טעג צייט, האָט זי דערציילט, ביז זי האָט באַוויזן צו טויטן דעם ערשטן דייטשן סנאַיפּער. ווען מ'האָט זי געפרעגט, ווי אַזוי זי האָט געפילט נאָכן טויטן אַ מענטשן צום ערשטן מאָל, האָט זי געענט־פערט:

„כ'האָב געפילט ווי יעדער מענטש, וואָס האָט צום ערשטן מאָל געטויט אַ גיפטיגע שלאַנג".

ליודמילאַ איז געבאָרן געוואָרן אין בעלאַצערקאָוו אין 1916. אין 1932 האָבן זיך אירע ארבעטער־עלטערן באַזעצט אין קיעוו, וואו זי איז נאָכן גראַ־דואירן פון דער מיטלשול אַוועק אַרבעטן אין דעם „אַרסענאַל"־זאַוואָד. זי האָט צוערשט אָנגעהויבן ווי אַ ניט־קוואַליפיצירטער ארבעטער און מיט דער צייט געוואָרן אַ טאָקער און צייכנער.

פון קינדווייז אָן האָט זי ליב געהאַט פאַרשיידענע ספּאָרט־שפּילן — לויפן, שפּרינגען, רודערן און אַז. וו. אין דער פאַבריק איז זי געווען אַקטיוו אין דעם פיזקולטור־קרייז. שפּעטער זיך פאַראינטערעסירט אין דעם שיסער־

קרייז, וואו זי האָט זיך אויסגעצייכנט. אין 1938 האָט זי גראַדואירט פון דער ספּעציעלער שולע פאַר די בעסטע ציל־שיסערס—סנײַפּערס.

ווען די נאַצים זיינען אָנגעפאַלן אויפ׳ן סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זי זיך געפונען אין א זומער־רעזאָרט אין אָדעס. זי האָט זיך פרייוויליג באַלד אָנגעשלאָסן אַלס א סנײַפּער אין א מיליטערישן טייל פון אָדעס. ביז אָקטאָבער, 1941, איז לייטענאַנט ליודמילא פּאַווליטשענקאָ געווען צווישן די פאַרטיידיגער פון אָדעס. שפּעטער איז זי, נאָכ׳ן פאַרלאָזן מיט די טרופּן די שטאָט, אַריבערגעפאָרן קיין סעוואַסטאָפּאָל, וואו זי האָט פאַקטיש געקעמפט ביז׳ן סאַמע לעצטן מאָמענט פון דער פאַרטיידיגונג. זי איז פיר מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן, „צוויי מאָל זייער שווער און צוויי מאָל זייער לייכט״, זי האָט אָבער קיינמאָל ניט פאַרלאָזן איר פּאָסטן.

א סך אַנדערע סאָוועטישע מיידלעך און פרויען דינען אַלס סנײַפּערס,— האָט זי דערציילט, — און זי אַליין איז ניט נאָר גערן זיך אומקערן צום פראָנט, נאָר „וואַרט שוין אומגעדולדיג אויף דעם מאָמענט״.

דער לייטענאַנט פּטשעלינצעוו איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה געווען א סטודענט אין דעם באַרימטן לענינגראַדער „גאָרני״ אינסטיטוט פאַר מאַיןאינזשענירן, וואו ער פלעגט, אגב, געווינען אַלע טענץ־פאַרמעסטונגען און איז אָנגערופן געוואָרן „טאַנץ־קעניג״, אָבער לעצטנס האָט ער געוואונען אַן אַנדער סאַרט טיטול „העלד פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד״ פאַר „בראַווקייט און העלדנמוט אין קאַמף מיט די דייטשע אַריינדרינגער״.

ער האָט זיך אָנגעהויבן לערנען שיסן אין עלטער פון 10 יאָר און גראַדואירט מיט אויסצייכענונגען אַלס „סנײַפּער פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד״ פון דער סנײַפּער־שול פון „אָסאָוויאַכים״, אַן וועלכער ער האָט זיך אָנגעשלאָסן נאָך אַלס סטודענט.

זיין רעקאָרד איז א מערקווירדיגער: ער האָט געטויט 154 דייטשן מיט 153 קוילן, וואָס איז געווען, ווי ער האָט דערקלערט, א רעזולטאַט פון „פאָרזיכטיג שטודירן און פּלאַנירן״. ער האָט גענוי יעדעס מאָל אויסגעפאָרשט דעם פּלאַץ, וואו דער שונא קאָן זיך באַווייזן און יעדן מיטל, וואָס ער קען נוצן זיך צו פאַרשטעלן און אויסבאַהאַלטן. מיט איין קויל האָט ער דער׳הרג׳עט צוויי דייטשן, וואָס זיינען געגאַנגען איינער הינטער דעם צווייטן.

דער דריטער סאָוועטישער סטודענט־דעלעגאַט, א פאָרשטייער פון דער מאָסקווער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, און פאַר׳ן אָפּפאָרן קיין אַמעריקע מיט דריי וואָכן צוריק, צווישן אַנדערע זאַכן, אויך געווען באַאויפטראַגט מיט באַזאָרגן מאָסקווע מיט באַהייצונג־מאַטעריאַלן. ער איז אָבער אויך געווען א וועטעראַן פראָנט־קעמפער און דורכגעמאַכט זייער א סך אומגעוויינלעכע פּאַסירונגען. אין איין פאַל איז ער מיט א סך אַנדערע פעסטונג־בויער אַרומגערינגלט געוואָרן פון דייטשן. א צווייטן מאָל איז ער געפאַנגען געוואָרן פון די נאַצים, אָבער אין עטלעכע שעה אַרום איז אים געלונגען צו אַנטלויפן, כאָטש ער האָט געדאַרפט דורכפאָרן 250 מייל נאַצי־אָקופּירטע טעריטאָריע איידער ער האָט געקענט אַריבערגיין די פראָנט־ליניע. ער האָט גראַדואירט פון דעם מאָסקווער אינסטיטוט פון געשיכטע, פילאָסאָפיע, ליטעראַטור און קונסט.

די דריי סאָוועטישע דעלעגאַטן זיינען אָנגעקומען דעם 27טן אויגוסט אין וואַשינגטאָן. די דריי־וואָכיגע רייזע פון מאָסקווע האָבן זיי דורכגעמאַכט אין א באָמבער, פאַן־אַמעריקען קליפּער און באַן. זיי האָבן ניט גאָר געגעסן פרישטיק אין ווייסן הויז, נאָר דאָרטן אויך גענעכטיגט אַלס די געסט פון פּרעזידענט און מרס. רוזוועלט.

א בריוועלע דער מאַמען...

אַט וואָס ליודמילא פּאוליטשענקאַ'ס מוטער האָט געזאָגט וועגן איר טאָכטער:

„...כ'בין די מוטער פון לייטענאנט ליודמילא פּאוליטשענקאָ, וואָס שלאָגט זיך אין סעוואסטאָפּאָל און וואָלט וועלן דערציילן די יונגע מענער און פרויען וועגן איר טאָכטער, וועגן די געדאַנקען און געפילן מיט וועלכע עס זיינען אָנגעפילט אירע בריוו צו דער מאַמען.

„ליודמילא איז א לעבעדיגע, ענערגישע מיידל. זי האָט ליידנשאַפטלעך ליב איר לאַנד. ווען די דייטשן האָבן אטאַקירט אונזער לאַנד האָט זי ניט געקענט פארבלייבן אין דער היים, נאָר אַוועק פרייוויליג דינען אין דער רויטער אַרמיי. ליודמילא'ס אויפטוען זיינען פאַר מיר א קוואַל פון פרייד. מיין וואַלענטינא, ליודמילא'ס שוועסטער, אַרבעט אויף א מלחמה־פאַבריק און די פאַרוואַלטונג איז פול מיט לויב פאַר איר. בין איך דעריבער שטאָלץ מיט מיינעביידע מיידלעך, וואָס האַלטן אויס מיט ערע די פּראָבע פון מוט אין די שווערע, פאַראַנטוואָרטלעכע טעג.

פאַראַיאָרן אין אויגוסט האָט ליודמילא צו מיר אַזוי געשריבן:

„...כ'בין ערשט צוויי חדשים אין דער אַרמיי און שוין באַוויזן צו געבן היבשע קלעפּ די רומענער און דייטשן. אַט די בלוט־דורשטיגע חיות האָבן שוין צוויי מאָל אויפגעריסן די ערד אַרום מיר און מיך טיף באַגראָבן און פאַרשאָטן. געפין זיך איצט אין שפּיטאָל, נאָר אין צוויי טעג אַרום וועל איך זיך אומקערן צו די רייען... כ'האָב זיך שוין אַליין גענוג אָנגעזען. זייערע גרוילטאַטן מאַכן דאָס בלוט צום קאָכן. אָבער צאָרן איז א גוטע זאַך אין מלחמה, ווי האַס און הייליגע נקמה."

אין אַן אַנדער בריוו האָט ליודמילא דערציילט גענויער וועגן איר אַרבעט. „דו ווילסט וויסן, וואָס איך טו? ס'איז ניט קיין מיליטערישער סעקרעט (סוד). איך טויש אויס „קאָמפּלימענטן" מיט די „פריצעס" דורך צילעווען און אַרויסשיסן איינצלנע קוילן אין סאַמע פּינטל. איך מוז דיר זאָגן, אַז דאָס איז די איינציגע ריכטיגע און אומפאַרמיידלעכע שטעלונג צו די נאַצישע אַריינדרינגער. אויב מען וועט זיי ניט אויס'הרג'ענען גענוג שנעל, וועט מען פון זיי גאָר ניט קענען פּטור ווערן".

זי האָט מיר אויך געשריבן, אַז ווען זי איז דאָס צווייטע מאָל פאַרוואונדעט געוואָרן, האָט איר פריינט לעאָניד זי אַרויסגעטראָגן פון שלאַכטפעלד. ער איז אַן אמת'ער טייערער חבר. ווי איר מוטער בין איך זייער צופרידן, וואָס ליודמילא האָט געוויזן א ביישפּיל פון מוט און מסירת־נפש צו הונדערטער סנאַיפּערס, וואָס צאָלן אָפּ די דייטשן פאַר אונזער פאַרוויסטן, צעפלינדערטן, פאַרבלוטיגטן היימלאַנד...

„דאָ סקאָראָוואָ סווידאַניא וו זאַפּאַדנאַי יעווראָפּע"

— ביים געזעגענען זיך מיט אייך זאָג איך ניט „פּראָשטשאַי", אָדער „גודבאַיי", נאָר „דאָ סווידאַניאַ, דאָ סקאָראָוואָ סווידאַניא וו זאַפּאַדנאַי יעווראָפּע".

(אויף ווידערזען, אויף א גיכן ווידערזען אין מערב אייראָפּע).

דאָס האָט אין איר דראַמאַטישער, רירנדיגער רעדע געזאָגט לייטענאַנט ליודמילא פּאַוולִיטשענקאָ צו די 6 טויזנט מענטשן, דעם 19טן אָקטאָבער, 1942, אין ניו יאָרקער מאַנהעטן סענטער, אויף דעם אָפּשייד־אָוונט פאַר דער סאָוועטישער סטודענטן־דעלעגאַציע, וואָס די יוגנט־דיוויזיע פון דעם רוסישן וואָר רעליף האָט איינגעאָרדנט.

מיט אַנדערע ווערטער האָבן די זעלבע פאָדערונג צו עפענען באַלד א צווייטן פראָנט אין אייראָפּע אויסגעדריקט ליודמילאַ'ס חברים־דעלעגאַטן לייטענאַנט וולאַדימיר פּטשעלינצעוו און ניקאָלאַי קראַסאַווטשענקאָ. די אַמעריקאַנער שטודירנדיגע יוגנט, די אַמעריקאַנער אַרבעטער, די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן, די מערהייט פון אַמעריקאַנער פאָלק פאָדערן באַלד צו עפענען א צווייטן פראָנט — האָבן עדות געזאָגט די אַנדערע רעדנער און די טויזנטער פאַרזאַמלטע האָבן מיט מעכטיגע אָוואַציעס און שטורעמדיגע אַפּלאָדיסמענטן אויסגעדריקט זייער שטיצע פאַר דעם שאַל־רוף פון אַלע פעלקער פון די פאַראייניגטע מלוכות.

אומפאַרגעסלעך. אומבאַשרייבלעך. אַט די סאָרטן ווערטער זיינען אויף אן אמת אָנגעמאָסטן צו דער פאַרזאַמלונג אין מאַנהעטן סענטער. דאָרטן זיינען ניט נאָר געהאַלטן געוואָרן וויכטיגע פּאָליטישע רעדעס, נאָר די דעמאָנסטראַציע פאַר די סאָוועטן־דעלעגאַטן, פאַר דער רויטער אַרמיי און סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט דראַמע, פּאַטאָס, פייערלעכקייט, ערנסטקייט, דערהויבנקייט, יום־טוב און אפילו מיט הומאָר און סאַטירע.

די בילדלעכע, אינהאַלטרייכע, פייערלעכע רעדע אין מאַנהעטן סענטער האָט ליודמילא פּאַוולִיטשענקאָ געווידמעט די „פרויען און מיידלעך פון דער גרויסער אַמעריקע". זי האָט אָנגעהויבן מיט א שילדערונג פון די אומגעוויינלעכע ליידן, וואָס די פרויען מאַכן דורך צוליב די גרויזאַמע פאַשיסטישע רויבער און מערדער. דערנאָך האָט זי דערציילט וועגן געפייניגטע, פאַרקריפּלטע, דערמאָרדעטע פרויען און קינדער, וואָס זי האָט אַליין געזען און גערופן ניט צו וויינען און קלאָגן, נאָר קעמפן, ווייל „טרערן קאָנען ניט אָפּשטעלן קיין שטאָלענע טאַנקען".

ליודמילא האָט גערופן די אַמעריקאַנער אַרבעטער־פרויען צו פאַרגרעסערן זייער פּראָדוקציע פאַר מלחמה און פאַרשטאַרקן זייער הילף דורך ראַשען וואָר רעליף צום סאָוועטישן פאָלק און די העלדישע סאָוועטישע פרויען, וואָס גיבן אַוועק אַלץ צו פאַרניכטן דעם אַלגעמיינעם שונא. די אַמעריקאַנער פרויען דאַרפן העלפן זייער רעגירונג, זאָגט זי, אויסצופילן די פאַרפליכטונגען צום סאָוועטן־פאַרבאַנד אין דער פולער מאָס און אין צייט, און אַז אין די קומענדיגע אנטשיידנדיגע שלאַכטן וועלן די אַמעריקאַנער פרויען, ווי די פרויען פון סעוואַסטאָפּאָל, לענינגראַד, מאָסקווע און סטאַלינגראַד, אינספּירירן זייערע מענער, זין און געליבטע צו העלדישע מעשים.

ליודמילא האָט צום סוף באַדאַנקט מרס. פרענקלין ד. רוזוועלט פאַר איינלאַדן די סאָוועטישע דעלעגאַטן קיין אַמעריקע צום אינטערנאַציאָנאַלן סטודענטן־קאָנגרעס און איר גאַסטפריינטלעכקייט אין ווייסן־הויז. זי האָט אין נאָמען פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע באַדאַנקט אַלע וואָס האָבן געהאָלפן איינאָרדענען די אומפאַרגעסלעכע אויפנאַמעס פאַר זיי איבער'ן לאַנד און פאַרזיכערט די פאַרזאַמלטע, אַז ניט נאָר זי, נאָר אַלע סאָוועטישע פרויען וועלן קיינמאָל ניט זיין די פרויען פון שקלאַפן און וועלן בעסער קעמפן ביז'ן

לעצטן טראָפּן בלוט געגן דעם שונא פון דער גאַנצער ציוויליזירטער מענטש־היים.

שוין דאָס שטורעמען דעם מאַנהעטן סענטער פון די טויזנטער און טויזנטער, וואָס האָבן נים געקענט אריין צוליב מאַנגל אין פּלאַץ, האָט געוויזן די גוואַלדיגע ליבשאַפט פון די מאַסן אין אַמעריקע צום סאָוועטן־פאַרבאַנד, צו די פּאַרטיידיגער פון סטאַלינגראַד, צו ליודמילא פּאַווליטשענקאָ, וואָס האָט באמת געפאַנגען דאָס הארץ און נשמה פון אמעריקע, באַצויבערט דאָס לאַנד.

און גערעכט איז געווען מרס. עלינאָר פּראָט, וויים־טשערמאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל סטודענט סוירווים, וואָס האָט אין איר וואונדערלעכער רעדע דערקלערט, אַז קיינער פון די געסט פון די עלאַים האָט אַזוי פיל נים אויפגעטאָן פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון דער מלחמה־אָנשטרענגונג אין אַמעריקע, ווי ליודמילא מיט אירע חברים, און אַז דאָס איז אפשר נים קיין קלענערער אויפטו ווי זייערע העלדישע אויפטוען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. „ליודמילא מיט אירע חברים האָבן באַזוכט אין די לעצטע 6 וואָכן אַלע וויכטיגסטע שטעט און קאָלעדזשעס פון אַמעריקע און אַרויסגעטראָטן אויף הונדערטער פאַרזאַמלונגען.

צווישן עולם אין מאַנהעטן סענטער זיינען געווען נים נאָר א סך יוגנט־לעכע און מענער אין אַרמיי־יוניפאָרמס, נאָר אויך הונדערטער אַרבעטער פון מלחמה־אינדוסטריען אין ניו יאָרק און ניו דזשוירזי. זיי זיינען געקומען באַלד נאָך דער אַרבעט אויסצודריקן זייער דאַנקבאַרקייט צו די פאַרשטייער פון העלדישן סאָוועטישן פאָלק און צו פאָדערן באַלד עפענען א צווייטן פראָנט אין אייראָפּע, האָט איבערגעגעבן אין איר רעדע רוט יאַנג, עדיוקעישאַנאַל דירעקטאָר פון דער יונאַיטעד עלעקטריקאַל און ראַדיאָ וואָרקערס יוניאָן.

פּול מיט פּאַטאָס איז געווען די רעדע פון דזשאָזעף קאָרען, פּרעזידענט פון דער נעשאַנאַל מעריטאַים יוניאָן און פון ניו־יאָרקער סי־אַי־אָ קאונסיל, ווען ער האָט איבערגעגעבן די 100 דאָלאַר פון א מאַטראָס, וועמעס שיף עס איז געזונקען געוואָרן אויפ׳ן וועג קיין מורמאַנסק. מען האָט דעם אַמעריקאַנער מאַטראָס געראַטעוועט און אין א פּאָר טעג נאָך זיין קומען אין ניו יאָרק איז ער באַלד צוריק אָפּגעפאָרן קיין מורמאַנסק. א מעכטיגע אָוואַציע האָט באַגעגנט קאָרען׳ס רוף צו עפענען א צווייטן פראָנט.

פּול מיט דראַמע איז געווען דער מאָמענט, ווען מיטגלידער פון דער יונאַיטעד עלעקטריקאַל, ראַדיאָ און מאַשין אַרבעטער יוניאָן, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין דער קאָלט פאַבריק פון וואָפן אין האַרטפאָרד, האָבן איבערגעגעבן א מתנה פּאַווליטשענקאָ׳ן אַן אויטאָמאַטישן רעוואָלווער מיט א זילבערנער קויל נומער 310. דאָס זעלבע איז געווען מיט די צענדליגער אַנדערע מתנות, וואָס זיינען פּרעזענטירט געוואָרן די סאָוועטישע דעלעגאַטן.

מען דאַרף נאָך פאַרצייכענען די דראַמאַטיזירטע רעדע פון דער באַרימטער אַקטריסע העלען העיז, בעני גודמאַנ׳ס מוזיקאַלישע רעדע, די דראַמאַטיזאַציע „מיין ברודער לעבט אין סטאַלינגראַד״, דער קינדער־כאָר אין די לידער פון דעמאָקראַטיע, די באַי און גוירל סקאַוטס סאַלוטן, א. אַז. וו.

דעם זעלבן טאָג האָב איך געהאַט א צווייטע באַגעגעניש מיט ליודמילא פּאַווליטשענקאָ אין דעם סאָוועטישן קאָנסולאַט אין ניו יאָרק. דאָרטן איז פאָרגעקומען א מאַסן־אינטערוויו פאַר די רעדאַקטאָרן פון אַלע זשורנאַלן, וואָס ווערן אַרויסגעגעבן אין די ניו־יאָרקער קאָלעדזשעס און האַי־סקולס.

ס'איז געווען א פאַרגעניגן צו זען, ווי די צענדליגער אינגלעך און מיידלעך זיינען מערסטנס געווען אויסגעזעצט אויף דעם דיל אַרום דעם טיש ביי וועלכן עס זיינען געזעסן ליודמילא, קראַסאַווטשענקאָ און אַן איבערזעצער, און געשלונגען זייער יעדעס וואָרט.

קראַסאַווטשענקאָ האָט זיי צוערשט געגעבן א קורצע איינלייטונג וועגן דער ראָלע פון דער סאָוועטישער שטודירנדיגער יוגנט. דערנאָך האָט ליוד־מילא אַרום א שעה צייט געענטפערט אויף די שריפטלעכע און מינדלעכע פראַגן פון די יונגע רעדאַקטאָרן. די פראַגן האָבן אַרויסגעוויזן, אַז די ניו־יאָרקער יוגנט איז הויך באַגאַבט און אינטעליגענט און באַנעמט אַלץ מער איר ריכטיגע ראָלע אין דער איצטיגער מלחמה.

אין איר שלום־וואָרט האָט ליודמילא זיי געזאָגט, אַז איר מיליטער־טייל געפינט זיך איצט לעבן סטאַלינגראַד און זי ברענט שוין פון אומגעדולד צו קענען ווידער זיין אינגיכן אויף איר פּאָסטן און פאַרזעצן פאַרניכטן די פאַשיסטישע אַריינדרינגער אַזוי לאַנג ווי אירע הענט וועלן נאָך קענען האַל־טען א ביקס, אַזוי לאַנג ווי איר האַרץ וועט שלאָגן און די אויגן וועלן זען.)

כ'האָב איר נאָכ'ן אינטערוויו צוגעטראָגן די אַרטיקלען פון דער „מאָר־גען־פרייהייט” וועגן דער סאָוועטישער דעלעגאַציע.

ליודמילא גיט איבער אין נאָמען פון דער סאָוועטישער יוגנט און דער רויטער אַרמיי, וועמען זי פאַרטרעט, א הייסן גרוס און דאַנק צו די לייענער פון דער „מאָרגן־פרייהייט” און אַלע אידן פון אַמעריקע פאַר זייער הילף און שטיצע צום ראַשען וואָר רעליף.

ליודמילא מיט ראָזע סיגל אין מאַנהעטן סענטער

אינהאַלט

זייט

אַ בריוו צו די לייענער

אַ מיידל פון מינסק	3
סאָוועטישע ליבע	6
איינע פון מיליאָנען	11
די מיזינקע פון דער אידישער ליטעראַטור	14
סנאַיפּערס	17
די סאָוועטישע שוירלי טעמפּל און דאָס מיידל פון לענינגראַד	20
אליאָשא שענקא און מישא קראַפּיווין	23
„אידישער מאַשין־בוי טעכניקום, אָדעס"	26
צוויי עקזאַמענס	29
דריי ציגיינער זיינען זיי געווען	34
פון אָשר שוואַרצמאַן ביז דאָרע כאַיקינע	40
די אידישע ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד	43
דער סטיל פון דער אידישער סאָוועטישער ליטעראַטור	47
דריי יאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד	49
קיעוו	53
מיט יעקב שייפערין אין כאַרקאָוו	57
„די גראַמאַטיק פון שלאַכט, די שפּראַך פון קאַנאָנען..."	62
פערזענלעכע דערפאַרונגען מיט דער רויטער אַרמיי	65
מען טאָר ניט פאַרגעסן !	69
על נהרות . . . דאָן	71
דער סוד פון סטאַלינגראַד	74
„דער אידישער אַרבעטער איז אונז אַ ברודער"	77
אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה	81
אירינושקא און מיקאָלענקאָ	85
אַ ליבער גאַסט אין אַמעריקע—ליודמילאַ פּאַווליטשענקאָ	89
אַ בריוועלע דער מאַמען...	92
„דאָ סקאָראַוואָ סווידאַניאַ וו זאַפּאַדנאַי יעוראָפּע !"	93